STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06336

# UNTERN SHOTEN FUN HERMON

S. Broches

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. ברכות.

# אונטערן שאָטן פון חרמון

ארץ־ישראל.

הויפּט־פערקויף:
„אסף“ פּאבלישינג קאָמפּ.
ניו יאָרק.

Copyright 1918
by
S. BROCHES (Brojes).

מעהרסטע אַראַבישע נעמען ווי פון מענשען
אַזוי אויך ערטער און בערג האָב איך
געשטעלט מיט דער אידישער אויסלייגונג.



## אונטער'ן שאָטען פון חרמון

אין איינע פון די נעכט, וועלכע זיינען פול געווען מיט דעם פער'כשוף'ט־מעלאַדישען געזאַנג פון די לויפענדע בארג־וואסערען, טרויעריגען שאַקאַלען געוויין, זיסליכען פוקסעל־געלעכטער און לייַדענשאַפטליכען עזעל־געשריי, זיינען זיי אַלע ביי דעם קליין פייערל געזעסען, וואָס האָט אַבגעגלאַנצט מיט אַ געלען שיין אויף די מע־סערס און מעשענע פּאַטראָנעס. די ביקסען זיינען נעבען זיי געלע־גען. דער פולער קאווע־קאַכער, שטעהענדיג הארט ביים פייערל, האָט געגעבען צו וויסען, אז ער איז גרייט אַבצוגעבען זיין צינז צו די מענשען, וואָס זיינען נעבען געזעסען.

ווי אויגען פון נאַכט־געשפּענסטער האָבען געשימערירט די פייער־שמעטערלינגען און געדוכט האָט זיך, אז דער אַלטער זיידע, דער חרמון, מיט אַ ליבליכער ברכה רעגענט אויף די זיצענדע קאַ־לאָניסטען און אראבער מיט מיליאָנען שטערענדלעך.

אנדערע זיינען געלעגען, אנדערע זיינען געזעסען און אויפ־מערקזאַם זיך איינגעהערט אין דעם וואָס איינער פון זיי האָט דער־צעהלט וועגען צוויי פיינדליכע שבטים.

— „ביי איינעם פון די שייכ'ס איז געווען זעהר אַ שענע פרוי און דער זון פון צווייטען האָט זי געליעבט.

און עס איז געקומען אַ טאָג ווען דער שייך איז אויף „חאַזזאַ" געפאָהרען, און דער פערליעבטער האָט זיך שטיל אין זיין ביידעל פער'גנב'עט...

דער שייך האָט זיך אומגעקעהרט, האָט איהם אַלעס אַבער, זיין קנעכט, דערצעהלט. ארויסגעפיהרט האָט דער שייך זיין שעה־נע ווייבעל הינטער די ביידלעך און מיט זיין שפּיעז זי דערשטאָכען. פון דאַן האָט זיך אָנגעהויבען דער בלוטיגער קאַמפּף צווישען די צוויי שבטים" — האָט ער מיט אַ זיפץ פערענדיגט.

— אַך. — אַך.. כאַ! — האָבען אַלע אויסגעצויגען געזיפצט.

— סאַלים׳ן איז נוט — האָט אויסגערופען, נאָך אַ קליין שוויי־גען, אַ איד אַ קאָלאָניסט. — ער האָט ניט קיין ווייב און האָט ניט וואָס מורא צו האָבען.

— וואָס פאַר אַ מענש איז ער אָהן אַ ווייב? — האָט זיך אַן אַראַבער אָבגערופען.

— עס מאַכט ניט, ער וועט אַרבייטען ביי מוסה׳ן, צוזאַמען קלייבען געלט און קויפען אַ ווייב. — האָט דער קאָלאָניסט ניט אויפגעהערט צו לאַכען.

— יאָ, וועסט צונויפקלייבען — האָט זיך שוין סאַלים אָב־גערופען. — וויפיעל יאָהר איך אַרבייט, און וואָס?... דאָס פגר׳ט ביי אונז אַ פערד, דאָס פערוואונדעט איינער פון אונזער משפחה אַ צווייטען פון „סחור", און מען דאַרף מאַכען שלום... און דאָס, צינז דער רעגיערונג... — און איז אַנטשוויגען געוואָרען.

— דו ווייסט, סאַלים, — האָט זיך יעקב דער קאָלאָניסט אָב־גערופען, — איך אַליין וועל ניט קענען מאַכען דעם שניט; גייה אַריבער צו מיר אַרבייטען און איך וועל דיר געבען רחל׳ען פאַר אַ ווייב.

פערוואונדערט האָט איהם אָנגעקוקט סאַלים און די אַראַבער האָבען געלאַכט.

— יאַללאַ, סאַלים! גייה אַריבער אַרבייטען צו יעקב׳ן און דו וועסט האָבען אַ ווייב אַ סעקנאַדזיע.

— נו, סאַלים, געהסט צו מיר אַרבייטען? וועסטו האָבען אַ ווייב — האָט זיך יעקב פון אָרט אויפגעהויבען און איז אַוועק־געגאַנגען.

פערטראַכט ביים פייערל, איז סאַלים זיצען געבליבען. פון דער זייט, וואו די טשערעדע האָט זיך געפיטערט, האָט ער אַ גערויש דערהערט. סאַלים איז אויפגעשטאַנען און מיט׳ן ביקס אין האַנד אין דער פינסטער פערשוואונדען. און גלייך האָט זיך צוטראָגען זיין היים־ליידענשאַפטליכער רופען: אָה, דו נאַכט! דו נאַכט! דו נאַכט!...

סאַלים אַרבייט ביי יעקב'ן. מיט'ן בעגינען שטעהט ער אויף, מעלקט אויס די בהמות, ציגען, טרייבט זיי אַרויס אין פעלד, ברענגט וואַסער פון קוואַל.

אַלע האָבען געוואוסט, פאַר וואָס סאַלים איז צו יעקב'ן אַי־בערגעגאַנגען, און יעקב אַליין שמייכעלט צו די קאָלאָניסטען

— ווי געפעלט אייך מיין אײדעם? אפשר אַ שלעכטען חתן פאַר מיין רחל'ען געקראָגען? — און דערזעהענדיג סאַלים'ן שרייט ער צו:

— יאַללאַ, סאַלים, פאַר דיין ווייב אַרבייטסטו!

די קאָלאָניסטען פון זייער זייט האָבען אויך ניט געשוויגען. ווי זיי האָבען נאָר דערזעהן סאַלים'ן אָדער רחל'ן, אַזוי פלעגען זיי גלייך אָנהויבען שרייען:

— העי, סאַלים, ביי אונז אידען פיהרט זיך ניט, אַז די כלה זאָל וואַסער טראָגען!

— מאַראַטי (מיין ווייב), — פלעגט אויך סאַלים רחל'ן בע־געגענען, און מיט גדלות זאָגען צו די אַראַבער: — אַזאַ ווייב וועט איהר פאַר הונדערט לירעס ניט קויפען.

— נאַר, דו נאַר, זיי לאַכען פון דיר, און דו דענקסט, אַז זיי וועלען דיר זייער טאָכטער אָבגעבען? — ענטפערען איהם די אַראַ־בער.

— וואָס מאַכט מיין מאַן? איז שוין פאַרטיג די שטוב, וואו ער וועט מיך אַריינפיהרען? — פלעגט די ערשטע צייט לאַכען רחל; נור קומענדיג צום ברונעם און הערענדיג ווי די אַראַבקעס שפּאָטען פון איהר: — ווי אַזוי וועט דאָס אַ יהוד־סעקנאַדזיע נעהמען אַן אַראַבער?... און שלאָגען וועט ער דיך... — האָט זי אויפגעהערט קומען צום ברונעם, צו דעם פרויען־קלוב פון די אַראַבישע דערפער, וואו עס פערבינדען זיך די רכילות פון'ם גאַנצען דאָרף און וואו מען דערמאָנט איינע דער צווייטער די עבירות פון צעהנטען דור, און וואו גאַנץ אָפט פליהען שערבלעך פון די צובראָכענע וואַסער־קרוגען.

פאַרנאַכט־צו, ווען מען ענדיגט די הויף־אַרבייט, הערען ניט אויף פון אַלע ווינקעלעך געשרייען צו סאַלים'ן און רחל'ן. און

העכער און פערביסענער פון אַלעמען שרייט מוסה, אוים כעס, פאַר וואָס סאַלים האָט איהם איבערגעלאָזען אין אַזאַ צייט:

— רחל, וואו איז דיין חתן?... סאַלים, געה גיכער... העלף רחל'ן... זי ווארט דאָך... מעלק אוים די שעפּסען... וואָס שטעהסטו ווי אַ גולם... ווען איז די חתונה?... האָסטו שוין אַ נייעם „טאָב" (אַ העמד) און „טעגייע" (יארמולקע) געקויפט?...

און זי האָט סאַלים'ן פיינד בעקומען. זי האָט איהם פּשוט ניט געקענט איבערטראָגען.

— גלייך זאָג אָב סאַלים'ן! אַ גאַס לאָזט מען מיך ניט דורכגעהן... אַלע טייטען אויף מיר מיט די פינגער — איז זי איינמאָל צום פאָטער אריינגעלאָפען.

— שריי ניט אַזוי, — האָט איהר קאַלט יעקב געענטפערט. — וואָס קוקסטו אויף זיי? עס הויבט זיך אָן דער שניט און וואָס וועלען מיר טהאָן אָהן סאַלים'ן?... מיר וועלען ענדיגען די אַרבייט, איהם וועל איך אָבזאָגען, און דו וועסט פאָהרען אין צפת...

---

דער פּסח איז פאַראיבער, און מיט'ן נאָך פּסח האָט זיך די רעכטע ארבייט אָנגעהויבען; דער שניט פון תבואה.

אַזוי ווי ער וואָלט עמיצען געדראָנקט אַהין אין דער העלבלויער טיעפקייט, האָט גדלות'דיג דער גערשט זיינע זאַנגען אין דער הויך אויפגעהויבען. די שווארצע פעלדער פול האָבען מיט אַ טרוקענעם שאָרבען געקלאַפּט איינע די צווייטע אונטער דעם מחיה'דיגען ווינטעל.

יעקב מיט זיין גאַנצער משפחה ארבייטען אין פעלד פון בעגינען ביז שפּעט נאָכ'ן זון־אונטערגאַנג; סאַלים און רחל שניידען די זאַנגען מיט די שנייד־מעסערס, יעקב לעגט זיי צונויף און לאָדעט זיי אָן אויף די עזלען אָדער גמלים און פיהרט זיי אָב אין קאָלאָניע, וואו יעדער קאָלאָניסט האָט זיך זיין בעזונדער אָרט אראָבלעגען די אָבגעשניטענע תבואה.

ווען ניט ווען קומט אויך צוגעהן זיין ווייב — מלכה. נאָר איהר הילף איז ניט נויטיג. אַט ווען מען וועט ענדיגען די טערראַ־

סען און איבערגעהן אויפ'ן פּלאַטאָ, אויף דער פּלעכע, דאָן איז נאָר אַנדערש...

אומעדום, איבער די בערג און טהאָלען, זיינען צוואוואָרפען שווארצע געשטאַלטען פון פרויען און מענער אַנגעטהאָן אין ווייסען. ווייט אין די בערג צוטראָגט זיך זייער געזאַנג.

רחל האָט ניט געוואָלט ארבייטען מיט סאַלים'ען, נאָר דער פאָטער האָט זי איינגעבעטען. סאַלים פון זיין זייט רעדט שוין ניט מיט איהר, נאָר ווען זי בלייבט הינטערשטעליג, כאפּט ער זיך אריין אין איהר שורה שניידען, געהט לאַנגזאַמער, אז זי זאָל איהם קענען נאָכהאַלטען.

— גאָט העלף!... וואָס מאַכט דיין ווייב, סאַלים?... וואָס מאַכט רחל?... זעה, לאָז זי זיך ניט איבעראַרבייטען... מיעד ווע־רען... — שרייט מען פון אַלע זייטען און העכער, לאַכעדיגער פון אַלעמען שרייען מוסה און זיין זוהן אבימלך.

און איין מאָל אַ מיטאָג, ווען יעקב איז ניט געווען, איז צו־געפאָהרען מוסה מיט אבימלך'ן און האָבען זיך אָבגעשטעלט שמועסען מיט סאַלים'ען: — ווען וועט זיין די חתונה?... דענקט ער פערבלייבען ארבייטען אין קאָלאָניע אָדער ער וועט אָבפאָהרען מיט רחל'ן צו זיך אין דאָרף? — אבימלך שטעהט ביי דער זייט און שאָ־קעלט שווייגענדיג מיט'ן קאָפּ.

— וואָס דאַרפסט איהר דאָ? ! וואָס שטעהסט דו מיט אויס־געשטאַרצטע אויגען?... דו האָסט ניט קיין ארבייט?... דאָ איז דיין וועג!... — האָט זיך צאָרנדיג רחל צו זיי געוואָרפען. פון ווייטען האָט זיך געוויזען דער אַלטער יעקב, געטריבען קעמלען.

— טאַטע, וואָס ווילען זיי פון מיר? — האָט זיך רחל שטאַרק וויינענדיג געוואָרפען צו איהם.

— דאָ איז געווען מוסה און אבימלך? — איז אומרוהיג יעקב געבליבען שטעהן.

— דו קענסט ניט אכטונג געבען אז מען זאָל זי ניט בעליי־דיגען, און זי זאָל וויינען? — האָט ער פאַרגעוואָרפען סאַלים'ן.—דאָ איז זייער וועג?...

געקריצט האָט סאָלים מיט זיינע גרויסע ווייסע צייהן און זיי־נע שוואַרצע אויגען האָבען געברענט. און פאַרנאַכט, ווען מוסה און אבימלך זיינען ווייטער אַנגעפאָהרען, האָט ער זיי אָבגעשטעלט, און ווייזענדיג דעם רעוואָלווער, האָט ער זיי געוואָרנט אַז זיי זאָלען דאָ מעהר ניט פאָהרען.

— אַ פיינער איידעם ביי יעקב'ן. — האָט מוסה געמורמעלט אָבפאָרענדיג...

---

די גאַנצע נאַכט נאָכדעם איז אבימלך ניט געשלאָפען. פון זייער דאַך האָט ער געקוקט אין דער זייט, וואו רחל איז געזעסען.

— פאַרוואָס איז זי אַזוי צאָרניג און שלעכט?...

ער קריכט אַראָב פון דאַך און אומגעהענדיג אין הויף חזר'ט ער איבער אַלץ: פאַרוואָס? פאַרוואָס?...

מיט בעגינען איז אבימלך פון טויער אַרויסגעגאַנגען, אַליין ניט וויסענדיג נאָך וואָס.

אַן אַראַבקע, מיט אַ גרויסען קרוג וואַסער אויפ'ן קאָפּ, איז געגאַנגען וויגענדיג מיט איהר קערפּער און אָפענעם בוזים. אבימלך האָט איהר מיט די אויגען בעגלייט.

— אבימלך, אבימלך! — האָט ער דערהערט ווי דער פאָטער רופט איהם. נאָר אַ מאַך טהוענדיג מיט'ן האַנד, אַזוי ווי ער וואָלט אַ פליעג אָבגעטריבען, איז ער ווייטער געגאַנגען.

די זון, וואָס האָט זיך נאָר וואָס בעוויזען, האָט מיט מיליאָנען אַלמאַזען געשיינט אין דער נאַסער, פון טוי, גראָז.

מיט'ן פולען אָטעם זאַפּט אין זיך איין אבימלך דעם שאַרפען און פרישען מאָרגען־דופט.

— אָ־אַ־ח־ח — האָט ער געריבען די ברוסט, נאָכקוקענדיג די פויגעלעך וואָס זיינען אומגעפלויגען איבער זיין קאָפּ. דער טרויע־ריגער זומאַרע שפּילען האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען אין דעם מעלאַנ־כאָלישען ליעד פון אַן אַראַבער. פאַר איהם מאָלט זיך אויס רחל. ווי ער האָט זי געזעהען נעכטען אַ שלעכטע, אַ צאָרנדיגע, צורייצטע,

וואַרפט זיך צו איהם און הינטער איהר זעהט ער די דראָהענדע פיגור פון סאַלימען — פאַר אַן אַראַבער... — טראַכט ער.

— זעה, וואו ער האָט זיך בעהאַלטען... די גאַנצע צייט זוך איך איהם... שטעה אויף, די אַרבייט וואַרט ניט... — האָט ער געבען זיך זיין פאַטער'ס קול דערהערט...

---

דער שניט האָט זיך אַלץ מעהרער און מעהרער צובראָכט און אַלץ מעהרער און מעהרער האָבען זיך געפאָדערט. גוט איז געווען דעם וואָס האָט אַ גרויסע משפחה געהאַט און זעהר שלעכט איז געווען יעקב'ן; די משפחה אַ קליינע; ער און מלכה זיין ווייב, און רחל 17 יאָהר און רבקה 15 יאָהר און צוויי זיהן אין אַמעריקא.

יעקב, סאַלים, רחל און אפילו רבקה אַרבייטען דעם גאַנצען טאָג אין פעלד.

פאַרנאַכט, מידע פון דעם גאַנצען טאָג אַרבייט, זיצט דער אַל־טער יעקב אויף זיין דאַך, קוקט מיט קנאה צו די שכנים וואָס האָ־בען גרויסע משפחות, און קלאָגט זיך פאַר סאַלים'ן:

— גוט איז אייך, אַראַבער, איהר נעהמט צו צוויי, דריי ווײ־בער. אָט אַבדול־האַפעז, גענומען דריי ווייבער און טהוט גאָר נישט. אַלעס טהוען די ווייבער... אַ פערד געקויפט און איצט וויל ער נאָך אַ פיערטע ווייב קויפען...

— יאָ, גוט איז די רייכע, — שטימט מיט סאַלים, — ווי־פיעל יאָהר איך אַרבייט און קען זיך נאָך אַלץ ניט קויפען אַ ווייב... זיי שווייגען.

...גוט איז צו האָבען אַ פאָר ווייבער. זיי אַרבייטען און אַליין ליגסט דו דעם גאַנצען טאָג אונטער דער קאָלדרע און רויכערסט די נאַרגילע... — בלאָנדזשעט אום אין קאָפּ ביים אַלטען יעקב.

און סאַלים בשעת מעשה בעקוקט רחל'ן. מיט זיין בליק נעהמט ער אַרום איהר שלאַנקען קערפּער... ציטערען ביי רחל'ן די אַקסלען, מיט איהרע קליינע פערמאַזאָליעטע הענט קלייבט זי איבער די ברע־גען פון קלייד. אַ מידקייט, אַ פוילקייט צוגיסט זיך איבער איהר און וואַקלענדיג זיך ווי אַ פערשלאָפענע געהט זי אַראָב אין שטוב...

פערנומענע מיט דער ארבייט, האָט מען שוין אויפגעהערט צו נאָכשרייען און לאַכען פון רחל'ן. נאָר איין אבימלך פערפאָלגט זי מיט זיין נאָכקוקען. ער איז אין כעס, וואָס זי האָט איהם אָבגע־זאָגט ווען ער האָט זיך צו איהר גע'שדכנ'ט. און מעהר קיין מייד־לעך איז ניטאָ. די קאָלאָניע איז אַ קליינע; אין גאַנצען זעקס משפחות, וואוינען אין איין הויף מיט אַ גרויסען צוים, וואָס האָט זיי אָבגעטיילט פון די אראבער. מיט פלאַכע דעכער, אויף דעם אראבישען שטייגער, זיינען די הייזער געבויט. אויף דער נאַכט ווערט דער הויף פערשלאָסען. ווי אראבער זיינען די מענער אָנ־געטהאָן. די פרויען האַלב אראביש, האַלב אייראָפּעאיש.

אויף דער נאַכט, נאָך דער ארבייט, זיצען אַלע קאָלאָניסטען אויף זייערע דעכער. אבימלך זיצט אויך און לאָזט קיין אויג ניט אראָב פון יעקב'ס דאַך, דאָרט וואו רחל זיצט.

— וואָס קוקסט דו אויף אונז? — שרייט בייז רחל, און מעהר קען זי שוין ניט איינזיצען. — טאַטע, וואָס קוקט ער אויף אונז? — קלאָגט זי זיך דעם פאָטער.

— זאָל ער קוקען, אויב איהם געפעלט. — ענטפערט יעקב.

— דיר טהוט ער דאָך גאָרניט.

אָבער רוהיג קען זי דאָך ניט זיצען. זי דרעהט זיך אויפ'ן אָרט, רוקט זיך אהין און אהער און צום סוף געהט זי אראָב אין שטוב.

זאָל נאָט אויסהיטען ווען עמיצער זאָל זי עפּעס פרעגען אָדער גלאַט אַזוי מיט איהר אָנהויבען ריידען. אויף די עלטערען שרייט זי, די שוועסטער הרג'עט זי אָן און, ווען זי דערזעהט סאַלים'ן, מאַכט זי גלייך אַ געשריי: — דו מיינסט אַז איך בין שוין דיין ווייב? — און צעוויינט זיך...

— וואָס איז געוואָרען מיט רחל'ן? — וואונדערן זיך אַלע.

— אַזאַ פרעהליכע ווי זי איז געווען. גאַנצענע טעג פלעגט זי ניט אויפהערען זינגען מיט איהר גראָבליכע שטים אראבישע ליעדער, און איצט, ווען זי הויבט שוין יאָ אָן זינגען, קלינגט דאָס אַזוי טרויע־ריג, אַז זי אַליין ווערט גיך אנטשוויגען...

און די אַרבייט אין פעלד שטעהט ניט. דעם גערשט האָט מען שוין אַראָבגענומען, אַראָבגעריסען דעם פול*) און מען הויבט שוין אָן דעם חומוס**) צופּען. די לעצטע כחות שטרענגען אַלע אָן.

רחל איז ברוגז מיט סאַלים'ן. זי רעדט ניט מיט איהם. זי קען איהם ניט שענקען דעם געשריי און דעם אָבלאַכען פון די אַרו־מיגע. און סאַלים אַליין זאָגט איהר שוין ניט מעהר „מאַראַטי"***), נאָר ביי דער אַרבייט געהט ער וואָס ווייטער און עס הערט זיך זיין קלאַנגען:

„ווער זאָל מיר מיין שקאָפּע צופיהרען?...
„ליידיג איז מיין שטוב...
„מיין האַרץ ברענט ווי א פייער..."

און איבער'ן גאַנצען פעלד צוטראָגט זיך זיין טרויעריגע ליעד, דאָס ליעד פון אַן איינזאַמען.

איינהערענדיג זיך אין דער ליעד, אַרבייט רחל שטיל. עס ווערט איהר היים. זי גלייבט זיך אויס און זעהט ווי סאַלים קוקט אויף איהר. א פערפּלאָמטע, אין א זיסען אונמאַכט, זעצט זי זיך אָברוהען און פאַר איהרע אויגען טאַנצט די וועלט א פערגאָסענע מיט פייער־דיגע שטראַהלען און אַזוי ווי מיט א נעפּעל זיינען פערצויגען די בערג, די פעלדער און אויף סאַלים.

און סאַלים'ס ליעד קלינגט און וויקעלט זיך אַרום איהר:

„צווישען אונז ליגען די בערג...
„וואָס וועט דיך ברייננען צו מיר?"...

און אויף דער נאַכט, נאָכ'ן עסען, זיצען אַלע אויפ'ן דאַך. דער אַלטער יעקב שלאָפט. סאַלים איז אויפ'ן באַיאַדער****) אוועקגעגאַנגען. און מיט'ן געזיכט צום הימעל ליגט רחל אויפ'ן דאַך. עס איז וואַרים. מיט א פוילער שוואַכקייט איז פול די לופט.

---

*) אַזאַ באָב.
**) אַרבעס.
***) מיין ווייב.
****) גרן.

עס ציטערען און שימערען פייערלעך אין דעם דורכזיכטיגען נעבעל, וואָס האָט פערצויגען דעם אָוועגד דאָרט אין דער הויך. שווער זיפצט אָב רחל. עפּעס אזוי טרויעריג איז איהר. און פון באַיאדער הערט מען ווי סאַלים זינגט; ער קלאָגט און רופט זיין געליעבטע...

מיט'ן קאָפּ אויף דער האנד שפּארט זיך אָן רחל און לאנג הערט זי זיך איין אין דער ליעד. די הארץ פּרעסט איהר מיטצווזיינגען. די אויגען בלישטשען, די פּיס ציטערען...

„וואו ביזט דו טייערער?..." — רייסט זיך ביי איהר ארויס א שטיל געבעט. זי בעמערקט ניט ווי זי ענטפערט סאַלים'ן...

מיט אמאָל פיהלט זי, אז עפּעס קאַלטס און גליטשיקס, ווי א וואָרם, קריכט איבער איהר. עס זינגט זיך שוין ניט מעהר, זי קוקט זיך אום און זעהט אבימלך'ן. ער זיצט אויף זיין שטענדיגען אָרט.

און דער ווינטעל בריינגט סאַלים'ס געבעט. אבימלך'ן אויף להכעיס ענטפערט רחל אָפּטער, זי זינגט. פול בענקשאַפט און שטי-לען וועהטאָג איז איהר הארץ.

— זינג, זינג, — שטאַמעלט זי. רחל ווייס אז פאַר איהר זינגט סאַלים.

אָבער אַ! דער פערפלוכטער בליק פון אבימלך'ן! רחל האָט דעם אָרט געביטען, אָבער עס העלפט ניט. רוהיג ליגען קען זי ניט. און צום סוף לאָזט זי זיך אראָב אין שטיבעל.

געדיכט איז די לופט. די טאראקאנעס טשיריקען הויך. אין איין העמד דרעהט זיך רחל פון איין זייט אויפ'ן צווייטען און קען ניט שלאָפען. איהר מוטער חראָפּעט אין צווייטען ווינקעל, רבקה קרעכצט אָב אין שלאָף און עס איז ווייטער שטיל. נאָר דער אונ-רוהיגער גריל רייסט ניט איבער זיין ליעד.

אין דעם קליינעם, מיט אייזערנע גראַטעס פערשטעלטען, פענס-טערל, וואָס געהט ארויס אויפ'ן באַיאדער, פליהט אריין צייטענ-ווייז א ווינטעל. רחל האָט זיך צום פענסטער געזעצט. טיעף אָטעמט זי אריין דעם שאַרפען דופט פון די אָבגעשניטענע תבואה.

צוזאַמען מיט סאַלים'ס ליעד רוישט מעלאַדיש דער וואַסער-קוואַל, וואָס פאַלט ניט ווייט; ביידע מאכען פול די נאכט. דאָ

געהען זיי איבער אין א שטילען, מילדען געבעט און דאָ שיקען זיי אַן אַלע פלוכען פון דער וועלט פאר וואָס זי קומט ניט...

„ביי דעם לעבען פון פאָטער שווער איך...
„מען וועט אונז צושיידען...
„דער שווארצער קראָה זינגט פאר אונז,
די טאָכטער פון אבו חאראב..."

רחל הערט שטילע טריט, אזוי ווי מען וואָלט צום פענסטער געגאַנגען. מיט א שטילען אויסגעשריי און שטארק קלאַפּענדער האַרץ האָט זי זיך אַבגעוואָרפען. רחל האָט דערזעהען סאַלים'ן.

ער איז א ווײַלע געשטאַנען און אוועק ווייטער זינגענדיג:

די לבנה האָט פערשלאָסען אללאַך.
„און פעריגלען זאָלסט דו דיין טהיר,
„ווען די נעכט זיינען פינסטער
„און עס ברענט ניט דער לאָמפּ..."

ניט אָבריַיסענדיג זיך פון פענסטער הערט זיך איין רחל אין דער ליעד, וואָס דערוויַיטערט זיך אלץ מעהרער און פערשווינדט אין דער נאַכט.

— ווער זיצט עס ביים פענסטער? — האָט מלכה פון שלאָף געפרעגט. א פערציטערטע האָט רחל געשוויגען.

— אח, מיין גאָט! — האָט זיך מלכה אויפ'ן צווייטען זייט איבערגעקעהרט. — רחל, דו שלאָפסט ניט? — האָט נאָך א קליי־נעם שווייגען ווייטער מלכה געפרעגט.

— עס שלאָפט זיך ניט. — האָט זיך רחל אויף איהר אָרט געלעגט. אין די אויערן קלינגט ביי איהר:

„און אויך פעריגלען זאָלסט דו דיין טהיר,
„ווען די נעכט זיינען פינסטער
„און עס ברענט ניט דער לאָמפּ..."

און זי זעהט פאר זיך דעם הויכען שלאַנקען סאַלים'ן; פעסט האַפט ארום דער ברייטער גארטעל זיין טרוקענעם קערפּער. די גרויסע ווייסע צייחן זעהען זיך פון אונטער די גראָבע ליפּען, פון

אונטער דעם אגאל*) קוקען ארויס זיינע גרויסע שווארצע אויגען, זיין טונקעלער פּנים ווינקט און שמייכעלט צו איהר.

— פאַרוואָס גערט ער נעבען אונזער פענסטער!... — שטויסט זי „איהם" אָב ברוגז'ליך פון זיך, צודריקענדיג זיך אין דער איינע־נער צייט שטאַרקער צו די אייזערנע גראַטעס פון'ם פענסטערל.

— ווער רופט מיך? — האָט זי זיך דערשראָקען אומגע־קוקט. קיינער איז ניטאָ. רבקה קרעכצט פון שלאָף.

— וואָס איז מיט דיר, רבקה? — האָט זי איהר גענומען אויף די הענט און פעסט געדריקט צו זיך איהר הייסען קערפּער. אויף רחל'ס האלז האָט רבקה איהר נאַקעטע הענט פערוואָרפען. דעם קאָפּ אויף איהר אַקסעל אָנגעבויגען.

צו זיך אין בעט האָט רחל איהר שוועסטער געלעגט, צערטליך געגלעט און אין איהרע האַלב אָפענע ליפּען געקושט.

שטאַרק דריקט זי רחל און פאַר איהרע אויגען שוועבט עפּעס אַן אונפאַרמינג געשטאַלט, וואָס מען קען מיט'ן אויג ניט האַפּען. עס שמייכעלט צו איהר, קומט צו, אַלץ נעהענטער און נעהענטער...

---

נאָך אַ גאַנצער וואָך שווערע און אָנגעשטרענגטע ארבייט (ווייל דער סיראָקאָ** האָט שוין עטליכע טעג געבלאָזען, דער חומוס האָט זיך שוין אָנגעהויבען אויסשיטען און אפילו דער ווייץ איז אין איינינע ערטער פאַרטיג געוואָרען און צו דעם אַלעמען האָבען זיך נאָך די ברעג־שריפות אָנגעהויבען), איז געקומען דער הייליגער שבת, וואָס אפילו דאָ היט מען איהם אָפּ זעהר שטריינג.

פרעהליך איז פרייטאג אויפ'ן הויף; מען קלייבט צו, מען ריי־ניגט די הייזער. ביי דעם אַלגעמיינעם אויוועז, „טאַבון", ווי די אַראַבער רופען דאָס, שטופּען זיך פרויען, וואַרטענדיג ווען מען וועט קענען אָבבאַקען די ברויט־מצות. איצט דאַרף מען ד יך צוויי טעג אָנגרייטען. פאַרנאַכט־צו ווערט אַלעס שטיל.

---

*) אַזאַ בויגעל וואָס די אַראַבער טראָגען אויפ'ן קאָפּ.

**) אַ הייסער ווינט.

אַלע קומען פון פעלד, מען איילט זיך אויסמעלקען און פאַרטרייבן די בהמות, די פערד. מען וואַשט זיך איין, מען טהוט אָן ריינע קליידער און מען געהט צום מלמד, וואָס איז אויך שוחט און רב, דאַווענען, אַזוי ווי דעם שבת איז פאַרהאַן אַ מנין — געסט זיינען געקומען פון צפת.

ביי אַלע טהירען, וואָס אין מיטען וואָך זעהען אויס אַזוי שוואַרץ, שמוציג, זיצען פרויען און מען שמועסט זיך איבער גאַנץ געמיטליך. איינע דערצעהלט אַז מען האָט שוין ביי איהר דעם חומוס אַראָבגענומען, די צווייטע, אַז ביי זיי איז די ווייסע בהמה קראַנק געוואָרען. די דריטע, אַז מען גנב'עט ביי זיי די אייער און זי ווייס ניט ווער דער גנב איז. און אַ פיערטע דערצעהלט ווי אַזוי אַזיזע האָט זיך צוקריגט מיט'ן מאַן און איז אוועק צום פאָטער אין זייער דאָרף.

דער געשפּרעך איז אַן אָבגעהאַקטער, אָבגעריסענער, מידער, מען וואַרט מיט אונגעדולד ווען מען וועט שוין ענדיגען דעם דאַווענען.

מען איז פון דאַווענען געקומען. אויף די דעכער זיצענדיג עסען אַלע מיט אַפּעטיט די אַראַבישע עסענס, אויפ'ן אַראַבישען שטייגער, מיט די פינגער. און נאָך דעם, ניט אויסטועדיג זיך אפילו, דרעהט מען זיך איין מיט דער קאָלדרע איבער'ן קאָפּ און מען ווערט אנטשלאָפען.

רחל שלאָפט ניט.

אויפ'ן הויף, ביי דער וואַנד פון זייער שטוב ליגט זי, וואו אבימלך קען זי ניט זעהן.

דער טונקעלער הימעל מיט זיינע גרויסע שטערען האָט זיך איבער איהר איבערגעקעהרט.

מען הערט דעם שווערען זיפצען פון די בהמות, ביי וועלכע עס זיינען פערהאַלטען געוואָרען אין האַלז פיאַווקעס.

סאַלים איז אין דאָרף אוועקגעגאַנגען.

— וואָס קען איך דען מאַכען? — זיפצט אָב רחל, דערמאָנענדיג זיך מיט וואָס פאַר אַ בעס יעקב איז אוועקגעגאַנגען אויפ'ן באַיאַדער.

עס איז שטיל.

פון דער ווייטענס, קוים וואס מען האט געקענט מיט'ן אויער חאפען, האט זיך דערהערט פלעסקען אין די הענט און עפעס א געזאנג. זי הערט זיך איין און דערקענט דעם ניגון, וואס בעגלייט דעם „דאחחאי"*) און פלוצים הערט זי ווי מען רופט. זי קוקט זיך אום, אבער קיינעם זעהט מען ניט.

— רחל, רחל! — הערט זי א שטילען קלאפען אין טויער.

— ווער איז דארט?

— איך, — האט איהר א שטימע געענטפערט, און זי האט חלימה'ן, איהר פריינדין, דערקענט.

— וואס איז חלימה? —

— קום צו אונז אויף דער פאנטאזיע.

— דער טאטע וועט שרייען.

— ער שלאפט און קיינער וועט ניט וויסען...

רחל האט זיך געלאזט איינריידען און געגאנגען מיט חלימה'ן אויף דער פאנטאזיע.

ווען זי איז צוגעקומען האט זי דערזעהען סאלים'ן מיט א רייהע אראבער שטעהען באהעפטעט אקסעל אין אקסעל, און דרעהען זיך און שלענגלען זיך אין דעם הייסען געשריי פון דעם טאנץ. רחל האט צו חלימה'ן געקוקט, נאר יענע האט זיך ניט וויסענדיג געמאכט א פערחאפטע פון דעם טאנץ.

געגען די אראבער, א בעליבטענע פון דעם פלאטערנדען פייערל, מיט א שווערד אין האנד, א פערוויקעלטע אין שווארצען, איז געשטאנען א פרוי. ווי פליגלען פון א גרויסען שווארצען פויגעל זיינען ביי יעדער בעוועגונג די לאנגע ארבעל אין דער הויך געפלויגען.

זי לויפט פערביי די אראבער, אזוי ווי זי וואלט געזוכט.

מיט אן אונגעהויערען הייס-ליידענשאפטליכען געשריי. וואס

---

*) אן אראבישער טאנץ.

דערמאָנט דעם אָנגע'ברוגז'ט־הייסען כאַרכלען פון דעם גמל אין דער צייט פון זיין אומלויפען, ווארפען זיך צו איהר די אראבער.
דראָהענדיג מיט'ן שווערד לויפט זי אָב.

איהר רייצענדע זינדיג־רופענדע בעוועגונגען ברייננט זיי אריין אין א ווילדער משוגעת און אין דער אונמאכט פון תאוה, ווארפען זיי זיך צו איהרע פיס, קלאפען מיט די הענט אָן דער ערד.

און צום הימעל פליהט ארויף דער גרילצענד־שארפער, לאכעדיג־צערייצטער „זארט"*) פון די אראבישע פרויען.

סאלים'ס צורייצט־פייערדיגער בליק איז אָנגעשטעלט אויף רחל'ן, וועלכע זיצט נאָהענט צו חלימה'ן; חלימה האָט זי אומגע־ארמט און שעפטשעט איהר אין אויער אריין, ארויפלעגענדיג די קאָפּ אויף איהר הארצען:

— האָסט דו אין דאָרף א גלייכען צו סאלים'ן, מיט אזא „אלטע" בלוט, שענער משפחה און גרויסען יחוס ווי ער?

און דער געשריי און דאָס ציהען זיך פון די אראבער ווירקט אויך אויף דער טאנצענדער פרוי. אלע נעהענטער שפּרינגט זי צו און, פלאטערנדיג ווי א פויגעלע, שפּרינגט זי צוריק. אויף אלע פיער האָבען זיך די אראבער צו איהר געצויגען און אָט־אָט האפּען זיי זי אָן.

נאָר פּלוצלונג, ווי א געפלאצטע פרוזשינע, האָט זיך צוטראָגען דער שניידענדער פרויען־אויסגעשריי.

אלע זיינען אָבגעשפּרונגען און רוהיגע אָנגעהויבען טאנצען פון אָנהויב און דעם אָרט פון דער פרוי האָט אַן אנדערע פערנומען.

— זאָל די „סעקנאדזיע" טאנצען... זאָל סאלים'ס פרוי טאנ־צען... — האָט זיך דערהערט א קול פון די פרויען. ניט אָבגעבענ־דיג זיך רעכנונג, ווי אין א שלאָף, איז רחל געזעסען, איינהערענדיג זיך אין זייערע רייד.

— שטעה אויף, פערבייט די „דאחחאי", נעהם ביי איהר דעם

---

*) אויסגעשריי.

שווערד! — האָט זי דערפיהלט אַ שטופּ אין זייט, און דערזעהן סאַלים׳ן.

— נעהם דעם שווערד... פערבייט די „דאחחאי“, געה טאַנ־צען — זאָגט ער צו איהר.

— איך וועל געהן טאַנצען? — איז זי פון אָרט אויפגעשפּרונ־גען, און ניט אומקוקענדיג זיך אויף קיינעם, איז זי געלאָפען אהיים.

— היי, סאַלים! עס פּאַלגט דיך ניט דיין ווייב, די „סעק־נאַדזיע“ — האָט זי הינטער זיך שפּאָטישע קולות געהערט.

האַסטיג איז רחל אריינגעלאָפען אין הויף, פערשפּאַרט דעם טויער און מיט שטאַרקען געוויין, האָט זי זיך געוואָרפען אויפ׳ן געלעגער.

---

טרויעריג טהוט רחל איהר ארבייט אויפ׳ן צווייטען טאָג. מיט קיינעם רעדט זי ניט. צייטענווייז האַפּט זי זיך אָן פאַר׳ן האַרץ.

— וואָס איז מיט דיר, רחל? — פרעגען זי אונרוהיג די עלטערען. אָבער זי שווייגט, אַ בלאַסע. צייטענווייז קוקט זי זיך אום. עפּעס בעאונרוהיגט זי. זי מיינט אבימלך, אָבער קיינעם זעהט זי ניט.

און פאַרנאַכט, ווען די היץ איז אָבגעפּאַלען און די קאָלאָניס־טען, שבת׳דיג־געמיטליך, זיצען אויף זייערע דעכער און שמועסען זיך איבער, איז רחל פון הויף ארויסגעגאַנגען און האָט זיך אויפ׳ן גרויסען שטיין, ביים קוואַל, געזעצט.

ווי אַ גרויסער ברענענדיגער אויווען, וואָס וואַרפט פון זיך פלאַם־פייער, האָט זיך די זון הינטער די וואָלקענס בעהאַלטען. צפת מיט די אַראַבישע דערפער, ווייט אין די בערג, זיינען געווען איינ־געהילט אין אַ רויטליכען שטויב. אַ דינער נעפּעל האָט דעם ים כנרת בעדעקט, איבער וועלכען עס זיינען שאָטענס געשוואומען, ווייסע זעגלען. די לופט איז פול געווען מיט אַ געצווישעריי און געזאַנג־געשריי פון די פויגעל, וואָס האָבען זיך שלאָפען געקליבען.

— פאַרוואָס בין איך אַנטלאָפען און ניט געטאַנצט?... — דערמאָנט זיך רחל אויף דער „פאַנטאַזיע“... און זי זעהט סאַלים׳ן

אַזוי ווי ער איז נעכטען געשטאַנען און אויף איהר געקוקט. שאַרף קוקט זי זיך איין אין דער זייט פון טבריה, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי אַ קופּע ווייסע שטיינער.

— אַלע שפּאַצירען דאָרט איצט... די חבר'טעם יום־טוב'דיג אָנגעטהאָן... דאָרט איז איצט פרעהליך... און איך זיץ דאָ איינע אַליין — טראַכט זי — חלימה איז מיין פריינדין... אָבער זי איז דאָך אַן אַראַבקע... אַח, ווי פרעהליך איז דאַן אויף מאיר בעל הנס געווען — דערמאָנט זי זיך פּלוצלונג אויף ל"ג בעומר. — אַלע אין יום־טוב'דיגע קליידער, אין אַ שיפעל מיט דער גאַנצער קאָלאָניע אין טבריה איבערגעפאָהרען... אַזוי מילד האָט געוואַרימט די זון... דער ים האָט געברענט... פון גרויס פרייד האָט זי אפילו רבקה'ן מיט וואַסער פערשפּריצט און יענע האָט געוויינט: „מיין נייע קלייד"... און וויפיעל מענשען דאָרט איז געווען! — דערמאָנט זי זיך ווייטער — מיט די חבר'טעם איז זי שפּאַצירען געגאַנגען, און דאָ זיינען שוין די אַראַבער אונטערגעקומען און ווינקען צו איהר, און איינער האָט זי אומגעאַרמט און געוואָלט אַ קוש טהון — פאַר אַלעמען אין די אויגען — דערמאָנט זי זיך — אָבער איך האָב נוט אַ שטוים געטהאָן.

זי געדענקט ווי דעם גאַנצען טאָג האָט ביי איהר דער פּנים געפייערט און איהר האָט זיך אַזוי געוואָלט שפּרינגען, טאַנצען, לויפען! און פאַרנאַכט?... צוליעב דעם צדיק האָט מען פייערס געברענט, די הדלקה אָנגעצונדען. אַלע, ווי די ספרדים אַזוי אויך די אשכנזים, טאַנצען אין איין קרייז, אַריינוואַרפענדיג אין פייער אַלערליי טייערע חפצים. זי האָט אויך אַ טיכעל אַריינגעוואָרפען... דערנאָך איז זי מיט חבר'טעם אַרומגעגאַנגען, און די אַראַבער זיינען שוין ווייטער דאָ. אין אַן אַנגענעהמען פּחד שטופען זיך די חבר'־טעם איינע צו דער צווייטער. אָבער זי איז גלייך אויף די אַראַבער געגאַנגען... — און זיי האָבען מיך דורכגעלאָזען... — זיצט זי מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ און דערמאָנט זיך ווי איהר איז געווען פרעהליך.

זי בעמערקט ניט ווי די ערד האט די זון פערשטעלט און עס איז שוין פינסטער...

ווי פון א טיעפער גרוב ווינקען צ ואיהר די פייערלעך אין טבריה און בעטען: זיי אזוי גוט, קום צו אונז!...

---

דעם ווייץ האט מען שוין אראבגענומען פון די פעלדער. טרויעריג האט דער טונקעל־גרינער „סעזאם" (סארגא) זיינע קעפ־לאך צום הימעל געהויבען, אזוי ווי ער וואלט מקנא געווען דעם אב־געשניטענעם ברויט און זיך געבעטען מען זאל איהם אויך וואס גיכער אראבנעהמען.

דארט ווייטער, האט גדלות'דיג איהרע שנעע־ווייסע בערשט־לעך די „דורע" אויפגעהויבען, אזוי ווי זי וואלט פון דער גאנצער וועלט געשפאט: „אהא! צו מיר איז ניט אזוי גרינג צוקומען"...

ווי בעדעקט מיט גרויע זאמדיגע לאטעס, אויף וועלכע עס האט בען אומגעבלאנדזשעט שווארצע ציעגען און ווייסע שעפסעלעך, האט אויסגעזעהן די ערד מיט די נידעריג אבגעהאקטע שטרוי.

ביי דעם אלטען יעקב האט ניט געכאפט קיין עסען פאר די בהמות. ער האט געשטעלט רבקה'ן זי זאל אויסדרעשען אביסעל גערשטען. הויך, מיט א קלינגענדיגען געשריי טרייבט אן רבקה די צוזאמענגעשפאנטע עזעל און פערד אין דער שווערער הילצערנער ברעט, וואס איז מיט שטיינדלעך אונטערגעקלאפט.

בלישטשענדיג מיט די שווארצע אויגעלעך, אונטערצמאקענדיג מיט'ן צונג טצי... טצי... טצי... קלאפט מיט'ן בייטש רבקה, און דא האט זיך גאר דער עזעל איינגעשפארט און וויל ניט געהן. דאס פערד, קוקענדיג אויף איהם, האט נאכגעטהאן דאס אייגענע.

וויפיעל רבקה שרייט און שמייסט זיי, עס העלפט ניט. מיט מעלאנכאליש־אראבגעלאזטע אויערען דרעהט דער עזעל מיט זיין ווידעל און אין דער אייגענער צייט כאפט ער אביסעל שטרוי. און דאס פערד, אוים פראטעסט, ווארפט אונטער מיט די הינטערשטע פיס און בלייבט באלד רוהיג שטעהן, שפאטיש קוקענדיג מיט איין

אויג אויף רבקה'ן, אזוי ווי ער וואָלט געזאָגט: „נו, ווי קומסטו אונז אָנטרייבען, דאַרפסט נאָך אביסעל אונטערוואַקסען"...

— טאַטע, טאַטע! זיי ווילען ניט געהן — האָט פערלאָרען רבקה איהר געדולד און גערופען צו יעקב'ן, וועלכער איז געלעגען אויף א קופּע שטרוי אין שאָטען. שטעהט אויף דער אַלטער יעקב, נעהמט די לייצעס אין די הענד, צמאָקעט מיט'ן צונג, שמייסט מיט'ן בייטש. דאָס פערד און דער עזעל וואַרפען א קוק פון דער זייט, ניבען א טראַכט, און זעהענדיג, אז זיי האָבען דאָ צו טהאָן מיט יעקב'ן, הויבען זיי אָן שפּאַנען ווייטער צופריעדען, קאַטשענדיג זיך און אָבטרייבענדיג מיט די עקען די פליעגען.

— מען דאַרף נאָר ניט מורא האָבען און זיי גוט אָנשמייסען — לערענט יעקב. — זיי פיהלען ווער עס שטעהט ארום זיי...

די לייצעס נעהמט שוין רבקה, און זייענדיג ברוגז אויף זיי, שמייסט זי זיי מיט אַלע קרעפטען ביז זיי הויבען אָן לויפען.

און אין דער אייגענער צייט ארבייטען אויך אין פעלד סאַלים און רחל; זיי צופען „סעזאַם". דער אַלטער יעקב וואָלט זיי ניט געלאָזען אַליין געהן ארבייטען. נאָר פון איין זייט ארבייטען אראַבער, וואָס רייסען אויך דעם „סעזאַם", און פון צווייטען זייט — אידען קאָלאָניסטען.

— ער האָט מיר געהייסען געהן טאַנצען — געהט אום אין „סעזאַם" רחל, אויסקלייבענדיג די מעהר פאַרטיגע, און אין דער אייגענער צייט וואַרפט זי בליקען אויף סאַלים'ן... — וואו איז ער?...

סאַלים מורמעלט שטיל א ליעדעל, וואַרפענדיג צייטענווייז א גיכען קוק אויף רחל'ען, וועלכע הויבט זיך אָן רויטלען אונטער איהם.

— זעהר היים איז היינט... — טראַכט זי.

די זון איז שוין הויך. ווי וואַסער גיסט פון רחל'ען דער שוויים און זי איז זעהר דורשטיג. אָבער דאָס וואַסער איז וואַרים. אויפ'ן רעכטען זון איז דער „לובריק" (קריגעל) געבליבען ליגען.

— פאַרוואָס האָסט דו ניט געהאַלטען דעם „לובריק" אין שאָטען? — בייזערט זי זיך אויף סאַלים'ען.

אהן ווערטער נעהמט סאלים דעם „לובריק“ און געהט איהם אנפילען מיט וואסער. און אויך „לעבען“ (זויערמילך) האט ער גע־בראכט.

— פארוואס ביזטו אויף דער „פאנטאזיע“ געבליבען? — פרעגט מיט פערדרוס רחל, ארומנעהמענדיג מיט די אויגען די אנ־געשוואלענע מוסקולען פון זיינע שטארקע הענד און פעסטע פיס.

— איך בין געגאנגען אהיים, נאר אין וועג האט מיך אבדול חאפעז בעגעגענט און ניט געוואלט אבלאזען — האט סאלים א שי־מער געטהאן מיט זיינע ווייסע צייהן.

— וואס האט מען דיך גערופען?... אלע זיינען ביי אייך גע־זונד?...

— על חאמדאליאליא (דאנקען גאט)... אלע געזונד... אונ־זערע קלייבען זיך געהן אויף „חאזזא“ און זיי האבען מיך אויך גע־רופען.

— און דו געהסט? — האט זי איהרע טיפע אויגען אויף סאלים'ען אנגעשטעלט.

— איך ווייס ניט... — האט ער אונבעשטימט געענטפערט.

אין דער צייט האט זיך פון דער ווייטענס מלכה געוויזען. זי האט עסען געבראכט.

אונטער דעם ווייט צושפרייטען הימעל, בעגאסענע מיט זונען־שטראהלען, האבען זיי זיך געזעצט מיטאגען.

— „איטפאדאל“ — האט מלכה סאלים'ען גערופען עסען.

— „סאכטען“ — האט ער זיך אבגעזאגט.

— היי, סאלים, „תפאדאל“! — האט מען געשריען פון די שכנים. נאר סאלים האט געדאנקט און האט ארויסגענומען פיטעס, ציבעלע, קנאבעל, צופיהרט „לעבען“ מיט וואסער און עסט.

רחל קוקט אפילו ניט אין זיין זייט.

— וואס ביזטו ברוגז אויף איהם? ער וועט נאך אונז ווער־פען איבער דיר, — בעמערקט איהר מלכה. מיט אן אראבגעלאזע־נעם קאפ שווייגט רחל.

נאָכ׳ן מיטאָג, ניט קוקענדיג אויף דער היץ, נעהמט מען זיך גלייך צו דער ארבייט.

— זיי ניט מיט איהם אזוי... — זאָגט איהר אָן מלכה, אומ־קעהרענדיג זיך אין קאָלאָניע. מיט א לאנג־דויערענדען בליק קוקט איהר נאָך רחל.

שטיל איז ארום און ארום. פערבעהאַלטען פון די האַלב־טאָגיגע זונען־שטראַהלען, רוהט יעדערער וואו ער קען.

די קליינע פויגעלעך האָבען זיך אין די פעלזען און בוימער בעהאַלטען. די טשערעדעס זיינען ביים וואסער צונויפגעדריקט און, שווער אָטעמענדיג, שטעהען זיי אין איין קופּע מיט אראָבגעלאָזענע קעפּ.

צייטענוויין שנייט דורך דעם העל־בלויען רוים אן אָדלער, און דער מענש, ניט האָבענדיג קיין רוה, א מיעדער, שטעלט ניט אָב די ארבייט.

רחל איז עפּעס זעהר דורשטיג און גאנץ אָפט געהט זי טרינ־קען וואסער. סאַלים האָט איהר געלאָזען „לעבען" און זי צופיהרט איהם מיט וואסער, וואָס פרישט איהר אָב.

— ווילסט א טרונק? — פרעגט זי סאַלים׳ען.

— ניין — שאָקעלט יענער מיט׳ן קאָפּ.

פערכאַפּט פון דער הערשענדער שטילקייט און ליידענשאַפט־ליכער אונמאַכט, ארבייטען זיי. אונבעמערקט האָבען זיי זיך איי־נער צום צווייטען דערנעהענטערט.

— געהסט אויף „חאַזא"? — פרעגט איהם רחל, און גיט גלייך צו: — געה, וועסט ברענגען גמלים... קויפען א ווייב און לע־בען ווי אן „עפענדי" (א פריץ)... דו ווערסט ניט דארפען ארבייטען ביי די אידען.

— איך ווייס ניט צי איך וועל געהן... און קיין ווייב דאַרף איך ניט... א בעסערע פאַר דיר וועל איך אפילו פאַר פופציג „נאַ־פּאָלעאָן" (1000 פראנק) ניט קריגען... — האָט מיט א פייער אין די אויגען געענטפערט סאַלים.

— נו, נו, האָסט ניט וואָס צו האָפען. וואו האָסטו געזעהן,

אז א „יהוד־סעקנאדזיע“ זאָל חתונה האָבען מיט אן אראבער? — האָט פערשטיקט רחל ארויסגערעדט.

— וואָס? פאַר דעם גאנצען דאָרף האָט דיך דיין פאָטער מיר צוגעזאָגט, אויב איך וועל אריבערגעהן צו אייך ארבייטען, — האָט ער אויף די אויגען דעם „אגאַל“ אַנגערוקט, און ווי א בלוט־דורשטיגע חיה א ציה געטהאָן מיט'ן קערפּער.

מיט ברייט־אָפענע אויגען האָט אויף איהם רחל געקוקט, אָנ־בויגענדיג זיך אָן א זייט. הויך האָט זיך איהר ברוסט געהויבען.

פון דער וויטענס האָט זיך יעקב געוויזען, וועלכער האָט גמלים געטריבען מיט דעם אונטערטרייבענדיגען מאָנאָטאָנעם אויסגע־שריי: אָ־אָ־אר־וואַ. ער איז געקומען פערנעהמען די אָנגעצופּטע פאַר'ן טאָג סנאָפּעס „סעזאָם“. הויך צו דער זון האָט זיך די ערד אויפגעהויבען און אַלעם האָט אויף דער נאַכט געוואָרט.

פרעהליך, פון אונטער די רעכטע פיס, זיינען פויגעלעך ארויס־געפלויגען. ווי פיילען האָבען זיך פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען די ווילדע טויבען איבערגעטראָגען. מיט פעררייסענע ווייזלען זיינען די טשערעדעס איבער די פעלדער געגאַנגען. און דער אַלטער זיידע, דער חרמון, האָט ליעבליך ווייך געוואונקען פון אונטער די אראַב־געלאָזענע ברעמען. אין דער לופט האָט געקלונגען דער געזאַנג פון די אַרבייטער, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט דעם זומאַ־רא־שפּיעלען פון דעם פּאַסטוך, שאַפענדיג א ליוב־געזאַנג דעם אוועק־געהענדען טאָג.

סאַלים און רחל האָבען צונויפגעטראָגען די סנאָפּעס, וואָס זיי־נען מיט די וואָרצלען אין דער הויך געשטאַנען, די זון זאָל די זאַנגען ניט טריקענען, און אָנגעלאָדען אויף די גמלים, וועלכע האָ־בען זייערע גרויסע מיילער געעפענט, כאַרכלענדיג ברוגז, אזוי ווי זיי וואָלטען געזאָגט, אז עס איז שוין גענוג...

---

אויף דער נאַכט, נאָך דער אַרבייט, קומענדיג פון פעלד, האָט פרעהליך רחל די שטוב־ארבייט געטהאָן. ליעבליך אייניגע מאָל די בהמה א קלאַפּ געטהאָן, וואָס האָט שפּיעלענדיג זיך פאַר איהר קלייד

געבאַפּט. צוקושט די קליינינקע, ווייסע ציגעלע און אוועק מיט איהר איבער'ן הויף טאַנצען, שלעפּענדיג זי פאַר די פאָדערשטע פיסלעך.

— נאַר, וואָס האָסטו זיך צושפּיעלט? — בייזערט זיך בלומרשט מלכה.

געענדיגט די ארבייט אין הויף, לויפט רחל אין שטוב, און אין טהיר האָט זי זיך אָן רבקה'ן אָנגעשטויסען, געכאַפּט זי אויף איהרע געזונטע הענט און געשפּרונגען איבער'ן שטוב.

— שעמט זיך גאָר ניט... אַזאַ גרויסע, שפּרינגט ווי אַ ציעג...

— בייזערט זיך מלכה, צוגרייטענדיג דעם עסען.

— שטעה! איך וועל צוגרייטען און דערלאַנגען דעם עסען,

— איז רחל צו דער מוטער צוגעלאָפען.

— געה, געה! — שטופּט זי אָב די מוטער, — געה רוה זיך אוים!...

— ניין, ניין, געה דו אויפ'ן דאך! — וויל רחל ניט אָבטרעטען. — דו מיט'ן טאַטען, וועט איהר ביידע ווי פּריצים זיצען, און איך מיט רבקה'ן וועלען אייך עסען ארויפטראָגען. אמת, רבקה?

— יאָ, יאָ, — כאַפּט אונטער רבקה, וועלכע האָט זיך אויך אָנגעשטעקט מיט רחל'ם פרעהליכקייט.

— געה, געה, איך וועל אליין מאַכען דאָס עסען. געה, האָט זיך צוהוליעט ווי אַ ציעג, — קעמפּפט מיט איהר מלכה.

— מיר וועלען זי נעהמען פאַר די הענט און אויבען ארויפפיהרען, — ווינקט רחל צו רבקה'ן.

רחל פון איין זייט, רבקה פון דער צווייטער זייט, כאַפּען אָן די מוטער פאַר די הענד און מיט גרוים פּאַראַד פיהרען זיי זי אויפ'ן דאך ארויף.

— ווי אַ חתן, — לאַכט רחל.

ארויפפיהרענדיג די מוטער, האָבען זיי זיך גענומען מאַכען די וועטשערע, צוגעגרייט דעם סאַלאַט, די מדעררא"*) דערלאַנגט.

---

*) געקאָכטע רייז אָן סאָוס.

— וואו איז סאַלים? — האָט זיך רחל אַ כאַפּ געטהאָן.
— היי, סאַלים! — שרייט יעקב.
— יאַללאַ! — הערט זיך פון באַיאַדער זיין ענטפער.
— ביזט מיט איהם שלום? — פרעגט מלכה.

רחל האָט זיך געמאַכט ניט־הערענדיג. סאַלים איז געקומען און שווייגענדיג האָט מען געגעסען.

רחל זיצט ניט איין רוהיג; טהוט אַ שטופּ רבקה׳ן און ביידע צולאַכען זיך. ווינקט אויף מלכה׳ן, וועלכע האָט פערוואונדערט אויף זיי געקוקט, און ווייטער אַ געלעכטער ארויסגעשאָסען. מען קוקט איינע אויף דער צווייטער און קוים וואָס מען האלט איין דעם געלעכטער. נאָכ׳ן עסען וויל מלכה צוקלייבען דאָס געפעס.

— ניין, ניין, — שפּרינגט אויף רחל, און נאָך איהר רבקה.

און ביידע הויבען זיי אָן צו קלייבען, ווארפענדיג זייטיגע בליקען אויף סאַלים׳ן, וועלכער איז גלייך אוועקגעגאנגען.

אַ שטילע און שטיקענדע, אָהן אַ ווינטעל, נאַכט. מיט זייער גיפטיגען זזז... דרעהען זיך קאָמארעס.

מיט דעם קאָפּ אין דער „אבאיע" איינגעדרעהט שלאָפט דער אַלטער יעקב. רבקה, האלב־שלאָפענדיג, ליעגט מיט׳ן קאָפּ אין רחל׳ס שויס. מלכה איז אונטען אין שטוב אראָבגעגאנגען. און עפּעס אזוי טרויעריג איז רחל׳ען געוואָרען, ביז צום וויינען, און מיט׳ן האנט האָט זי זיך פאר׳ן הארצען אָנגעכאַפּט. שטאַרק, פעסט און צערטליך־ליעב האָט זי רבקה׳ן צוגעדריקט.

— אוי, טהוסט מיר וועה, — האָט יענע אָבגעקרעכצט. און פון באַיאַדער הערט זיך די בערוהיגענדע שטים פון סאַלים׳ען:

„ווער וועט אונז צושיידען?...
דעם בריימען גארטעל וועל איך דיר ברייגגען...
אין מיין אויוועז וועסטו ברויט באַקען...
אויף דיין הארצען איז אויסגעקלאַפּט
צוויי קליינע ציגעלעך, אַ צווילינג..."

איינהערענדיג זיך, פיהלט רחל ווי עמיצער וואָלט איהר נאָכגעקוקט. זי קערט זיך אום, און עפּעס אַ שאָטען איז פערשוואונדען.

— אבימלך... — מורמעלט זי צאַרנדיג.

שטאַרק, פעסט, אַזוי ווי זי וואָלט ביי איהר שוץ געזוכט, דריקט זי זיך צו רבקה׳ן. דאָס ליעד איז אנטשוויגען געוואָרען.

איהר טולענע דעק, מיט איינגעפאסט פיעל־פארבינע טהייערע שטיינער, האָט די נאַכט איבער דער וועלט צושפּרייט. כוואַליעס פער׳כישוף׳טע נאַכט־שטימען טראָגען זיך פון די בערג.

דער קוים־געמערקטער נאַכט־ווינטעל פערהאַלט זיך און רוישט אין די אַנגעוואָרפענע קופּעס תבואה, וואָס זעהען זיך ווי גרויע פלעקען.

און דאָרט ווייט, ווייט, הויך, הויך אויפ׳ן רעכטען חרמון, ברענט פלאַטערענד א פייערעל. דאָ ווערט ער פערשוואונדען, דאָ ברענט ער אויף ווייטער.

רחל קוקט זיך איין אין דעם פייערעל און איהר ווייזט זיך אויס, אז דאָס איז גאָר עמיצענ׳ס זעהר א בעקאַנטע אויג, וואָס רופט, בעט און ווינקט צו איהר.

איינגעוויקעלט דעם קאָפּ אין רבקה׳ס ברוסט, ליעגט צוזאַמען־געקנוילט רחל און נאָך מעהר רייפער און שאַרפער זעהט זי דאָס אויג...

---

א טאָג האָט רחל פערשפּעטיגט צו דער ארבייט. מען האָט געאַרבייט נאָהענט ביי דער קאָלאָניע.

— היי, סאַלים, סאַלים! — האָט זי געררופען, ניט זעהענדיג קיינעם אין פעלד; זי האָט געמיינט, אז ער האָט זיך געלעגט אין שאָטען אָברוהען. קיינער ענטפערט ניט. רחל׳ען ארביים זיך ניט. אין די אויערען קלינגט סאַלימ׳ס ליעבלינגס־ליעד.

— וואו איז ער עס? — קומט זי זיך אום אין אַלע זייטען און פער׳חלש׳ט, פויל, געהט זי אום אין דעם „סעזאָם“. נאָר פּלוצ־לונג האָט זי מיט מעהר חשק אָנגעהויבען ארבייטען. זי האָט סאַ־לימ׳ען דערזעהן.

— ברוך הבא! — איז צוגעגאנגען סאַלים און האָט זיך אויף געשטעלט ארבייטען.

— וואו ביזטו געווען, וואס דו ביזט אזוי שפעט געקומען ? — פרעגט, ניט קוקענדיג אין זיין זייט, רחל.

— מען איז געקומען פון אונזער הארף, נאכ'ן ענטפער, צי איך וועל געהן אויף „חאזזא".

— און דו געהסט ?

— מן הסתם יא.

— געה ניט ! — האט זיך אונערוווארטעט ביי רחל'ן ארויס־געריסען. — ווער וועט די ארבייט ענדיגען ?

— מען וועט לאכען פון מיר, אויב איך וועל ניט געהן.

— דו וועסט אוועקגעהן און מיך וועסטו ניט בעקומען, — איז רויט געווארען רחל.

ווילד האבען זיינע אויגען געפינקעלט און ווי א חיה, מיט צושפרייטע נאזלעכער, האט ער זיך געריסען אין איהר זייט מיט זיין קערפער. רחל האט זיך אבגעווארפען.

ביינאכט האט רחל געזאגט דעם טאטען, אז סאלים וויל אוועק־געהן. יעקב האט שוין געוואוסט פון דעם.

נאכ'ן עסען איז יעקב אוועקגעגאנגען אויפ'ן „באיאדער". רבקה מיט דער מוטער אונטען. איינע אליין איז רחל געבליבען ליגען.

דאס בילען פון הינט, וויינען פון קינדער און קולות, וואס שרייען זיך איבער, רופען איינער דעם צווייטען, הערען זיך פון הארף. ער־געץ פון דער ווייט הערט זיך דער מאנאטאנער צוצויגענער זינגען פון אן אראבער.

שווער האט די נאכט געאטעמט אנטקעגען הימעל, וואס האט אויף איהר פון אויבען געקוקט און אזוי ווי זי וואלט איהם געפרעגט: ווען וועל איך שוין אברוהען ?

אויפמערקזאם־אנגעשטרענגט קוקט זיך איין רחל אין די גרוי־סע שטערען, וואס האבען אויף איהר פון אויבען געוואונקען.

דארט ווייט איז איין בלויער שטערענדעל פערשוואונדען גע־ווארען, נאר גלייך האט ער ווייטער געבלישטשעט נאך חנ'עוודיגער,

מיט טונקעל־בלויע שטראַהלען, מיט אַ „גוט־נאַכט" רחל'ן בענריסט.

— קום אַראָב, קום אַראָב! — רופט איהם מיט אַ געבעט אין הארצען רחל.

און עס דאַכט זיך איהר אויס, אַזוי ווי אין די פינקלענדע שטערן־שטראַהלען לאָזט זיך צו איהר אַראָב עפּעס אַ ווייסע מילדקייט. ווי דער גערויש פון דעם שטילען באַרג־וואַסער־קוואַל, נעהמט זי אַרום מיט איהרע ווייכע, ווייסע פליגלען, קושט זי אין שטערן, צערטעלט איהרע האָר...

נאָר פּלוצים זעהט זי, ווי עפּעס אַ גרויסע שוואַרצע חיה, מיט אַ געלען פייערעל אין די אויגען, קריכט אויפ'ן דאַך. „מין האָדאָ"? — פרעגט זי מיט אַ האַלב פערשטיקטען קול.

און דאָס שוואַרצע ענטפערט ניט און קריכט גלייך צו איהר.

זי קען זיך פון אָרט ניט ריהרען און „דאָס" קריכט אַלץ נעהענטער, און עפּעס האַלט עס אַ ווייסע, אַ גלאַנצענדיגע זאַך. זי וויל שרייען.

— איך וועל טויטען, אויב עמיצער וועט זיך דאָ ווייזען! — דראָהט ער מיט'ן רעוואָלווער.

זי האָט סאַלים'ען דערקענט. דער שרעק איז פערשוואונדען געוואָרען. שטאַרק קלאַפּט דאָס הארץ. פאַר די אויגען דרעהען זיך רונד־קרייזען...

סאַלים האָט זי אומגעאַרמט.

— דו וועסט ניט געהן... דו וועסט ניט געהן... — פליסטערט זי מיט טרוקענע ליפּען...

שפּעטער, ווען זי האָט זיך אומגעקוקט, האָט זי קיינעם ניט געזעהן.

אין מזרח האָט זיך שוין דער עמוד השחר געזעהן. פון האָרף האָט זיך געהערט דער טרויעריג־געצויגענער ניגון פון די אַראַבקעס, וואָס האָבען אויף די שטיינערנע האַנט־מילכלעך ווייץ געמאָהלען. אַ קאַלטער ווינטעל האָט געבלאָזען.

פון דער קעלט האָט רחל אויפגעציטערט און, איינדרעהענדיג

זיך פעסטער אין דער גראָבער קאָלדרע, איז זי אנטשלאָפען גע־וואָרען.

---

— רחל איז אין דער היים? — האָט אבימלך געפרעגט מלכה'ן אין דער פריה אויפ'ן צווייטען טאָג. יעקב איז אין דער היים ניט געווען.

— אויף וואָס דארפסט דו זי?

— און וואו איז סאָלים? — האָט ווייטער געפרעגט אבימלך.

— אין פעלד. וואָס עפּעס פּלוצלונג פרעגסט דו אויף זיי?

— רחל איז געשלאָפען אויפ'ן דאך? — האָט ווייטער אבימלך פאָרטגעזעצט.

— יאָ, וואָס איז דען?... — האָט זי א בלאָפּע אויף איהם געקוקט.

— אזוי... מיר האָט זיך אויסגעוויזען אז די נאכט איז סאָלים ביי אייך געווען אויפ'ן דאך.

— וואָס?... וואָס זאָגסט דו?... — האָט ניט מיט איהר קול מלכה אויסגעשריען. — ביי וועמען אויפ'ן דאך? — האָט זי זיך א וואָרף געטהאָן בעקוקען דעם בעט־געוואנט אויף וואָס רחל איז געשלאָפען.

— אוי, אן אומגליק! — האָט זי ווילד אויסגעשריען און גע־פאַלען אין חלשות.

— מלכה שטארבט! — איז אבימלך אין הויף ארויסגעלאָפען.

פון אלע זייטען איז מען זיך צוזאמען געלאָפען.

מען האָט געשיקט נאָך יעקב'ן.

נאָך לאנגער מיה האָט מען אָפּגעמינטערט מלכה'ן, וועלכע האָט מיט פרעגענדיגע אויגען אלעמען בעקוקט, און דערזעהענדיג אבימלכ'ן, אָנגעהויבען שרייען:

— אָ, טאָכטער מיינע! אָ, רחל! אָ... — האָט זי זיך מיט די פויסטען אין קאָפּ געקלאַפּט.

— וואָס איז מיט דער מאמען? — איז רבקה אריינגעלאָפען.

— וואָס האָב איך געטהאָן? וואָס האָב איך געטהאָן? — האָט מלכה געשלוכצט רייסענדיג די האָר פון קאָפּ.

— וואָס איז דאָס אזוינס? וואָס טהוט זיך דאָ? — איז יעקב אָנגעלאָפען. אַלע שווייגען, נאָר נאָך שטאַרקער קלאַפּט זיך מלכה מיט די פויסטען, און ביי איהר אויפ'ן האַלז הייננט רבקה און וויינט.

— זאָג, וואָס האָט דאָ געטראָפען? — האָט זי יעקב פאַר'ן האַנד אָנגעכאַפּט.

— אוי, אונזער טאָכטער... אונזער רחל... קלאַפּט זיך מלכה.

— רייד!... — טרייסעלט ער זי אין אַלע זייטען און דאָס קול ציטערט ביי איהם.

איי, וואָס האָבען מיר געטהאָן, וואָס האָבען מיר געטהאָן?...
— הערט ניט אויף צו וויינען מיט אַ האַרץ־רייסענדיג קול מלכה און מיט איהר, רבקה און די איבעריגע ווייבער.

— דערצעהלט, וואָס איז דאָ געוועןן!... — האָט שוין יעקב צו אַלעמען געשריען.

— אבימלך איז דער ערשטער געוועןן — האָט אַ קול גע־ענטפערט.

— וואָס איז דאָ געוועןן? — האָט זיך יעקב צו איהם אַ וואַרף געטהאָן.

— איך בין געקומען פרעגען אויף רחל'ן — האָט ער אָנגע־הויבען דערצעהלען, פערהיקענדיג זיך מיט אַ צוקרימטען, גרינעם גע־זיכט — און איך האָב דערצעהלט מלכה'ן, אַז די נאַכט האָב איך אויף אייער דאַך אַ מענשען געזעהן.

אַלע האָבען אויף מלכה'ן געקוקט. ווי אַ דערשלאָגענער איז יעקב געבליבען שטעהן.

— וואו זיינען זיי?... איך וועל זיי דער'הרג'ענען — האָט הייזעריג יעקב אויסגעשריען, אַראָפּכאַפּענדיג דעם ביקס פון וואַנד, און איז אַרויסגעלאָפען.

— איך וועל זיי דער'הרג'ענען... איך וועל זיי דערשיסען...— לויפט אום איבער'ן דאָרף יעקב.

ער איז אין פעלד געלאָפען. נאָר דאָרט האָט ער שוין קיינעם ניט געטראָפען. סאַלים'ן האָט מען אין די בערג אוועקגעשיקט, רחל האָט זיך ביי חלימה'ן בעהאַלטען.

— וואו איז אבימלך? — איז ער אין הויף אריינגעלאָפען. אַלע שוויינען.

— איך וועל זיי הרג'ענען! — הערט ניט אויף יעקב איבער־חזר'ן, אומשפּאַנענדיג איבער'ן הויף מיט'ן ביקס אין האַנד...

אויף דער נאַכט האָבען זיך אַלע צו יעקב'ן פערזאַמעלט. די שייכס פון דאָרף זיינען אויך געקומען. מיט די פיס אונטער זיך זיצט מען אין אַ רונד־קרייז. אין מיטען שטעהט אַ ליימענע אויוועלע, אַ טאָפּ אָנגעשאָטענע קוילען, אויף וועלכע עס זידט אַ קאַווע־קאָכער. יעקב זיצט ניט. ער הערט ניט אויף אומשפּאַנען אין הויף האַלטענדיג דעם ביקס. מיט געוואַלט האָט מען איהם אוועקגע־זעצט.

— וועמען וועסט דו הרג'ענען? — האָט זיך איינער פון די שייכס אָנגערופען; — סאַלים איז אוועק אין די בערג און ווער ווייס וואו ער איז...

— אָ, איך וועל איהם געפינען... איך ווייס וואו ער איז... צו איהם אין דאָרף וועל איך געהן... — האָט מיט בלוט־פערלאָפענע אויגען יעקב געזאָגט.

— מיר האָבען איהם שוין געשיקט זוכען — טרייסט איהם דער שייך, — ווי מען וועט נאָר געפינען, וועט מען איהם דער רע־גירונג איבערגעבען...

— און רחל איז ניט שולדיג — האָט נאָך איינער צוגעגעבען.

— וואו איז זי די... ווען איך געפין זי נאָר... — האָט יעקב אַ פינגער פערביסען.

— רחל איז ביי אונז, און מיר וועלען זי דיר ניט אָבגעבען ביז דו וועסט צוזאָגען, אַז דו וועסט איהר גאָרנישט טהאָן... אַלאַ ניט, וועלען מיר זי אין טבריה דער רעגירונג איבערגעבען... דיר וועט ערגער זיין...

— שיקט זי צו... מיר זיינען אייך ערב פאַר איהר... — האָבען זיך די קאָלאָניסטען אָבגערופען...

---

און רחל זיצט ביי חלימה'ן... חלימה דערצעהלט איהר אַלץ וואָס ביי זיי טהוט זיך און אויך ווי די שייכס זיצען ביי זיי.

פערגליווערט, מיט אַן אונמענשליכען פחד זיינען איהרע אויגען אויף דער טהיר אָנגעשטעלט. די ליפּען בעוועגען זיך.

— קום! — האָט זי חלימה פאַר'ן האנד אַ שלעפּ געטהאָן. — זי הערט ניט.

— קום! — האָט זי חלימה שטאַרקער געשלעפּט.

— וואוהין? — האָט רחל אויפגעציטערט.

— צו דיר, אַ היים...

— איך געה ניט! — האָט רחל מיט'ן האנד געמאַכט.

— וואָס הייסט דו געהסט ניט? די שייכס האָבען נאָך דיר אבדול־האפעז'ן געשיקט און ער וואַרט...

— איך געה ניט אהין... זיי וועלען מיך הרג'ענען... — האָט זי עקשנות'דיג מיט די אַקסעל אַ פּיהר געטהאָן.

— קום, האָב קיין מורא!... איך בין דיר ערב... מען וועט דיר גאָרנישט טהאָן... די שייכס וואַרטען אויף דיר... — האָט איהר אויך אבדול־האפעז איינגערעדט.

— איך געה ניט, זיי וועלען מיך הרג'ענען... — האָט זי ניט אויפגעהערט איבער'חזר'ן מיט קאַלך־ווייסע ליפּען.

— וואָס איז פאַראן צו ריידען — האָט שוין אבדול־האפעז צאָרנדיג אויסגעשריען — זי נעמט זיך איבער, די „סעקנאַדזיע“... קום! — האָט ער זי פאַר'ן האנד אַ שלעפּ געטהאָן.

מיט אַ שניידענדען קוויטש איז רחל אַנידער געפאַלען אויף דער ערד.

---

— וואו איז זי? — איז מלכה מיט אַ צוחראַסטעטען בוזים און צוואוואָרפענע האָר ארויסגעלאָפען, ווי מען האָט נאָר רחל'ן אין הויף אריינגעפיהרט.

— אהא, דו ביסט דאָ?... — האָט זי זיך צו איהר אַ וואָרף געטהאָן, און אָנהאַפענדיג זי פאַר די לאַנגע האָר, האָט זי זי איבער'ן הויף ארומגעשלעפט.

מען האָט זי קוים אָבגעריסען.

און ווי נאָך אַ טויטען, מיט צולאָזענע האָר האָט זי זיך אויף דער ערד געגען רחל'ן געזעצט.

מיט טרוקענע אויגען אונטער וועלכע עס האָבען געציטערט די באַק־מוסקולען איז רחל געזעסען.

שפּעט ביי נאַכט זיינען זיך אַלע צוגאַנגען.

ביי זיך אין שטוב האָט אַ קאַלאַניסט רחל'ן פערשפּאַרט.

— לאָזט זי אַרויס... איך וועל איהר גאָרניט טהון, — האָט פּלוצלונג יעקב אָנגעהויבען שרייען און קלאַפּען אָן טהיר פון דער שטוב, וואו רחל איז געזעסען.

— מיר וועלען זי ניט אָבלאָזען... מיר זיינען פאַר איהר ערב געוועזען — האָט איהם דער קאָלאָניסט פון דאַך געענטפערט. ער האָט נאָך אַ ביסעל געקלאַפּט און איז אַבגעגאַנגען.

עס איז געוואָרען שטיל, נאָר יעקב האָט ניט אויף אין הויף אומשפּאַנען און מורמלען. און אויך מלכה וויינט.

אַלע שלאָפען. נאָר זעהר טרויעריג האָט זיך אַ שאַקאַל צע־וויינט, אַזוי ווי ער וואָלט בעקלאָגט עפּעס זעהר אַ טייערע פערלאָ־רענע זאַך פון וועלכער נאָר ער אַליין ווייס.

---

— וואָס האָסט דו געטהאָן?... וואָס האָסט דו געטהאָן?... — האָט מלכה מיט אַ שטילען געוויין אויפ'ן צווייטען טאָג רחל'ן בע־געגענט.

יעקב איז ניט געוועזען.

— אוי, רחל, רחל... — האָט זיך מלכה אַלץ שטאַרקער אין הארצען געקלאַפּט און פאַר די האָר געריסען, מיט פערשוואָלענע אויגען קוקענדיג אויף רחל'ן, וועלכע איז ווי אַ מאַרמאָרנע סטאַטוע אָהן בעוועגונג געזעסען.

— אהא, דו ביזט טאַקע געקומען! — האָט זיך פּלוצים יעקב אין טהיר געוויזען, און האָט זי אויף דער ערד אומגעוואָרפען.

— וואָס ביזט דו געקומען צו מיר!... צו דיין אראבער גייה!...

— האָט ער אין איין רציחה געשריען און איבער'ן פאַל זי אומ־שלעפּט.

— איך וועל דיך הרג'ענען... דו ביזט ניט מיין טאָכטער... — האָט ער זיך מיט א מאָל א וואָרף געטהון צום וואנד און דעם ביקס אראָבגעכאַפּט.

מיט א ווילד־גרילצענדיג געשריי האָט זיך מלכה צו יעקב'ן א וואָרף געטהאָן.

— טאַטע, מען דאַרף ניט! — האָט זיך רבקה אויף זיין האַנד אָנגעהאַנגען.

עס זיינען אָנגעלאָפען קאָלאָניסטען, דעם ביקס אָבגענומען און רחל'ן ארויסגעפיהרט.

— צו סאַלים'ן זאָל זי געהן! — האָט מיט שוים אויף די ליפּען געשריען יעקב. — איך וועל זי דער'הרג'ענען, אויב איך וועל זי דאָ נאָך אמאָל טרעפען.

און שטיל, אין א ווינקעל, וויינט מלכה דריקענדיג פעסט צו זיך רבקה'ן, אזוי ווי זי וואָלט מורא געהאַט מען זאָל זי ביי איהר צונעהמען.

מיט א צובלוטיגטען פּנים, א פערשטיינערטע, זיצט רחל ביי דעם קאָלאָניסט. צייטענווייז לויפט איהר איבער א ציטער און ברייט עפענט זי און פערמאַכט די אויגען...

---

און ביי דעם אַלטען יעקב'ן אין שטוב איז געוואָרען א גיהנום. אָהן אן אויפהער וויינט מלכה און אויך רבקה:

— פאַר וואָס זיצט עפּעס רחל ביי פרעמדע מענשען?...

גאַנצע טעג איז יעקב אין דער היים ניטאָ.

— אָט האָסט דו דיין טאָכטער!... איך וועל זי דער'הרג'ענען אויב זי וועט זיך נאָר דאָ ווייזען... — האָט ער ניט אויפגעהערט שרייען צו מלכה'ן, ווען ער איז נאָר אין דער היים געוועזען.

מיט קיינעם רעדט ניט דער אַלטער יעקב. איהם ווייזט זיך אויס, אַז אַלע לאַכען פון איהם. און איין מאָל, ווען אבימלך האָט איהם עפּעס געזאָגט, האָט ער זיך אויף איהם געוואָרפען מיט די פויסטען.

די צייט שטעהט ניט.

מיט דער לעצטער אנשטרענגונג ארבייט מען אין די פעלדער. יעדער איילט זיך וואָס גיכער דעם „סעזאָם" אראָבנעהמען, ווייל פון די היצען האָט ער זיך אָנגעהויבען אויסשיטען. און אייניגע האָבען שוין אפילו אָנגעהויבען דרעשען.

ארום די אָנגעוואָרפענע קופּעס תבואה דרייהען זיך ארום צו־זאַמענגעשפּאַנטע אקס און עזעל, פערד און קוה און אַז ניט, איז א גמל און אן עזעל, און ווייט קלינגען די געשרייען פון די קינדער, זייערע אָנטרייבער.

רבקה ארבייט אויך דאָ. זי וויל ניט אָבשטעהן פון אנדערע.

— ווען ביי איין טרעפט זיך דאָס, וואָלט איהר איהם פון אונטער דער ערד געבראַכט... און איך א יאהוד... וואָס?... אָ, פער־פלוכט זאָלט איהר זיין... — טראַכט יעקב ליגענדיג אין שאָטען פון די קופּעס תבואה.

מיט אַלע מעגליכקייטען מיידט ער אוים די אראָבער.

שטעהענדיג אויפ'ן „ברעט" פאָהרט רבקה איבער דער תבואה. די פערבייגעהענדע אראָבער בלייבען שטעהן און מיט א פייערל אין די אויגען קוקען זיי איהר נאָך.

— און וואָס וועט מיט איהר דאָ זיין? דאָס אייגענע וואָס מיט רחל'ן... אָט ווי גרוים זי איז אויסגעוואַקסען... ווי געזונד זי איז... ניין, איך וועל ענדיגען דעם באַיאָדער און וועל זי אָבפיהרען אין צפת... — ליגט יעקב און טראַכט לאַנג, לאַנג אַלץ דאָס אייגענע, ביז רבקה וועקט איהם ניט אויף.

— טאַטע, עס איז שוין צייט די „תרכה"*) איבערקעהרען.

---

*) צודראָשענע זאַנגען.

דער סעזאָם איז שוין אָראָבגענומען און מען האָט אָנגעהויבען רייסען דורע. נאָר איין יעקב טהוט גאָר ניט. ער אַרבייט ניט. אי די אַראַבער, אי די קאָלאָניסטען האָבען אָנגעהויבען טראַכטען וואָס צו טהאָן; דער „מולטאַזים"*) פאָדערט פון דעם דאָרף זיי זאָלען פאַר יעקב'ן צאָהלען.

איין מאָל א פאַרנאַכט, ווען אַלע זיינען געזעסען און געטראַכט וואָס צו טהאָן, ווייל די בערג־שריפות האָבען זיך זעהר געשטאַרקט און צו דעם האָט מען נאָך נעכטען געפונען א גע'הרג'עטען אַראַבער, האָט זיך פון דערווייטענס יעקב געוויזען.

— היי, יעקב, היי! — האָט איהם גערופען א שייך.

— ברוך הבא! — איז צוגעקומען יעקב און זיך אויך געזעצט אין קרייז.

— וואָס וועט זיין יעקב? — האָט, נאָך א קליין שווייגען, געפרעגט איינער. נעכטען בין איך געוועזען אין דיין פעלד. דיין סעזאָם איז שוין האַלב אויסגעשאָטען. ווער וועט פאַר דיר צאָהלען דעם עשר? — יעקב האָט געשוויגען.

— דו אַרבייטסט ניט, — האָט ווייטער גערעט דער שייך, — די גאַנצע אַרבייטערין איז רבקה, און זי איז דאָך א פרוי... רחלן האָסטו פאַרטריבען... אַרבייטער זוכסטו ניט...

— ער זוכט סאַלים'ן, — האָט זיך א אַרבייטער אָנגערופען, פון סאַלימס דאָרף.

— יא, איך זוך סאַלים'ן — האָט יעקב זיין קאָפּ אויפגעהויבען. — וואו איך וועל איהם נאָר בעגעגנען, וועל איך איהם ווי א הונד דערשיסען...

שפּאָטיש שמייכעלט דער אַראַבער און נידריג האָבען די קאָלאָניסטען זייערע קעפּ אַראָבגעבויגען.

— איהר וואָלט דען בעסער געוועזען?... מיינע גראָהע האָר האָט ער געשענדעט... — האָט יעקב זיינע האָר געוויזען. — ווען ביי אייך וואָלט זיך דאָס געטראָפען?... נאָר א יאהוד!...

---

*) וואָס האַלט דעם עשר.

— אומזיסט רעדסט דו אזוי. — האָט זיך אַ זקן אָבגערופען.

— סאַלים איז אין די בערג. זיין משפחה איז זעהר אַ גרויסע און אַ שטאַרקע. קענסט זיך פערקריגען מיט זיי?... רוף צוריק רחל'ן און ענדיג די אַרבייט. — דו זעהסט? ! — האָט ער אויף די ברע־נענדע בערג אָנגעוויזען.

— וואו איז רבקה! — איז יעקב מיט כעס און רוגזה געקו־מען צו זיך אין שטוב, נאָך דעם געשפּרעך מיט די אַראַבער.

— ביי רחל'ן — האָט מלכה געענטפערט.

— אַ, אַ, אַ, ביי רחל'ן — האָט יעקב איבערגעקרימט. — רוף זי גלייך און גיב וועטשערע!... צי ווילסט דו ניט, אז זי זאָל אויך אזוי ווערען?... רבקה, רבקה! — האָט ער אָנגעהויבען שרייען.

בעגיסענדיג זיך מיט טרערען האָט מלכה געגרייט צום טיש.

— וואָס געהסט דו צו איהר?... ווילסט אויך אזוי ווי זי ווערען?... — האָט ער גראָב די אריינקומענדע רבקה בעגעגנעט.

— וואָס פאַלסטו אָן אויף איהר? — האָט זיך מלכה אריינ־געמישט — אפילו צו דער שוועסטער טאָר זי ניט געהן...

— יענע איז ניט מיין טאָכטער... זי האָט ניט וואָס צו געהן צו איהר... קיין גוטס וועט זי זיך דאָרט ניט אויסלערנען...

— יעקב!... — האָט שטיל מלכה אָנגעהויבען — קעהר אום רחל'ן... זעה...

— ניין, פאַר קיין זאַך אין דער וועלט — האָט יעקב געליאַרמט — זאָל זי צו איהר אַראַבער געהן...

— וואָס שרייסט דו שטענדיג אַראַבער?... — האָט שוין מלכה דאָס עסען ניט דערלאַנגט.

— ווער איז שולדיג? זי? ניין, דו, דו ביזט שולדיג... ער האָט זיך דערפרעהט מיט סאַלימ'ן און נאָך צוגעזאָגט איהם רחל'ן פאַר אַ ווייב אָבגעבען... — האָט שוין אַלץ העכער און שטאַרקער מלכה געשריען. פאַר איהם איז שוין ניט געשטאַנען די שטענדיג פערוויינטע מלכה, נאָר אַ מוטער... — דער'הרג'ענען וויל ער זי... גאַנצענע טעג אַליין מיט דעם אַראַבער געלאָזען און נאָך ברוגז גע־ווען, ווען זי האָט מיט איהם ניט גערעדט... הער נאָר יעקב... זאָל

זי צוריק קומען... מיר וועלען ענדיגען אראָבנעהמען דעם סעזאָם, א ניט וועט ער זיך אין גאַנצען אויסשיטען... אן עבירה... און אויף יום־טובים וועלען מיר זי אָבפיהרען אין צפת...

— טאַקי אין דער אמת׳ן, טאַטע, — האָט זיך אויך רבקה אָבגערופען — לאָז זי קומען! איז דען גוט אַזוי?... די מאַמע איז קראַנק... איך אויך... דער סעזאָם איז אויסגעשאָטען, די דורע איז ניט אראָבגענומען... אַזוי וועלען מיר דאָך אפילו אויף יום־טובים ניט ענדיגען...

— און דו אויך... — מורמעלט בייז יעקב — ווינציג איז אייך, ווילט איהר נאָך. ניין! ביז איך וועל דאָ זיין, וועט זי זיך ניט אומקעהרען... זאָל אַלעם פערפאַלען ווערען... דער טייוועל האָט מיך געטראָגען ווערען דאָ א קאָלאָניסט... שלעכט איז מיר געוועזען ווען איך האָב אַלס מוקער*) געוואוינט אָהן דאגות אין צפת...

— אליין, מיט אונזערע אייגענע הענט, אַלעמען צוטריבען.— האָט מלכה געוויינט און געשלוכצעט. — די זיהן אין אמעריקאַ, און איצט די טעכטער... אוי, אַן אומגליק האָט מיך געטראָפען!... וועה איז צו מיר, וועה... קיינעם האָב איך ניט... איינע אַליין בין איך געבליבען...

— גוט, — האָט יעקב אויסגעשריען, — ווילסט ביי זיך האָבען דיין טייער טעכטערל, גוט. אָבער וויים, אַז איך בין אין דער היים ניטאָ. — און פערהאַקענדיג די טהיר הינטער זיך איז ער ארויסגעלאָפען...

---

רחל און חלימה, וועלכע איז איהר געקומען העלפען, אַרבייטען דעם גאַנצען טאָג אין פעלד, איילענדיג ענדיגען אראָבנעהמען דעם סעזאָם. די פעלדער זיינען ליידיג, קיינעם זעהט מען ניט. דעם סעזאָם האָבען שוין אַלע אראָבגענומען.

צייטענווייז בלייבט שטעהן רחל און לאַנג קוקט זי צו דעם

*) אייזעל אַנטרייבער.

בארג, וואו עס שווארצט זיך דער גרויסער בוים אין דער זייט פון סאלימ׳ס דארף. שווער לעבט זיך איהר איצט.

יעקב מיידט זי אויס. מלכה הערט ניט אויף צו וויינען און איז קראנק, אלט און שוואך געווארען. רבקה רייסט זיך אונטער ביי דער ארבייט; קיין ארבייטער האבען זיי ניט. און אויף דער נאכט ליגט זי מיט רבקה׳ן אויפ׳ן דאך.

שטיל איז ארום און ארום. דער גריל הערט ניט אויף זיין זינגען, דער בייסענד־שארפער, געזונטער קאל־דופט און דער שווע־רער חריפען פון די שעפסען הערט זיך פון הויף. מלכה קרעכצט אין שלאף. פעסט דריקט זיך צו רחל׳ן רבקה, ווארימט זי מיט איהר הייסען קערפער און פרעגט איבער אהן אן אויפהער:

— ווי איז דאס געווען, רחל?... ווי איז עס געווען?...

מיט פערמאכטע אויגען, ווי שלאפענדיג, ליגט רחל און זי זעהט עפעס א שווארצער קריכט איבער׳ן דאך גלייך צו איהר... די אויגען ברענען... דער קערפער גלאנצט... אט איז ער שוין נעבען איהר...

— דו וועסט ניט געהן... דו וועסט ניט געהן... — ציטערט מיט איהר קערפער רחל...

---

קומענדיג א פארנאכט פון דער ארבייט, הערט רחל ווי אויפ׳ן דאך רעדט מען און מען דערמאנט איהרען און אבימלכ׳ס נעמען.

זי געהט ארויף און דערזעהט דעם מלמד. אלע זיינען אנט־שוויגען געווארען און גלייך האט זיך דער מלמד אויפגעהויבען:

— זעהט, לאזט דאס ניט אב... בעסערס דארפט איהר איצט ניט... און וואס גיכער איז בעסער... — הערט זי ווי דער מלמד צור־זעגענט זיך מיט די עלטערען.

פיהלענדיג זיך עפעס מיד און ניט געזונד, האט זיך רחל צור־געלעגט אברוהען, און זי הערט ווי דער פאטער מיט דער מוטער ריידען עפעס שטיל, נאר ווי זיי בעמערקען, אז זי קוקט אין זייער זייט, ווערען זיי גלייך אנטשוויגען.

אויף מארגען איז רחל צו דער ארבייט ניט געגאנגען, זי האט זיך געפיהלט קראנק. מיט א בעזונדערער ליעבע און אויפמערק־

זאַמקייט געהט אַרום איהר אום מלכה. און אפילו יעקב איז איין מאָהל צוגעגאַנגען און געפרעגט וואָס זי מאַכט.

פאַרנאַכט־צו איז זי אויפ'ן דאַך אַרויף, און הערט ווי יעקב זאָגט מלכה'ן:

— איצט זאָג איהר.

— ניין, — ענטפערט מלכה, — זי איז נאָך קראַנק, מיר וועלען וואַרטען ביז מאָרגען.

— הויבסט שוין אָן... מאָרגען, מאָרגען... היינט, גלייך זאָג איהר, זאָל זי אויך וויסען... און מעהר האָט זי שוין ניט געהערט; די שטימען האָבען זיך דערווייטערט.

מיט דער אָנקומענדער נאַכט קעמפפט נאָך דער טאָג. דאָס פינסטערער, דאָס ליכטיגער ווערען די שאָטענס. די בערג פער־שרפה'ט פון דער זוהן פון אַ גאַנצען טאָג, האָבען מיט פרייד די נאַכט־פרישקייט בעגעגענט.

אין הויף שרייען די קינדער און פרויען, אַריינטרייבענדיג די געקומענע טשערעדע.

רייטענדיג אויף עזלען האָבען זיך אַ גאַנצע חברה מיט הילביגע געשרייען אומגעטראָגען אין הויף. מיט אַ ליידענשאַפטליך־בייזען מיעם... מיעם... לויפט נאָך דער צאָפּ דער ווייסינקער ציגעלע, וועלכע אַנטלויפט שטיפעריש־קאָקעטיש יעדען מאָהל ווען ער דער־נעהענטערט זיך, ביז וואַנען מען פערטרייבט זיי ביידען, אי די קאָקעטקע, אי דעם דאָן זשואַן אין שטאַל, וואו ער זעצט פאָר מיט מעהר ערפאָלג זיין אַרבייט.

איינער נאָך דעם צווייטען צינדען זיך אָן איבער'ן הימעל די העל־שימערענדע שטערן. ערגיץ פון ווייט, פון די בערג, הערט זיך דער טרויעריג־אָבגעהאַקטער איבערגע'חזר'טער געשריי פון דער בומע (נאַכט־פויגעל). אין יענער זייט האָט רחל זיך איינגעקוקט.

---

— רחל געה עסען! — האָט זי רבקה גערופען. זי איז אין שטוב אריינגעגאַנגען.

אַ קליינינקער, אָהן אַ גלעזעל, לעמפעל, האָט קוים בעלייכט

דעם צימער. ווי סוד'ענדיג האבען זיך אין די ווינקלען די שאטענס בעהאלטען. עפעס א שווערע, ווי פאר א שטורם, שטילקייט האט אלעמען בעהערשט. פון אונטער זיינע גערינכטע ברעמען האט יעקב געקוקט אויף רחל'ן.

וויסט, רחל? — האט ענדליך מלכה דעם שטיל־שווייגען אי־בערגעריסען, — אבימלך האט ווייטער א שדכן געשיקט און מיר האבען איהם צוגעזאגט...

— וואס? — האט זיך רחל פערהוסט און איז אינגאנצען רויט געווארען.

— אבימלך האט א שדכן געשיקט, — האט ווייטער מלכה איבערגע'חזר'ט — און מיר האבען איהם צוגעזאגט. איצט איז דאס א גליק פאר דיר.

— איך וויל ניט חתונה האבען! — האט שטיל, קוים וואס מען האט געהערט, ארויסגערעדט רחל.

— ווער פרעגט ביי דיר? — האט זיך יעקב אבגערופען מיט זיין גראבען הייזעריגען קול. — דו נעהמסט זיך איבער... — האט ער ווייטער גערעדט צארענדיג. גענוג האסט דו אונז פערשעמט... אומעדום, אין אלע ווינקעלעך, טייט מען מיט די פינגער אויף אונז... אלע האלטען אונז אין די מיילער... זאג נאר, איך בעט דיך, ווער וועט דיך נעמען, אזעלכע?... פאר אונז איז א גליק אבימלכ'ס שדכ'ענען זיך... מען קען דאך אונז פון דער חלוקה אבזאגען... און ווי אזוי, מיט וואסערע אויגען וועל איך זיך צו ר' חיים דעם דיין ווייזען?...

— איך וועל פאר אבימלכ'ן ניט געהן... איך קען איהם ניט איבערטראגען...

— וואס האסט דו געזאגט?! — איז יעקב אונטערגעשפרונ־גען. — זאג, זאג נאך א מאל, חזר איבער...

— יעקב, אבער מען קען דאך דאס אייגענע אהן געשריי אויך.

— האט זיך מלכה אריינגעמישט.

— קוק, נעם זיך איבער מיט דיין טעכטערל... פאר אבימלכ'ן וויל זי ניט... און פאר וועמען ווילסט דו?... פאר'ן אראבער?...

פאַר סאַלימ'ן?... וואַרט צו אַ ביסעל, באַלד ברייננ איך איהם דיר צו פיהרען...

— איהר קענט טהאָן וואָס איהר ווילט, פאַר אבימלכ'ן נעה איך ניט!...

— וואָס! — האָט יעקב אַ שטעקען נעכאַפּט. — און מיט די אַראַבער שורי־מורי פיהרען, ווילסט דו יאָ? איך וועל דיר... — האָט ער איבער איהר דעם שטעקען אויפגעהויבען.

— טאַטע!... יעקב!... וואָס טהוסט דו?... זי וועט זיך נאָך בעטראַכטען... — האָט איהם מלכה און אויך רבקה פאַר די הענט אָנגעכאַפּט.

אַ וואַקס־געלע איז רחל געזעסען.

— לאָז מיך! האַלט מיך ניט אָב! — האָט ווי אַן אָקס יעקב געשריען. — איך וועל איהר שוין ווייזען... זי וויל נאָך ניט, די שליובע?... ווער וועט זי אַזעלכע נעהמען?... אויף איהר אַראַבער האָפּט זי?... וואָס האַלסט דו מיך!... איך וועל דיך דער'הרג'ענען...

— האָט ער זיך פון מלכה'ס הענט אויסגעריסען און געכאַפּט רחל'ן פאַר די האָר.

— דזיי, יאַ, נאַם דזיי...*) ער וועט זי דער'הרג'ענען — איז רבקה אַרויסגעלאָפען אין הויף.

גלייך זיינען זיך מענשען צונויפגעקומען. מען האָט רחל'ן פון יעקב'ס שטוב אַרויסגעפיהרט און אָבגעמינטערט די גע'חלש'טע מלכה.

אַלע טאָג הור'ט זיך דאָס איבער.

— אַזאַ איינע דאַרף מען דער'הרג'ענען — מישען זיך ניט די קאַלאָניסטען.

די שייכען פון דאָרף האָבען זיך יאָ נעפּרובט אַריינמישען, נאָר יעקב האָט זיי אָבגעשניטען: — מיין טאָכטער, וואָס איך וויל טהו איך מיט איהר. און אַ טאָכטער וואָס פאָלגט ניט, האָט אַליין געבי־מחמד געהייסען לערנען...

---

*) קומט מענשען, קומט.

און פון סאלימ'ן האט מען ניט געהערט, ניט געזעהן, אזוי ווי אין וואסער אריין.

סאלים, ווען מען האט איהם אנגעזאגט וואס זיין נאכט־רייזע האט אנגעטהאן, איז צו זיך אין דארף אוועק. דארט האט ער גע־טראפען די, וואס זיינען געגאנגען אויף האזזא, און איז מיט זיי גע־פאהרען. ווען חלימה האט געגעבען צו וויסען אין דארף אלעס וואס דא טהוט זיך, האט מען איהר געענטפערט, אז ער האט זיך נאך ניט אומגעקעהרט.

און רחל'ס לעבען איז גאר ניט קיין גוטער.

לעבען, לעבט זי ביי א קאלאניסט, וועלכער האלט זי אויס מורא, אז יעקב זאל זי ניט דער'הרג'ענען. און שטענדיג הערט זי פון זיי: — טויטען דארף מען אזעלכע... פאר די אראבער האט זי אונז פערשעמט. אין צפת זי אבפיהרען...

און אויך די אראבער שמייכלען שפאטיש ווען זיי דערזעהן זי. איינע אליין זיצט זי די גאנצע צייט. נאר ווען ניט ווען, נאך דער ארבייט, קומט צו לויפען רבקה. שטיל, קיינער זאל ניט זעהן, גנב'עט זי זיך אריין און זעצט זיך נעבען רחל'ען און אריינקוק־קענדיג איהר טיעף אין די אויגען, פליסטערט זי:

— ווען וועט ער קומען, רחל? ווען וועט ער קומען?

מיט טיעף־איינגעפאלענע אויגען בעקוקט זי רחל און שווייגט...

שטארקער קלאמערט זיך רבקה אן רחל'ן, וועלכע נעמט אריין אין איהרע הענט רבקה'ס קאפ און בייסט זיך איין מיט א לאנגען קוש אין איהרע ליפען, וואס ווערען בענעצט פון טרעהרען. ווען ניט ווען קומט אויך מלכה צו לויפען און אויס מורא פאר יעקב'ן זעצט זי זיך אין א ווינקעלע, קיינער זאל זי ניט זעהן, און גלעטענדיג רחל'ס האר שעפטשעט זי מיט געוויין:

— וואס וועט זיין... וואס וועט זיין, רחל?... וואס האסט דו געטהאן?... אומגליקליך זיינען מירביידע...

רחל שווייגט, נאר א בלאסקייט בעדעקט איהרע גרויסע גראבע, תאוה'דיגע ליפען.

און דער אַלטער יעקב קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. ער נעהמט אויפ'ן באַיאָדער, דערזומער־קלוב פון די אַראַבישע דערפער, און פון דאָרט הערט ער דעם אָבלאַכענדיגען ווערטלען זיך: א וואוילער יונג, סאַלים, א סעקנאַדזיע געפּאַקט...

— א, פערפלוכטע! — טראַכט ער אַבגעהענדיג פון דאָרט און אין וועג גיט ער א פּאָר גוטע קלעפּ מיט'ן פוס דעם געלען נרוי־סען עזעל, וואָס ער האָט אָנגעטראָפען.

— וואָס וועט זיין, יעקב? — אבימלך ווארט... מען דאַרף זיי אָבפיהרען אין צפת און דאָרט שטעלען א חופּה — פרעגט איהם שטענדיג דער מלמד.

— שלום!... — בעגעגענט איהם אויך אבימלך.

— וואָס דאַרפסט דו?... ווער בעט דיין שלום?... — שרייט ער צאָרנדיג.

אויך די קאָלאָניסטען לאָזען ניט צורוה. שטענדיג פרעגען זיי איהם איבער וואָס טהוט מען. סאַלים וועט זיך אומקערען וועט זיין זעהר שלעכט, מען דאַרף זי אין צפת אָבפיהרען.

— וואָס ווילען זיי?... איך וועל דאָך די אַרבייט ביז יום־טובים ניט ענדיגען... — נעהמט ער אום איבער'ן הויף.

— זעה, וואָס דו האָסט אויפגעטהאָן!... וואָס וועלען מיר איצט טהאָן?.. געה, רעד איהר איין זי זאָל פּאַר אבימלך'ן חתונה האָבען...

— האָט ער זיך צושריען אויף מלכה'ן, אריינגעהענדיג אין שטוב.

ביי רחל'ן האָט מלכה געטראָפען אַלע קאָלאָניסטען. מען זיצט ווי די טערקען אויף דער ערד, די פיס אונטער זיך. הינטער זיי די ווייבער און אויך קינדער שפּילען זיך.

אָנגעשטרענגט, אזוי ווי ביי א געפאַהר, אָנגעצווינגען, זיצט רחל אין ווינקעל. די געמבע ציטערט ביי איהר עטוואָס.

מיט טרעהרען־פולע אויגען און געבעט האָט אויף איהר מלכה יעקוקט. זי האָט זיך נעבען איהר געזעצט.

— וואָס וועט זיין, רחל? זאָג דו אַליין... לאַנג קען דאָס גע־דויערען? — האָט א קאָלאָניסט פאַרטגעזעצט דעם געשפּרעך, וואָס איז איבערגעריסען געוואָרען מיט מלכה'ס אריינקומען. — מיר קע־

נען ניט קוקען די אראבער אין די אויגען... און אין שטאָדט וואָס רעדט מען... ווי אַ דערשלאָגענער געהט ארום דיין טאטע... דיין מאמע איז אַלט און גראָה געוואָרען, — האָט ער אויף מלכה'ן אָנ־געוויזען — און אייער בעל־הבית'ישקייט?... און אַלעם איבער דיר...

מיט ווייט אויסגעגלאָצטע, גלעזערנע אויגען, זיצט רחל און מען קען ניט וויסען צי הערט זי אָדער ניט.

— האָב חתונה מיט אבימלך'ן! — האָט אויך דער מלמד געזאָגט.

ציטערנדיג האָט רחל מיט איהר בליק איבער'ן צימער גע־בלאָנקעט.

— וועסט חתונה האָבען מיט אבימלך'ן, — האָט ער ווייטער גערעדט, — און מיט גאָט'ס הילף וועט אַלעם פערגעסען ווערען, אַלעם וועט זיין גוט; אי צווישען לייטען וועט מען זיך קענען ווייזען, מיט'ן טאטען וועסט דו שלום ווערען.

— וואָס דאַרפט איהר? וואָס ווילט איהר האָבען פון מיר!

— האָט זיך פלוצלינג רחל צושריען. — איך וויל ניט אבימלך'ן...

— אָך, די אייזערנע נשמה דיינע... אָך, דו אונפערשעמטע...

— האָט איהר איבערגעשלאָגען די צורודערונג און דאָס קוויטשעריי פון די ווייבער.

— וואָס איז דאָ מיט איהר וואָס צו ריידען? — האָט זיך שוין משה, אבימלך'ס פאָטער אָבגערופען, אַ הויכער יוד מיט אראָב־געלאָזענע ברעמען, — איהר זעהט דען ניט, אַז זי איז משוגע גע־וואָרען? מען דאַרף זי בינדען און אָבשיקען אין צפת... אַן אראַ־בער האָט זי ליעב... זי וועט נאָך אַן אראבקע ווערען...

— זי האָט זיך אויסגערעדט, — האָט אַלעמען דער מלמד בערוהיגט, — זי וועט זיך נאָך בעטראַכטען... מיר וועלען איהר געבען אַ פּאָר טעג אויף דעם...

— וואָס האָסט דו צו אונזער לעבען?... וואָס האָסט דו צו אונזערע יאָהרען?... — האָט ניט אויפגעהערט מלכה צו קלאָגען.

שטאַרקער ציטערט ביי רחל'ן די געמבע.

— אוי, מאַמעלע... ווי שווער איז מיר... ווי וועה איז מיר...

— האָט זי זיך מיט אַ האַרץ־רייסענדען געוויין געוואָרפען אויף מלכה'ס האַרץ.

אַלע זיינען אַרויסגעגאַנגען...

---

און רחל'ן האָט מען געלאָזען צורוה. מען קוקט איהר ניט נאָך וואוהין זי געהט, מיט וועמען זי רעדט. מען מוסר'ט זי ניט, מען רעדט צו איהר ניט... און גאַנצענע טעג געפינט זי זיך ניט אין קאָלאָניע.

פון גאַנץ פריה געהט זי אויף איהר ליבלינגס אָרט, ביי דעם גרויסען פעלז, ניט ווייט פון קאָלאָניע, וואו עס וואַקסט דער גרויסער פייגען־בוים. קיינער קומט ניט אַהער, אַלע זיינען אויפ'ן באַיאַדער.

מיט'ן געזיכט אין דער זייט פון סאַלים'ס דאָרף ליגט זי און מיט די אויגען בלאָנדזשעט זי אין די בערג, אַזוי ווי זי וואָלט אויף עפּעס געוואַרט.

צייטענווייז קומט צו חלימה און ברענגט פּתות, ציבעלע, זייטונעס*).

און איין מאָל, אַ נאָכמיטאַג, אַ בעהערשטע פון דער האַלב־טאָגיקער מידקייט, איז רחל אויף איהר אָרט געלעגען. אין די צווייגען פון דעם פייגען־בוים פליהען אום מיט אימפּעט קליינע פויגעלעך. יאָגענדיג איינע די צווייטע זיינען פאַרביי געלאָפען צוויי שווארצע יאַשטשערקעס. פון וואַסער ציהען זיך די טשערעפּעס, אונטערגעטריבען מיט די פרעהליכע פאַסטוך־געשרייען. אַ פּאָר בוצאַנעס געהען אום גדלות'דיג; בויגען אָן יעדע ווייַלע די לאַנגע העלזער צו דער ערד, זוכען עפּעס און הויבען זיי גלייך אויף. הויך, איבער די בערג, מיט צושפּרייטע פליגלען, פלאַטערט אַן אָדלער, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט. אַ טרוקענער צווייגעל איז איהר אויפ'ן פנים געפאַלען. רחל האָט אויפגעציטערט.

---

*) אליוועז.

— זיי שעמען זיך אין שטאָדט ווייזען... פון דער חלוקה וועט מען זיי אָבזאָגען... — טראַכט זי מיט רוגזה. — פון מיר טראַכטען זיי?... אויף מיר האָבען זיי רחמנות... און ווען זיי וועלען זיך נאָך דערוויסען, אז איך בין טראָגענדיג?... מיט אבימלך׳ן חתונה האָ־בען, מיט אָט דעם מיט די פערדישע צייהן... און וואו איז איצט סאַלים?... וואָס טהוט מען?... און מאָרגען דארף מען זיי דאָך געבען אן ענטפער...

— „אויף די אַקסלען פון בארג בין איך געשטאַנען...
„געגען טהאָל אַזאָוויע מיין פּנים געווענדט...
„און דערזעהן האָב איך דאָרט...“ —

האָט זיך פּלוצלינג אַ ליעד געטראָגען.

געציטערט האָט רחל, דורשטיג איינהערענדיג זיך אין דער ליעד און מיט׳ן גאַנצען קערפּער געצויגען זיך אין יענער זייט.

— סאַלים! — האָט זי אויסגעשריען. — דאָס איז ער, זי האָט זיין קול דערקענט — און זי האָט די ליעד אונטערגעכאַפּט. — ער ווייס ניט, אז זי ליגט דאָ: —

„געשריען האָב איך, דיך גערופען...
„די בערג האָבען פון מיין קול געציטערט...
„די טהאָלען אויף מיין רופען געענטפערט...
„דיין נאָמען האָבען די בערג ווידערהאָלט...

און פון דער נאָהענטסטער קליינער בערגעל האָט זיך אין אַ שווארצער אַבאיע אן אראַבער געוויזען, און צוהאַלטענדיג דעם שווערד ביי דער זייט, איז ער געלאָפען צו איהר.

— סאַבאַחאַק על חער!...*).

רחל האָט זיך ניט געקענט אויפהייבען פון אָרט. מיט טרעהט־רען זיינען איהר די אויגען פערגאָסען.

— וואָס מאַכסט דו? וואָס וויינסט דו? — האָט ער זיך נעבען איהר געזעצט.

רחל שוויינט. איהר געזיכט ציטערט.

---

*) גוט מאָרגען.

— וואָס הערט זיך ביי אייך אין דער היים? דו ביזט ניט געזונד? וואו ביזט דו געווען די גאַנצע צייט?

— איך בין געזונד... — האָט זי זיך ענדליך געשטאַרקט און שטיל געענטפערט — און דו ביסט געזונד? וואו ביסט דו געווען די גאַנצע צייט?

— מיר זיינען היינט מיט'ן פריה־מאָרגען געקומען פון חאַזזאַ... מען האָט מיר געזאָגט, אַז חלימה האָט נאָך מיר געשיקט און איך בין געקומען... איך ווייס פון אַלעס, דאַאוד האָט מיר דערצעהלט... א, איך וועל זיי אָבצאָהלען! — האָט פייערדיג סאַלים אויסגעשריען.

— דו ווייסט? זיי ווילען איך זאָל מיט אבימלך'ן חתונה האָבען...

— איך וועל איהם שיסען! — איז ער פון זיין אָרט אויפגעשפרונגען.

— זיי ווייסען נאָך ניט, אַז איך בין טראָגענדיג — האָט זי שטיל צוגעגעבען.

— סטאַחפאַר*) אַללאַ ליאזים! — האָט סאַלים אויסגעשריען.

— און דו האָסט די גאַנצע צייט געשוויגען, מיר ניט געזאָגט?

— איך האָב ניט געוואוסט וואו צו זוכען דיך.

— א, איך וועל זיי שוין ווייזען... זיי ווייסען דאָך ווער איז סאַלים.. אבו־על־האַראַב.

— זיי ווילען מיך בינדען און אָבפיהרען אין צפת. און וואָס קענסט דו טהאָן?... לאָמיר אנטלויפען צו דיר, אין די בערג...

— צו מיר קען מען ניט — האָט נאָך א קליין שווייגען, נאָכטראַכטענדיג, סאַלים געזאָגט. — זיי וועלען אָנשיקען חאַיאַלען און מאַכען פון אונז א תל. נעהם ביי מיר געלט און פאָהר אוועק אין אַן אנדער שטאָדט...

— און אין אַן אנדער שטאָדט, וועלען זיי מיך ניט געפינען?

— האָט איהם רחל איבערגעשלאָגען. — וואוהין איך וועל ניט פאָה־

*) א פערוואונדערונג אויסגעשריי.

רען, וועלען זיי מיך געפינען... לאָמיר אין די בערג אנטלויפען. — וואָס איז מיט דיר?... דו האָסט מורא פאַר די אידען?...

---

אויפ'ן צווייטען טאָג אין דער פריה: רחל איז ניטאָ.

אין דאָרף ביי די אראַבער, אויף איהר געליעבטען אָרט, זי איז ניטאָ.

— זי שלאָפט ערגיץ. — האָט מען אַרויסגעזאָגט א סברא.

עס איז מיטאָג־צייט, רחל איז נאָך ניט געקומען.

מען פרעגט חלימה'ן, און יענע האָט זי אויך ניט געזעהן.

— מיט אונז גלייך איז זי נעכטען שלאָפען געגאַנגען און זעהר פרייהליך געווען. איך האָב איהר וועגען אבימלך'ן געזאָגט, האָט זי נאָר געלאַכט. — האָט זיך דער קאָלאָניסט, ביי וועמען זי איז געשלאָפען, דערמאָנט.

— זי האָט זיך עפּעס אָנגעטהאָן — קלאָגט מלכה און אויך רבקה.

איינינע קאָלאָניסטען האָבען געזאָטעלט די פערד און זיינען געפאָהרען זי זוכען אין די בערג. אָבער צו פאַרנאַכט האָבען זיי זיך מיט ליידיגע הענד אומגעקעהרט.

— וואו איז רחל? — פאָדערן די אראַבער ביי די קאָלאָניסטען.

— נעכטען איז זי געווען און היינט קענען מיר זי ניט געפינען — קוועטשען זיי מיט די פלייצעס.

די אראַבער גלויבען ניט און דראָהען רופען די רעגירונג. ביז עס איז אָנגעקומען א פאָסטוך פון די בערג און האָט דערצעהלט, אז נעכטען האָט ער געזעהן סאַלים'ן.

אַלע האָבען פריי אָבגעעטעמט. מען האָט פערשטאַנען וואו רחל איז.

— אַלע זאָלען די פערד זאָטלען! — האָט דער שייך געגעבען א בעפעהל און מען איז געפאָהרען זיי נאָכיאָגען.

די גאַנצע נאַכט האָט מען זיך אַרומגעדרעהט אין די בערג, און ניט זעהענדיג קיינעם, האָט מען זיך שוין געוואָלט אומקעהרען,

ווי יעקב האָט פאַרגעלעגט צו פאָהרען צו אבדאלא־סחורי, וועלכער האָט דאָ זיין ביידעל געשטעלט. אפשר וויים ער.

מיט פרייד האָט אבדאללא בעגעגענט די רייטער; געמאַכט קאַווע, געהייסען קוילען א שעפּס. נאָר דער שייך האָט זיך אָב־געזאָגט, און יעקב האָט איהם אַלעם דערצעהלט אין קורצע ווערטער.

— איך פאָהר מיט אייך. — האָט אבדאללא גענומען זיין געוועהר און געהייסען ברייננען די שקאַפּע.

— נעכטען, אויף דעם וועג קיין אפּטעבע, ביי דעם קוואַל אונ־טער די דריי סידרעס*) האָב איך א פרוי מיט א מאַן געזעהען — האָט געזאָגט די פרוי, וואָס האָט איהם דעם פערד צוגעפיהרט.

— אהאָ! — זיינען אַלע צו די סידרעס געפאָהרען. אָבער דאָרטען האָבען זיי נאָר געפונען א קופּקע ווארימע אַש. ערשט זיי־נען דאָ געוועזען מענשען! —

אַלס א גוטער שפּורען־וועיסער, איז אבדאללא נאָכגעגאַנגען די טריט וואָס האָבען געפיהרט אויפ'ן בארג און ווען זיי זיינען אויפ'ן צווייטען שפּוע געקומען, האָבען זיי צווישען די שטיינער צוויי מענשען דערזעהן, א מאַן מיט א פרוי. זיי האָבען סאַלים'ן דערקענט.

— העי, יאַ, סאַלים! — האָט דער שייך גערופען. יענער האָט זיך אומגעקוקט. אַלע האָבען די פערד א טרייב געטהאָן. סאַ־לים האָט אָנגעהויבען אנטלויפען, אויסשיסענדיג א פּאָר מאָל אין דער לופטען פון זיין רעוואָלווער. נאָר דערזעהענדיג אז אַלע האָבען זיך אָבגעשטעלט ארום רחל'ן, וועלכע איז געבליבען זיצען אויף דער ערד, א פערוויקעלטע אין איהר שווארצען טוך, האָט ער זיך אויך געלעגט הינטער א שטיין, זעהן וואָס וועט דאָ זיין.

— איך האָב דיך געפונען!... איצט וועל איך זיך מיט דיר אָברעכענען... אהיים זאָלסט דו מיר געהן!... — האָט זיך צו איהר יעקב א וואָרף געטהאָן. — אנטלויפען מיט אַן אראַבער!...

---

*) ווילדע בוימער.

— איך וועל ניט געהן!... — האָט ער דערהערט אַ שטילען ענטפער.

— וואָס הייסט דו וועסט ניט געהן? ! — איז יעקב געוואָרען מלא רציחה — וואָס דען?... צו דעם אראַבער ווילט זיך דיר?... איך וועל דיך דער'הרג'ענען, דו נפקא!... — האָט ער זי פאַר די האָר אָנגעחאַפּט און האָט זי אָנגעהויבען שלעפּען, טרעטען און שלאָגען.

מיט'ן רעוואָלווער אין האנט איז סאַלים פון הינטער די שטיינער ארויסגעלאָפען.

— וואַרף דעם רעוואָלווער! — האָט דער שייך זיין ביקס אָנגעשטעלט.

ווייט האָט סאַלים דעם רעוואָלווער אַבגעוואָרפען און מיט'ן געשריי: — אַ טראַגעדיגע פרוי שלאָגען, — האָט ער זיך אין קריין אריינגעריסען און יעקב'ן אַבגעוואָרפען.

— אהא, דו ביזט דאָ? — האָט יעקב מיט די צייהן אַ סקריע געטהאָן און פון זיין ביקס אין סאַלים'ן אויסגעשאָסען. נאָר מיט אַ זשומען איז איבער זייערע קעפּ די קויל איבערגעפלויגען. און אראַבער האָט זיין האנד אונטערגעשלאָגען.

— איך וועל איהם שיסען! — האָט מיט שוים אויף די ליפּען יעקב געשריען, ווען מען האָט ביי איהם דעם ביקס אָבגענומען.

— מיר וועלען איהם בינדען און אין סאראיא אָבשיקען. — האָט דער שייך געענטפערט.

— דו געהסט אהיים אָדער ניט? — האָט ער זיך אויסער זיך צו רחל'ן געוואָרפען. — דו וועסט שוין געהן ביי מיר, וואַרט! — האָט ער זי ווייטער געשלאָגען. נאָר מען האָט איהם אָבגעשלעפּט.

אַ צוכראַסטעטע, איינגעדרעהט דעם קאָפּ אין די הענט האָט רחל נאָר איינם גע'טענה'ט: איך וועל ניט געהן. איך וועל ניט געהן...

— רחל! — רעדען איהר איין די קאַלאָניסטען — זעה וואָס דו טהוסט מיט אונז... זעה ווי מיר זעהען איצט אוים ביי די אראַבער... האָב קיין מורא... קום אהיים... מיר זיינען דיר ערב!...

— איהר וועט מיך הרג'ענען! — האָט זי אַפּילו ניט געוואָלט הערען.

— ניט שעהן, רחל, אַז אַ פרוי זאָל אַזוי טהאָן. — איז אויך דער שייך צוגעגאַנגען. — געה אהיים, האָב קיין מורא ניט, מיט מיר וועסט דו געהן...

— איך וועל ניט געהן... זיי וועלען מיך הרג'ענען. — האָט רחל געשריען, קלאַפּענדיג זיך אין קאָפּ און דראַפּענדיג דעם פּנים.

— קום, רחל, — האָט צו איהר אבימלך גערעדט. — אָט זאָג איך פאַר אַלעמען, אַז איך וועל פאַר דיר חתונה האָבען...

נאָר ער איז פון אַ שטאַרקען שטויס אומגעפאַלען.

— קום צו מיר איןביידעל! — איז אויך אַבדאַל־סחורי צו־געגאַנגען — ביי מיר האָסט דו דאָך ניט וואָס מורא צו האָבען...

אָבער רחל קלאַפּט זיך אין האַרצען, רייסט פון זיך די האָר און שרייט איינס: די אידען וועלען מיך דער'הרג'ענען.

— אַ טראָגעדיגע פרוי, וואָס טהוט מען? — האָבען זיך אַלע געזעצט אין אַ קרייז, מיעדע פון די אומזיסטע פּרובען איינ־צורעדען רחל'ן. סאַלים, אַ געבונדענער, ליגט ניט ווייט. מען זיצט און מען שווייגט.

— מען דאַרף זי בינדען און אָבפיהרען אין קאָלאָניע. — האָט דעם שווייגען מוסה איבערגעריסען.

אין דער צייט האָבען זיך פון דערווייטען געוויזען רייטערס און מען האָט „איבראַהים בעק" דערקענט. ער איז געוועזען דער שטאַרקסטער אין דער געגענד, אַ מין קליינער מלך.

— סעליאַם אַלייקום! — איז ער צוגעפאָהרען.

— אַלייקום איל סעליאַם! — זיינען אַלע פון די ערטער אויפגעשטאַנען.

— וואָס טהוט איהר דאָ? וואָס איז דאָס? — האָט ער אויף דעם געבונדענעם סאַלים און אויף רחל'ן אָנגעוויזען.

אין קורצע ווערטער האָט איהם דער שייך אַלעס דערצעהלט. און ניט געענדיגט האָט ער נאָך זיין ריידען, ווי פּלוצלונג איז רחל

אויפגעשפרונגען, צוגעלאָפען צו איבראהים־בעק, ארויפלעגענדיג אויפ'ן קאָפּ דעם פוס־אייזענדעל פון'ם זאָטעל, געשריען:

— דאָך איליאַק, יא שייך, דאָך איליאַק*).... איך וויל ווערען אַן אַראַבקע און די אידען לאָזען ניט. — דאָך איליאַק! —

דער בעק האָט געהייסען איינעם פון זיינע מענשען אַראָבקריכען פון פערד און אויף זיין אָרט אויפזעצען רחל'ן, און איז אוועקגעפאָהרען.

לאַנג האָבען אַלע נאָכגעקוקט די רייטערס, און די אַראַבער האָבען זיך שטיל איבערגערעדט: „פאַר דער תאוה בייטען דעם גלויבען"...

דער שייך האָט אַ וואונק געטהאָן אין דער זייט פון סאַלים'ן און מען האָט איהם פאַנאַנדערגעבונדען.

און אַלע האָבען זיך אויף די פערד געזעצט.

יעקב, אַ בלייכער, מיט אַ נידעריג געבויגענעם קאָפּ, איז געשטאַנען און זיינע ליפּען האָבען עפּעס געשטאַמעלט. ער האָט אפילו ניט אַ קוק געטהאָן ווען סאַלים איז פאַרבייגעגאַנגען. ווי אַן אויטאָמאַט האָט ער זיך אויך אויף זיין פערד געזעצט און איז אַלעמען נאָכגעפאָהרען. און עס איז עפּעס אַזוי אויסגעקומען, אַז די אַראַבער פאָראויס אין איין גרופּע און, די אידען פון הינטען אין אַ צווייטער גרופּע, זיינען שטיל געפאָהרען, אַזוי ווי זיי וואָלטען אַ טויטען געפיהרט.

צופאָהרענדיג צום דאָרף האָבען זיי פון דערוויטענס דערהערט מלכה'ס געוויין און דאָס געזאַנג פון די פרויען וואָס האָבען זי געטרייסט.

מיט אַ פרייהליכען אויסגעשריי זיינען זיך די אַראַבער צושאָטען איבער'ן דאָרף און איינער נאָך איינעם זיינען די קאַלאַניסטען אין הויף אריינגעפאָהרען.

— נו וואָס? וואו איז זי? — האָבען זיך אין איין קול מלכה מיט רבקה'ן געוואָרפען צו יעקב'ן.

---

*) איך שטעל זיך אונטער דיין שוך.

— וואָס! וואָס! — האָט זיך יעקב אויף זיי צושריען און איז ארויפגעגאנגען אויפ'ן דאַך, וואו ער האָט זיך איינגעדרעהט מיט'ן קאָפּ אין קאָלדרע.

לאנג איז ער אזוי געלעגען.

אין הויף האָט מלכה געוויינט און עס האָט זיך געהערט דאָס דערצעהלען פון די קאָלאָניסטען, ווי די מעשה איז געווען.

פון דאָרף האָט מען געהערט געשרייען, געזאנג, געלעכטער.

מיט אַ מאָל האָט זיך יעקב פון זיין אָרט געריהרט, אויפגעשטאנען, אין אַלע זייטען זיך אומגעקוקט, און אויסציהענדיג זיך מיט'ן גאנצען קערפּער, האָט ער צאָרנדיג דעם דאָרף מיט'ן פויסט געדראָהט און איז אַראָב אונטען.

אין אַ פּאָר טעג ארום האָט יעקב פערקויפט אַלעס וואָס ער האָט געהאַט, און האָט זיך איבערגעקליבען מיט זיין משפחה צוריק אין צפת.

# דער אידישער יעגער

# דער אוצר.

פארנאכט צו, נאך א גאנצען טאג ארומוואנדערן צווישען די וויסטע, אימה'דיגע בערג ביים ים־המלח, וואו מיר האבען סערנעם געזוכט, האבען מיר, איך און מיין בעגלייטער אבו־מחמוד זיך אראב־געלאזט אין טהאל טעל־על־פארא אברוהען.

מיעד פון א גאנצען טאג ארומקלעטערען איבער די טרוקענע, פערברענטע פעלזען, האב איך מיך גלייך אנידערגעווארפען אויף דער ערד.

א צייט בין איך אזוי געלעגען מיט האלב פערמאכטע אויגען און פון דער גאנצער ארומיגער לאנדשאפט האט איך נור געזעהען איין גרויסען פעלז, וועלכער האט זיך געהויבען נעגען מיר ווי א ריזיגער אבעליסק. ארום איהם האט זיך אומגעדרעהט אבו־מחמוד, איינגעקוקט זיך, גלייך ווי ער וואלט דארט עפים געזוכט.

איך האב איהם נאכגעקוקט, נור פרעגען איהם האב איך מיך געפוילט. דאכט זיך, אז איך האב אפילו אנגעהויבען דרעמלען.

פלוצלונג — איך ווייס ניט ווי אזוי — איך האב דערפיהלט די אנוועזענהייט פון א דריטען, א פרעמדען. איך האב מיך אומ־געקוקט און דערזעהן — ניט ווייט פון אונז, אויפ'ן שווארץ־רויטען פאן פון די פעלזען, שטעהט אן אראבער אנגעשפארט אויף זיין ביקס.

— אבו־מחמוד! — האב איך ניט ווילענדיג א רוף געטהון.

אבו־מחמוד האט אויפגעהויבען זיין קאפ, אויפגעשטעלט די שארפע אדלער־נאז און זיך איינגעקוקט אין יענעם אראבער. נור באלד האט ער א מאך געטהון מיט דער האנד און ווייטער גענומען זוכען ארום פעלז.

דער אנגעקומענער אראבער האט זיך דערווייל אנגעהויבען אראבלאזען צו אונז, די ביקס הינטער די פלייצעס פערווארפען און די פאטראנעס פון זיין גארטעל האבען געבלישטשעט נעגען דער זון.

יונג, הויך און בויגזאם, די אויגען לויערנד ווי ביי א פוקס, די פים אין סאנדאלען פון קעמעל־פעל, פערבונדען ביים גראָבען פינגער — האָט ער לייכט און פריי געשפרייזט איבער די שטיינער, ווי א שלאַנקער, לאַנגפיסיגער פויגעל.

— סאַלאַם־עליקום! — האָט ער אונז הויך בעגריסט.

אבו־מחמוד איז צו איהם גלייך צוגעגאַנגען און זיי האָבען זיך צוקושט אויף די אַקסעל, אויספּרעגענדיג זיך אין דער אייגענער צייט וועגען געזונד, וועגען די היימישע, וועגען די בהמות און דעס־גלייכען. א פּנים, זיי האָבען זיך שוין געקענט פון לאַנג.

— דו זוכסט דעם קוואַל? — האָט דער ניי־געקומענער גע־פרעגט אבו־מחמוד'ען — א דאָרט — האָט ער אָנגעוויזען אויף א גרויסען פעלז.

מיר זיינען צוגעגאַנגען און אונטער דעם פעלז האָבען מיר דער־זעהן א קליין קוועלכיל, וואָס האָט זיך שטיל זיין לויטער וואַסער געטריבען צווישען קליינע, קלאָהר־געוואַשענע שטיינדעלעך. אין דער הויך אָקעגען איז געווען א הייל.

— אָט האָבען מיר אַן אָרט וואו צו נעכטיגען, — האָט דער געקומענער אראָבער א זאָג געטהון, אָנווייזענדיג אויף דער הייל.

— ווער ביזטו? — האָב איך ביי איהם געפרעגט.

— איך בין מחמד־סיעד, און שייך אבד־אלה אבו־דיב איז מיין פעטער, — האָט ער מיט שטאָלץ געענטפערט און איז אוועק אָנ־קלויבען גראָז און דערנער אריינצוטראָגען אין דער הייל אריין.

— דאָ וועלען מיר נעכטיגען — האָט אבו־מחמוד געזאָגט — אהער צו קומען די סערנעס טרינקען. ער איז אריין אין דער הייל און אָנגעהויבען זי אָבריינינגען און ארויסוואַרפען די שטיינער.

די זון האָט דערווייל אָנגעהויבען אראָבגידערן הינטער די בערג. עפּיס א נעפּיהל פון איינזאַמקייט האָט מיך ארומגענומען און מיך נעצווינגען אוועקצו־געהן, בלייבען איינער אליין מיט דעם ים און ארו־מיגע פעלזען. איך האָב גענומען מיין ביקס און אראָבגעלאָזט זיך צום ים.

— געה ניט ווייט, — האָט מיר אבו־מחמוד נאָכגעשריען, — דאָ בלאָנדזען איצט ארום די „רזעש"*).

ניט אומקוקענדיג זיך בין איך געגאנגען צום ים און געזעצט זיך אויף א גרויסען שווארצען שטיין ניט ווייט פון וואסער.

די זון איז שוין געווען הינטער די בערג. ווי א גרויסער האר־טער שפיגעל איז געלעגען דער ים א בוימעל־קאָלירענער ביי מיינע פיס. אין א דורכזיכטיגען, גאָלדפארביגען שלייער געהילט, האָבען ארויסגעקוקט פון צווייטען ברעג די עין־גדי הויכקייטען, און הינטער זיי — א רייהע בערג, וועלכע האָבען זיך פערלוירען אין נעביל... דאָרט איז א מאָל די מעכטיגע פעסטונג מאסאדא געשטאַ־נען. דאָרט איז אויך דער דזשעבעל־אוסדום*) — דאָס אָרט פון אמאָליגען רוישיגען און אויסגעלאָסענעם סדום. יעצט הערט מען דאָרט ניט קיין מענשליכע שטים, מען זעהט ניט קיין שאָטען פון א לעבעדיגער בעשעפעניש. נור איך, וואנדער־קינד, בין אהער פער־טראָגען געוואָרען פון א ווייט, קאַלט לאַנד און ווי א שטומער עדות זיץ איך דאָ, אויף מואב'ס ערד, אין די הויכע בערג, צווישען די ריזיגע פעלזען, וואָס זיינען ווי קברים צוואוואָרפען, ווי קברים פון פערצייטיגע דורות, וואָס האָבען א מאָל דאָ געלעבט, געקעמפפט און בלוט פערגאָסען... טעל־על־פאדא — דער זילבערנער טהאָל. מען זאָגט, אז שלמה המלך האָט דאָ געהאַט זילבער־גרובען — איצט איז אלעם פערלאָזען, וויסט, טויט, נור שטיינער, שטיינער און שטיינער...

א הויכער פייף, — דאָס רופט מיך אבו־מחמוד. איך האָב גאָר ניט בעמערקט ווי ס'איז געוואָרען פינסטער.

אין דעם הייל־אריינגאנג זיינען די אראבער געזעסען. א פרעהליך פייעריל האָט בעלויכטען דעם נידריג־אָנגעבויגענעם סו־פיט. אויף א אויסגעשפרייטער אבאיע איז געווען צעלעגט די וועי־טשערע: פּתא, ציבעלעס און זיתים.

---

*) אזוי הייסען די אראבער פון נגב.

*) הר סדום.

— איתפדל!*) — האָבען זיי מיך פערבעטען און געמאַכט מיר אַן אָרט נעבען זיך.

— באַסם אַללה אילרחים ואילרחמן — האָבען די אַראַבער זייער ברכה געמורמעלט און מיר האָבען זיך גענומען צו דער סעודה.

— אַ, ווען מיר האָבען איצט קאַפע! — האָט מחמד־סעיד נאָך דער וועטשערע אַ זאָג געטהון. ער האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער פּאָדלאָגע פון דער הייל און געבליבען ליגען, געלעגען און גע־שוויגען. עס איז געווען קענטיג, אַז ער האָט געטראַכט וועגען עפּיס מעהר וויכטיגעס ווי קאַפע, וואָרום באַלד האָט ער זיך קרעכצענדיג, אויפגעהויבען, גענומען די ביקס און איז אַרויסגעגאַנגען.

— וואו איז ער געגאַנגען? — האָב איך געפרעגט אַבו־מחמוד'ן.

— זוכען דעם אוצר.

— וואָס פאַר אַן אוצר?

— מען זאָגט אַז אין די מקומות איז בעהאַלטען אַן אוצר, — האָט ער געענטפערט און, איינהילענדיג זיך אין דער אַבאַיע, האָט ער זיך אויסגעצויגען מיט'ן פּנים צום פייער.

איך האָב מיך אויך פאַרוויקעלט אין מיין אַבאַיע און געמור־מעלט: אַן אוצר גאָר! אויסגעטראַכט אַן אוצר! איהר, אַראַבער, זענט בריות אויף אויסצוטראַכטען אַלערליי בבא־מעשות.

אַבו־מחמוד האָט זיך אונטערגעהויבען אויפ'ן עלענבויגען און אָבגעענטפערט בייזליך:

— דאָס איז ניט קיין בבא־מעשה.

עס האָט איהם געערגערט, וואָס איך גלויב ניט אין דעם. ער האָט אונטערגעוואָרפען אַ ביסעל גראָז אין פייער און נאָך אַ מאָל בעשטעטיגט, אַזוי ווי מיר אויף צו להכעיס:

— ס'איז דאָ פערהאַן איין אוצר, ס'איז פערהאַן! אַ סך האָ־בען איהם שוין געזוכט!

עס האָט זיך דערהערט אַ שאָס און אַזוי ווי קולות. אַבו־

---

*) ביטע־שעהן.

מחמוד איז ארויסגעלאָפּען פון הייל, נור אין א ווײַלע ארום איז ער צוריק אריינגעקומען מורמלענדיג: לא אללה איל אללה... ווידער געזעצט זיך צום פייער און ווידער א מאָל געזאָגט:

— יאָ! דאָ איז פערהאַן אַן אוצר, ס'איז פערהאַן! מען דאַרף נור וויסען ווי אַזוי איהם נעהמען. און כדי מיך איבערצו־ צייגען האָט ער אָנגעהויבען דערצעהלען:

די מעשה האָט זיך ביי אונז מיט פיעל יאָהרען צוריק געטראָ־ פען. איינמאָל, אין אַן אָוועגד, ווען מיר זיינען אַזוי געזעסען אין א קרייז פאר דעם שייך'ס געצעלט, זעהען מיר ווי עס קומט צו אונז צו אַן אַלטער, א הויכער, א דארער, מיט א פעקיל אויף די פּלייצעס און מיט א שטעקען אין האַנד. אין פּנים דערקענט מען, אַז ס'איז א מוגראַבער: — „סעלאַם אליקום" — „אליקום אילסאלאם". — „תפאדאל!" — האָט מען איהם פערבעטען. ער זעצט זיך אין קרייז אריין, נור ער שווייגט. דעם גאַנצען אָוועגד, קיין וואָרט ניט. אין דער פריה, ווען ער האָט געוואָלט אוועקגעהן, בעט מען איהם: ער זאָל בלייבען אויף „פּטור"*) — וויל ער ניט, דער אַלטער. ער מוז — זאָגט ער — אוועקגעהן. פארנאַכט וועט ער צוריקקומען. און אַזוי דריי טאָג נאָכאַנאַנד — אין דער פריה שטעהט ער אויף און געהט זיך אוועק, פארנאַכט קומט ער צוריק. און שווייגט אַלץ. אונגעדולדיג האָבען אַלע געוואַרט, עס זאָל שוין איבערגעהן דער דריטער טאָג און מען זאָל קענען פרעגען דעם מוגראַבער, ווער ער איז און וואָס ער טהוט דאָ? דעם דריטען טאָג אין אָוועגד קלייבען זיך שוין אַלע צונויף פאר דעם שייך'ס געצעלט און מען וואַרט אויפ'ן מוגראַבער. ער קומט צו געהן, זעצט זיך, ווי זיין שטייגער איז, אין קרייז אריין און שווייגט. מען דערלאַנגט קאַפע — ער טרינקט. ערשט נאָכדעם ווענדעט ער זיך צו אַלע דערבייאיגע און זאָגט: „איהר האָט, אודאי, דערקענט, אַז איך בין א מוגראַבער. זאָלט איהר זשע וויסען זיין, אַז איך האָב ארויסגעלייענט פון אונ־

*) פרישטיק.

זערע הייליגע ספרים, אז דאָ אין דעם אָרט אין חרבת־אל־יהוד*) איז פערגראָבען אַן אוצר. ער איז אָבער פער׳כשופ׳ט. לאַנג האָב איך נאָכגעפאָרשט, נאָכגעזוכט ווי אַזוי דעם כשוף אָראָבצונעהמען און ניט געקענט דערגעהן, ביז דער גנעדיגער אַללה האָט מיר גע־האָלפען און ביי אונזערן אַן אַלטען שייך האָב איך געפונען אַ פאַר־צייטיג ספר, וואו עס שטעהט געשריבען, ווי אַזוי מען זאָל דעם אוצר געפינען און איהם נעהמען. און אָט די דריי טעג, וואָס איך בין ביי אייך, האָב איך דעם אוצר געזוכט און היינט האָב איך איהם געפונען. אַליין אָבער קען איך איהם ניט נעהמען, וואָרום בשעת איך וועל לייענען פון מיין ספר די השבעות, אַז דער כשוף זאָל בטל ווערען, דאַרף מיט מיר זיין נאָך איינער, וועלכער זאָל נעמען דעם אוצר און אַרויסטראָגען איהם אויף דער ליכטיגער שיין. דערצו מוז מען האָבען אַ געזונטען יונג און ניט קיין בעל־פּחדן — ווער פון אייך וויל געהן מיט מיר?״ — קיינער האָט זיך ניט אָנגערופען. מ׳האָט מורא בעקומען. נור איין סלים, אַן אָרימער יונג, וועלכער האָט געפּאַשעט דעם שייך׳ס בהמות און האָט ניט געהאַט פאַר וואָס קויפען אַ ווייב, האָט זיך אַרויסגערופען: „איך געה!״ און צו־מאָרגענס גאַנץ פריה מיט דעם זונען־אויפגאַנג זיינען דער מוגראַבער מיט סלים׳ן אוועקגעגאַנגען. אַ גאַנצען טאָג און אַ גאַנצע נאַכט האָט מען זיי ניט צוריקגעזעהען. ערשט אויפ׳ן צווייטען טאָג, אין דער פריה, איז סאַלים אַליין צוריקגעקומען מיט אַן אָבגעריסענע פּאַלע און מיט אויסגעדרעהטע הענד...

„וואָס זשע איז געווען די מעשה?... דער מוגראַבער — יחרב ביתו! — האָט אוועקגעפיהרט סלים׳ן ערגיץ אויף אַ בעהאַל־טען אָרט אין חרבת־יהוד. דאָרטען זיינען זיי צוגעקומען צו אַ פעלז, אָנגעצונדען אַ פייער און דער מוגראַבער האָט אָנגעהויבען אַרומ־געהן אַרום דעם פעלז, פאַלען אויף די קניע, שעפּצען און משביע זיין. ער האָט זיך אויפגעהויבען און אַזוי געזאָגט צו סלים: „ווען דער פעלז וועט זיך עפענען, זאָלסטו גלייך אַריינגעהן. זאָלסט אַזוי לאַנג

*) די אידישע חורבה.

נעהן ביז דו וועסט דערזעהן קרוגען פול מיט גאָלד. זאָלסט אָנ־נעהמען, וויפיעל דו וועסט נור קענען דערטראָגען, און זאָלסט ארויס־געהן הינטערוויילעכטס. נור געדענק־זשע, אז ווען דו וועסט ארויס־געהן זאָלסטו ניט קוקען ניט רעכטס און ניט לינקס, און אז דו וועסט דערהערען עפּעס א גערויש, א געוויין, א געשריי, א געלעכטער — זאָל דאָס דיך גאָר ניט ארען. דו, געה דיר דיין וועג, גלייך ווי דו הערסט גאָרניט. געה און קוק ניט אין די זייטען". און ווידער איז דער מוגראַבער אויף די קניה געפאַלען, ווידער אָנגעהויבען לייענען פון ספר, לייענען און שעפּצען. דער פעלז האָט זיך אָנגעהויבען טרייסלען, טרייסלען, א שפּאַלט געטהאָן און ברייט זיך פונאנדער־געעפענט. סלים האָט זיך געשטאַרקט און איז אריין אין שפּאַלט אריין. א געדיכטע פינסטערניש האָט איהם ארומגענומען. ער געהט און טאַפּט דעם וועג, אזוי ווייט ביז ער דערזעהט בלאָהע פלעמלעך פלאַטערן אין דער טיפענניש פון דער הייל. ער געהט צו — עס שטעהען גרויסע קרוגען פול מיט גאָלד. ער נעהמט צוויי קרוגען און הויבט אָן טרעטען הינטערוויילעכטס, נור באַלד דער־הערט ער א געהייל פון א דבה*), און וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און שרעקליכער ווערט דאָס געהייל — דאַכט זיך, אז די דבה שטעהט שוין גאָר נאָהענט נעבען איהם, באַלד וועט זי איהם דער־ווערגען. סלים איז אָבער א „דזעדא", ער קוקט זיך ניט אום. דאָס הארץ קלאַפּט, ציטערט, נור ער געהט אַלץ צוריק און אין די הענד די צוויי גרויסע שווערע קרוגען מיט גאָלד. ער הערט פון די זייטען א שטאַרקע געצישעריי פון שלאַנגען — אָבער דאָס קול פון דעם מוגראַבערס תפלות טראָגט זיך רוהיג אין דער הייל אריין און סלים שטאַרקט זיך, קוקט ניט אין די זייטען... פּלוצלונג — אַן אויפרייס, דאַכט זיך, אז דער פעלז האָט געפּלאַצט, אומגעפאַלען און פערלעגט די הייל. א ווילדער שרעקליכער געלעכטער רייסט זיך פון די ווענט און הילכט ארום. סלים דערשרעקט זיך, שטעלט זיך אָב א ווייל — אין די זייטען אָבער קוקט ער דאָך ניט. ער

*) היענע.

פרובט נור פאמעליך ווייטער טרעטען, דער וועג איז פריי.

סאוועס פליהען אום און שרייען, קינדער זיפצען, קרעכצען מיט א פערשטיקטער שטים, א געלעכטער, א געיאמער, א געשריי — סלים שפרייזט. אט בעוויזט זיך שוין דער אבשיין פון דעם פייער פאר דער הייל — די קולות ווערען ענטשוויגען. סלים זיפצט אב פערגרינגערט — נאך דריי־פיער טריט און ער איז אויף דער גאס. נור דא האט ער פלוצלונג דערהערט אזוי ווי דעם מוגראבער'ס קול, וועלכער פאטשט מיט די הענד און זאגט איהם: „געה צוריק! קרוגען מיט בליי האסטו גאר גענומען, ניט מיט גאלד!" — סלים איז צוטומעלט געווארען און זיך אומגעקוקט אהינטער. און גלייך זיינען איהם אויסגעדרעהט געווארען די הענד, די קרוגען זיינען מיט א שטארקען קלאנג ארויסגעפאלען און ביידע העלפט פעלזען האבען זיך שנעל אנגעהויבען צונויפציהען. ווען דער מוגראבער כאפט ניט אן סלים'ן און שלעפט איהם ניט ארויס, וואלט ער דארט זיכער צוקוועטשט געווארען. א שטיק פאלע פון זיין אבאיע איז געבליבען א פערקלעמטע צווישען די צוויי העלפטען פון פעלז... דער מוג־ראבער, זעהענדיג, אז סלים איז ארויס מיט ליידיגע הענד, האט א שפיי געטהאן מיט פערדרוס און איז פערשוואונדען געווארען צווי־שען די בערג.

— יא, יא, חביבי — האט אבו־מחמוד געענדיגט זיין ער־צעהלונג און געקוקט אויף מיר מיט זיינע בלישצענדע, דורכדרינ־גענדע אויגען — דער אוצר וואס אין „חרבת־אל־יהוד" איז גאר ניט קיין בבא־מעשה.

דאס פייער אין דער הייל האט זיך אנגעהויבען לעשען. עס כאפט זיך נאך אן ווען ס'איז א גרעזעל און שווערע שאטענס צי־טערן אויף און בעוועגען זיך אין דער הייל. פון ערגיץ טראגט זיך אן דאס וואיען פון א שאקאל, וועלכעס קלינגט אזוי קלאגעדיג, פונקט ווי קליינע קינדער וואלטען דא ערגיץ געוויינט, פערבלאנ־זשעטע אין דער מדבר... אבו־מחמוד זיצט, דעם קאפ אנגעשפארט אין דער וואנד פון דער הייל און ער שווייגט, הערט זיך איין. איך שטעק ארויס דעם קאפ פון דער הייל און זעה די גאנצע וויסטע ארום

איז איינגעפרעסט אין א געדיכטער פינסטערניש, וועלכע ליגט אזוי שווער אויף די פעלזען און אויף די בערג, גלייך ווי זי וואלט זיי גע־שטיקט אונטער זיך. עס דאכט, זיי הויבען אויס דעם לעצטען וואַ־רימען אָטעם זייערען...

א שווערע שטילקייט...

א משונה׳דיג קול, ווי א גראָב געלעכטער פערשטיקט און יאמערליך געוויין האט זיך פלוצים צוקלונגען אין די בערג. אבו־מחמוד איז אויפגעציטערט געוואָרען. ער האט אונטערגעוואָרפען א דאָרן אין פייער עס זאל אויפפלאַמען.

— א דבה? — פרעג איך אבו־מחמוד׳ען, וועלכער שעפּצעט: לא אלה איל אלה —

— ניין, — ענטפערט ער שטיל, — דאָס בילט אזוי דער הונט פון „מרת לוט“.

— וואָס איז דאָס?

— ווייסט גאָר ניט די מעשה מיט׳ן נבי לוט?

און אבו־מחמוד הויבט אָן דערצעהלען, ווי אזוי דער צדיק „שייך לוט“ מיט זיין הויז געזינדע איז ניצול געוואָרען מיט דער הילף פון אללה פון דער סדום־איבערקעהרעניש. אָט דאָ אויף דעם אָרט אין „חרבת־אל־יהוד“ האט זיין ווייב זיך אומגעקוקט הערונטער און איז געוואָרען א שטיק זאלץ. און דעם צדיק׳ס הונט, וואָס איז נאָך זיי נאָכגעלאָפען און אויך זיך געהיטען ניט אומצוקוקען זיך, ווען ער האט דערפיהלט, אז זיין בעל־הבית׳טע איז געבליבען שטעהן און געהט ניט ווייטער, האט ער זיך אומגעקוקט און אויך געוואָרען א שטיק זאלץ.

— און אלע נאכט — ענדיגט אבו־מחמוד — כאפּט זיך „מרת לוט“ אויף און הויבט אָן ארומבלאָנדזשען אין דער וויסטע, זוכט דעם מאן און די טעכטער איהרע, און דער הונט נאָך איהר בילט און וואָיעט אויף א קול. און וועה איז דעם, וועמען עס בעגעגענט אָט דער הונט — —

— מחמד־סעי־יד! — האט אבו־מחמוד זיך צושריגען אין דער שטומער נאכט אריין, ארויסשטעקענדיג דעם קאָפּ פון דער

הייל, און מיט א פערבאָרגענער שרעק איז ער געבליבען אַנגעצויגען וואַרטען אויף א ענטפער. ער איז אין א ווײלע ארום האָט איהם פון דערווייטען אָבגעענטפערט א „וייף. אבו־מחמוד האָט זיך בערו־היגט, א פּאָר מאָל אָבגעזיפצט און זיך אוועקגעלעגט אויף דער אויסגעשפּרייטער אבאַיע.

איך האָב ווידער ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ א קוק צו טהאָן אויף דער חרבת־אל־יהוד, איז ווײלע האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז זי ציטערט און טרייסעלט זיך, אינגאַנצען מיט אַלע איהרע שוואַר־צע שטיקער פינסטערניש, מיט אַלע איהרע בערג און פעלזען... טריט. עמיצער געהט אהער. ווער איז דאָס?... מחמד־סעיד מיט דער ביקס.

— וואָס האָסטו מיך געדופען! — איז ער אריינגעקומען א בייזער.

אבו־מחמוד האָט געקוקט אויף איהם פערווּנדיגט, ווי איינער רעדט: כ׳האָב דיר געשטערט?

איך האָב דערקענט, אז זיי האָבען עפּעס א סוד צווישען זיך און נים וועלענדיג זיי שטערען, האָב איך זיך געלעגט שלאָפען.

דוכט מיר, אז פון שלאָף האָב איך עפּים געהערט, ווי זיי סוד׳ען זיך וועגען „קינז"*). דערנאָך זיינען זיי אויפגעשטאַנען און ביידע שטילערהייט ארויס פון דער הייל.

און אפשר האָט זיך עס מיר נור אזוי אויסגעדאכט אין חלום.

---

מיר זיינען אויפגעשטאַנען מיט׳ן מאָרגען צוגלייך. די בערג אונטען זיינען נאָך געווען אין גראָהען געהילט. נור איין באַרג־שפּיץ, דער העכסטער פון אַלע, האָט זיך שוין געראָיטעלט. עס האָט אויסגעזעהן, ווי עמיצער האָט איהם א רויטע טערקישע פעסקע אָנגעטהון, בשעת ער שלומערט נאָך אין דער פריהמאָרגענדיגער פרישקייט.

מחמד סעיד איז שוין אוועקגעגאַנגען אין זיינע פערבאָרגענע

*) אוצר.

ערטער. אבו־מחמוד איז ארויס צום קוואל, זיך אָבגעוואשען און, מיט׳ן פּנים אין דער זייט פון מעקקא געווענדעט, האָט ער אָנגעהויבען זיין קורצע תּפלה. איך האָב זיך אויך אָבגעוואשען, אָבווישענדיג דאָס פּנים מיט דער פאָלע פון אבאיע.

די בערג־שפּיצען זיינען אַלץ רויטער געוואָרען. נידריגער האָט זיך דער ראָזאָווער ליכט־שלייער אויף די בערג אראָבגעלאָזען, אַלץ ברייטער זיך צואוואָרפען און ארומגעהילט זייער מעכטיגען קערפּער. די נאכט־שאָטענס זיינען שטיל געלאָפען אין די שפּאַלטען פון די בערג און אונטער די שטיינער.

אבו־מחמוד האָט גענומען אַ בינדעל גראָז אין האנד און גערופען מיך צוריק אין הייל. געהענדיג האָט ער מיט דעם בינדעל גראָז פערווישט די שפּורען פון אונזערע טריט:

— כדי ז י י זאָלען אונז ניט בעמערקען, — דאָ וועלען מיר זיי וואַרטען — האָט ער מיר ערקלעהרט.

— היינט וועט מיט גאָט׳ס הילף זיין אַ גוטע יאגד. דאָ איז אַ גוט אָרט, ניט אַלע וויסען פון דעם.

— באיסם אַללה אילרחמן ואילרחים! — האָט אבו־מחמוד מיט דער געוועהנליכער תּפלה, אָנגעלאָדען די ביקס, אראָבגעלאָזט זיך אויף די קניע און אדורכגעשטעקט דעם שפּיץ פון דער ביקס־רעהר דורך די דערנער, וואָס האָבען פערלעגט דעם אריינגאנג פון הייל. איך האָב אויך געטהון דאָס זעלבע.

אין דעם האלב־דונקעל פון דער הייל זיינען מיר געזעסען און איינגעהערט, אויב עס קומען אָן די סערנעס. איך האָב ארויסגעקוקט צו די שווארצע פעלזען און אויף די הויכע בערג, וועלכע די זון האָט שוין פערגאָסען מיט איהרע מאָרגען־שטראַהלען — און אפילו דאָ אין דעם וויסטען אָרט האָט זיך אויך אַ לעבען בעוויזען. עס זיינען אָנגעפלויגען אַ פּאָר קליינע פויגעלעך און שפּרינגען לוסטיג איבער דעם קליינעם ריטשקעלע וואסער, וואָס פליסט זיך שטיל, פּאַמעליך אונטערן שטיין. אַ קליין ווילד־חזיר׳ל איז אָנגעלאָפען טרינקען פון קוואל. מיט לייכטע, שטילע טריט גנב׳עט זיך דורך אַ פוקס, קוקט זיך פאָרזיכטיג אום אין אַלע זייטען און ווערט

פערשוואונדען צווישען די טונקעלע, אזוי ווי אבגעססמאליעטע שטיי־נער. און דארט אין דער הויך, ווייט, ווייט אין דעם הימעל־בלאה טראגט זיך רוהיג, צייכענט לאנגזאם ברייטע קרייזען א גרויסער רויב־פויגעל.

מיר זיצען און ווארטען אונגעדולדיג אויף דעם קומען פון די סערגעס. אבו־מחמוד שעפצעט עפיס — ער מוז אודאי מתפלל זיין אדער אבשפרעכען, אז די סערגעס זאלען קומען.

איך הער אין דער שטילקייט, ווי דאס הארץ קלאפט מיר. איך האב שוין קיין געדולד ניט, איך וואלט געוואלט א שאס טהון, אויס־שרייען, איבעררייסען די טויטע שטילקייט וואס הערשט דא, בע־לעבען מיט אן עכא די דאזיגע בייזע, וויסטע בערג...

— ששש... ששש... — האט אבו־מחמוד זיך א קעהר גע־טהון צו מיר מיט א לייכטע בעוועגונג, פונקלענדיג מיט די אויגען ווי א חיה.

איך האב אויף איהם געקוקט פרעגענדיג.

— קודאמאק*), — האט ער קורץ אבגעענטפערט.

איך האב גארניט געזעהן, נור איינקוקענדיג זיך מעהר, האב איך בעמערקט, ווי עפיס בעוועגט זיך צווישען די שטיינער און פלוצלונג — אויפ'ן שפוע פון בארג, קלאהר אויסגעצייכענט אין דער לויטערער לופט, שטעהען סערנעס. נאלדיגע, לייכטע און ווייבליך־צארטע. פיער — א מוטער מיט דריי קינדער. איינס נאכ'ן אנ־דערען, שלאנק און לייכט טרעטען זיי איבער אויף זייערע דינע פיס־לעך, גרייט, ביי דעם מינדעסטען געדויש פערשווינדען.

דאס הארץ האט אין מיר אויפגעציטערט. דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען זעה איך אזוינע שעהנע בעשעפענישען. ניט וואו־נענדיג קיין ווארט אויסצורעדען האב איך מיך אויסגעדרעהט אין אבו־מחמוד'ס זייט אריין, צושטעלענדיג צום שטערען צוויי פינגער אזוי ווי הערנער. דערמיט האב איך שטומערהייט געוואלט פרעגען, פאר וואס האבען ניט די סערנעס קיין הערנער.

---

*) קודאמאק — פאראויס קוק.

אבו־מחמוד האָט מיר ניט געענטפערט. ווי אַ טיגער, האָט ער זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער אָנגעצויגען אין דער זייט פון די סערנעס. די אויגען האָבען פונקען געשאָטען.

און די סערנעס האָבען זיך אַלץ נידריגער פון בארג אַראָבגעלאָזען. זיי מאַכען מיט זייערע געטאָקטע פיסלעך קליינע, געמאָסטענע טריט. די קליינע בע'חנ'טע קעפּלעך הויבען זיך גראַציעז און קוקען אין אַלע זייטען. עס דאַכט מיר, אַז איך זעה אפילו דעם גלאַנץ פון זייערע שעהנע אויגען, די ליעבליכע אויגען, וועלכע ווערען אַזוי בעזונגען אין די אַראַבישע ליעדער...

אָט דאָס, הייסט עס, זיינען זיי די צויבערשעהנע בערג־קינדער, וואָס פליהען ווי אָדלער איבער פעלזען און אָבגרונדען. דאָס זיינען זיי די פלינקע, די געשיקטע, וואָס קיינער קען זיי ניט דעריאָגען, וועלכע דערפיהלען פון ווי וויים דעם מענש און אויף וועמען די יאָגד איז אַזוי שווער. איז דאָס ניט קיין חלום?... טרינקען געהען זיי, זיי זיינען דורשטיג — און זיי ניעדערען אַראָב, די שעהנע, ניעדערען אַראָב מיט בע'חנ'טע טריט געגען טויט...

אבו־מחמוד איז צוגעוואַקסען צו זיין ביקס, צוזאַמענגעגאָסען אין איין קערפּער, און איך — ביי מיר אין האַנד האָט די ביקס געציטערט, געציטערט ווי מיין האַרץ...

שטיל. מען הערט נור אונזער האַרץ־קלאַפּען. די סערנעס דערנעהנטערען זיך אַלץ מעהר. אָט איז איינע אויף אַ פעלז אַרויפגעשפּרונגען, זיך אַוועקגעשטעלט, אויפגעהויבען דעם שעהנעם קאָפּ און זי קוקט פון דער הויך... מיר מעסטען אָב די שטרעקע מיט די אויגען, שטעלען אָן שוויינענדיג די ביקסען און פּלוצלונג — עס קראַכט און קנאַלט איבער אונזערע קעפּ, ווי די בערג וואָלטען איינגעפאַלען.

האַסטיג זיינען מיר פון אונזערע ערטער אויפגעשפּרונגען. אין איין אויגענבליק איז דער פערשטעלטער אריינגאַנג צוואָרפען געוואָרען און מיר זיינען אַרויס געלאָפען פון הייל.

פון די סערנעס איז קיין זכר ניט געבליבען, נור אַקעגען אונז איז געשטאַנען מחמד־סעיד, מיט אַ ברייטען שמייכעל אויפ'ן פנים

צולעגט און אין דער האנד א צאפּעלדיגער, נור וואס דערשראָסענער, פוינעל.

— דאָ זיינען דאָך סערנעס געווען! — האָב איך בייז און מיט הארצוועהטאָג אויסגעשריען. אבו־מחמוד האָט אזש ניט גע־קענט רעדען. ער האָט נור א שפּיי געטהון מיט גאַל און פון האלז האָט זיך ביי איהם ארויסגעריסען א כאָרכלען, ווי ביי א צובייזער־טער ווילדער חיה.

מחמד־סעיד האָט פערשעמט און פערזינדיגט אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ. שווייגענדיג האָט אבו־מחמוד גענומען אָברוימען דעם הייל־אריינגאנג פון די שטיינער און דערנער. מחמד־סעיד האָט צולעגט א פייער, אָבגעבראָטען דעם פויגעל און מיר האָבען זיך געזעצט עסען פריהשטיק.

— א סך?... — האָט מחמד־סעיד, ביים עסען, א פרעג געטהון.

— פיער. — האָט אבו־מחמוד ארויסגעברומט.

— וואו? — האָט מחמד־סעיד געפרעגט.

— אָט זיינען די שפּורען זייערע, — האָט אבו־מחמוד מיט דער האנד אָנגעוויזען, גלייך ווי מען וואָלט ווירקליך פון דאנען געקענט אָנזעהן די שפּורען פון די סערנעס־טריט אויף די פעלזען.

— און וואוהין?...

— ווער האָט געקענט זעהן? זיי זיינען פערשוואונדען גע־וואָרען — און פערפאלען.

— מסתמא אהין, — האָט מחמד־סעיד א זאָג געטהון און אָנגעוויזען מיט דער האנד אין דער זייט פון ועד־על־ארנון — איך וועל נעהן מיט אייך זיי אָבזוכען.

— אוצרות זוכען ביסטו א בריה, אָבער ניט קיין סערנעס!

— האָב איך איהם אריינגעוואָרפען א שטאָך־וואָרט.

ביידע אראבער האָבען אויף מיר אָנגעשטעלט דערשראָקען־פערוואונדערטע אויגען: א מענש זאָל גאָר חוזק מאכען פון אַן אוצר!...

ענדליך זיינען מיר אויפגעשטאנען, אנגעפילט אונזערע קליינע לאגלען מיט וואסער און זיך געלאזט אין וועג אריין.

---

איבער שטיינער און פעלזען, האבען מיר ארויף און אראב נאך מחמד־סעיד'ן געקלעטערט. די זון איז שוין הויך אין הימעל געשטאנען און אהן רחמנות געבראטען מיט איהרע גלייך־פאלענדע שטראהלען.

די שטיינער פון די בערג ארום האבען זיך שטארק צוגליהט און עס האט פון זיי געפייערט ווי פון א צוברענטען אויווען. עס איז געווארען אזא שרעקליכע היץ, אזא אונערטרעגליכע שטיקעניש, אז מען האט קוים געקענט כאפען דעם אטעם. מיעד, אבגעהענדיג אין שוויים, האב איך מיך נאכגעשלעפט נאך די אראבער און אין הארצען האט געברענט א כעס אויף דעם איינציגען שולדיגען אין די מאטערנישען, אויף מחמד־סעיד'ן, וועלכער האט, ווי נים איהם מיינט מען, געשפאנט פאראוים.

— וואוהין? — האב איך א פרעג געטהון מיט א פערטרי־קענט־הייזעריגער שטימע.

— אין ועדי צו מיטאג — האט מחמד־סעיד געענטפערט און, ווי א קאץ, ארויפגעקלעטערט אויף א הויכען פעלז אויסצוקוקען פון דארט דעם קירצסטען וועג צום ודי־על־ארנון*).

אהער, אין דעם וויסטען טאל אריין קומען די חיות, ווען עס ווערט הייס, זיי בעהאלטען זיך אין שאטען פון די בוימער. וועלען מיר דא אונזערע סערנעם טרעפען? ...

ערשט נאך האלבען טאג זיינען מיר צוגעקומען צום ראנד פון דעם טיעפען ועדי, וואס איז ארומגערינגעלט מיט הויכע פעלזען־ווענד. א קיהל, דערפרישענד ווינטעל האט צו אונז ארויפגעבלאזען פון אונטען, וואו שלענגלענדיג האט זיך א ברייטע גרינע לענטע פון בוימער און קוסטעם געצויגען. א שטיל גערויש האט זיך דערטראגען פון דעם וואסער־שטראם וואס לויפט אין ים אריין.

---

*) טאל ארנון.

— איתפדל! — מיטאָג.

איך האָב ניט געקאָנט עסען גלייך מיט זיי די „פּתא“, וועלכע איז פון דער היץ געוואָרען הארט ווי גלאָז, און איך האָב מיך צו־געלעגט אָברוהען א ביסעל אין שאָטען פון א פעלז. נאָך מיטאָג זיינען מיר געגאַנגען ווייטער, געגידערט אין טהאָל, זוכען א שאָטען וואו מיר זאָלען קענען אָברוהען ביז די זון וועט זיך זעצען און די סערנעס וועלען זיך אָנהויבען ווייזען.

מיר לאָזען זיך אַראָב אַלץ טיעפער אין טאָל. איך בין שרעק־ליך אָבגעמאַטערט, דער קאָפּ דרעהט זיך,, עס מינעט אין די אויגען, עס קלינגט אין די אויערען, די פיס זעצען זיך. דערצו האָט זיך נאָך די ביקס אָנגעגליהט פון דער זון און ברענט מיר די פּלייצעס. איך קריך אויף אַלע פיער, שלעפּ זיך קוים און עטליכע מאָל האָב איך מיך שיעור ניט אַראָבגעקאַטשעט אונטען.

די אַראַבער זיינען שוין געשטאַנען ווייט, ווען איך האָב מיך צוגעשלעפּט צו א שפּאַלט פון א גרויסען פעלז, וואו עס איז גע־וואַקסען א בוים. איך האָב זיך געלעגט אונטער דעם בוים. אַבו־מחמוד איז צוגעגאַנגען צו מיר, נור איך האָב איהם געזאָגט, אז איך וועל דאָ אָברוהען און ווייטער ניט געהן. א ווײלע איז ער געשטאַנען, בעדויערט מיך און אוועקגעגאַנגען. מיך האָט וועניג געקימערט וואָס אבו־מחמוד און מחמד־סעיד וועלען זאָגען אויף מיר, וואָס זיי וועלען טראַכטען וועגען מיר, צי וועלען זיי געפינען אוצרות און סערנעס, צי ניין, — איך האָב נור געוואָלט ליגען, ליגען מיט פערמאַכטע אויגען, אנדרעמעלט ווערען און שלאָפען, שלאָפען, שלאָפען...

איך ווייס ניט ווי לאַנג איך בין אזוי געשלאָפען, נור אויפגע־כאַפּט האָב איך זיך, ווייל עפּים האָט מיר א קלאַפּ געטהון אין אַקסעל. פערוואונדערט האָב איך מיר אין אַלע זייטען אומגעקוקט, — וואו בין איך דאָ ערגיץ? —

א גרויסער, ברייטער שאָטען האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דעם ועדי, וועלכער שלענגעלט זיך אין ברייטע און לאַנגע זיגזאַגען. א פריש בערג־ווינטעל וועהט. די פויגעל האָבען זיך שוין אויפ־

געכאַפּט פון מיטאָג־שלאָף און זיי יאָגען, שוועבען אום אַהין און אַהער איבער׳ן וועדי. ווילדע טויבען פליהען אַז, שניידען דורך די לופט ווי פיילען.

איך זוך מיט די אויגען אבו־מחמוד׳ען און מחמד־סעיד׳ען. איך האָב שוין געוואָלט א רוף טהון — נור פּלוצים בין איך געבליבען א פערשטאַרטער, דער רוף איז מיר געבליבען שטעקען אין האַלז.

פּונקט געגען מיר, אויף א פעלז, וואָס האָט ארויסגעשטאַרצעט פון דער צווייטער זייט וועדי, איז א יונגע סערנע געשטאַנען.

ווי אין שטיין אויסגעהאַקט, האַלב אין שאָטען און האַלב מיט די שטראַהלען פון דער פאַרנאַכטיגער זון פערגאָסען, איז זי גע־שטאַנען אונבעוועגט, גלייך זי וואָלט אַלעמען געוואָלט בעווייזען איהר שעהנקייט. שטילערהייט האָב איך מיך אראַבגעלאָזט אויף די קניע, די ביקס גענומען און פּאַמעליך אַנגעהויבען ציעלען, נור עס האָט מיר אויסגעוויזען, אַז זי שטעהט צו ווייט און איך האָב מיך געשראָקען, טאָמער וועט די קויל ניט דערגרייכען. איך ציעל זיך אַן, און זי שטעהט אַלץ אַזוי רוהיג, קוקט אין מיין זייט אריין, פּונקט ווי זי זעהט מיך, נור זי ווייסט, אַז איך קען גאָר ניט מאַכען און זי האָט ניט מורא.

פּלוצלונג האָט זיך איבער מיר א לייכטער שאַרף דערהערט. א קליין שטיינדעלע איז אראַבגעפאַלען, מיר א קלאַפּ געטהון אין קאָפּ אריין. דערשראָקען האָב איך דעם קאָפּ אויפגעהויבען און דורך די צווייגען פון׳ם בוים האָב איך נאָך א סערנע דערזעהן. נור דעם ווייסליכען בויך האָב איך געזעהן און די פיס... דאָ האָב איך מיך אין גאַנצען פערלוירען — צוויי סערנעס פון צוויי זייטען; אין וועלכער זאָל איך ציעלען?...

נור אָט האָט זיך די סערנע, וואָס איבער מיין קאָפּ, א ריהר געטהון און ווידער האָט זיך א שטיינדעל אראַבגעקייקעלט, צו מיי־נע פיס געפאַלען און שיער ניט אָנגעשלאָגען אין מיין ביקס. און באַלד האָט זיך ווי אויטאָמאַטיש, אָהן מיין ווילען די ביקס א הויב געטהון, אָנגעשטעלט זיך געגען דעם ווייסען שטרייף אויף דער סערנע׳ס בויך און — טראַך!

— טראַך! טראַ־ראַך! — האָט דער עכאָ אונטערגעכאַפּט דעם קנאַל, איבערגע׳חזר׳ט און צוטראָגנען איהם אין אַלע זייטען.

א רעגען פון קליינע שטיינדלעך האָט זיך אויף מיר אויסגע־שאָטען — די סערנע איז געפאַלען.

ווי אַ משוגע׳נער בין איך אויפגעשפּרונגען פון אָרט, אומגע־פאַלען און אָנגעהויבען אראָבקייקלען זיך אין טאָל אריין. נור באַלד בין איך ווידער אויפגעשפּרונגען און אַרויסגעלאָזט אַ ווילדען גע־שריי.

— קינז! קינז!*).

פון ערגיץ האָט זיך מחמד־סעיד בעוויזען. אַ דערשראָקענער איז ער געלאָפען מיט דער ביקס פאָראויס און געשריען:

— וואו איז ער? איך האָב דאָך איהם געזוכט! איך האָב דיך געבראַכט אהער!

פון צווישען די ביימער איז אַרויסגעקומען אבו־מחמוד. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט נעבען דער דערשאָסענער סערנע, וועלכע איז, פאַלענדיג, פערהאַלטען געוואָרען אין אַ בוים, און ער האָט זיך צושמייכעלט:

— אָט איז דעם יוד׳ס אוצר.

מחמד־סעיד איז אַ ווייַלע געשטאַנען ערשטוינט, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטהון אויף מיר און אַ זאָג געטהון:

— שאַטער! (וואוילער יונג).

צוגעהענדיג צום בוים האָב איך דערזעהן די סערנע, וועלכע איז געלעגען דעם קאָפּ אונטער׳ן קערפּער ארונטערגעדרעהט און איהר פאָדערשטע פיס אויסגעצויגען אויף די שטיינער, גלייך ווי זי וואָלט אין איהר לעצטער גסיסה־מינוט די שטיינער פון איהר היים ארומ־גענומען און ביי זיי הילף געבעטען.

א לייכט ווינטעל האָט געשאָקעלט די אראָבגעלאָזטע, צוברא־כענע צווייגען, פון וועלכע עס האָבען טראָפּענס גערונען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי בעדויערן, בעוויינען דעם פריהצייטיגען טויט פון דער יונגער, שעהנער סערנע, וואָס ליגט אונטער זיי.

*) אַן אוצר.

די זון האָט דורך די צווייגען פון בוים איהרע לעצטע שטראה־לען דורכגעשפּיזט און מיט בעוועגליכע גאָלדענע פלעקען דעם טוי־טען קערפּער בעציערט, פון וואָס עס האָט אויסגעוויזען, אז די סערנע ציטערט נאָך א לעבעדיגע, טרייסעלט מיט איהר פעל, אָבטרייבענדיג די פליגען...

אבו־מחמוד און מחמד־סעיד זיינען צוגעטרעטען אָבשינדען די סערנע. איך בין אָב אין א זייט, ניט קענענדיג דאָס צוזעהן.

אונטער א בוים, נאָהנט צום וואסער, האָב איך מיר אנידער־געזעצט און מיט פערטראכטונג די ביקס אָבגעוואָרפען. איך האָב דעם קאָפּ אויף די הענד אָנגעשפּארט און זיך איינגעקוקט אין דעם שטיל־פליסענדען וואסער.

שטילע, פערנאכטליכע שאָטענס האָבען זיך געשפּרייט און איינגעהילט פּאמעליך דאָס וואסער, די בוימער און די פעלזען פון אויבען. און דאָרטען ווייט־ווייט, הויך־הויך האָט זיך א גרויסער פויגעל געטראָגען און ברייטע קרייזען געקרייזט. באלד האָט זיך א צווייטער בעוויזען און א דריטער. זיי האָבען בלוט דערפּיהלט און געקומען אנטהייל נעהמען אין דער סעודה.

פון אונטערן בוים האָט זיך דאָס קול פון די אראבער געהערט, וועלכע האָבען די סערנע געשונדען:

— העכער... נאָך א ביסעל... אָט אזוי... פּאמעליך ציה די פעל... בלאָז זי אָן.

קינז... איז דען ניט יעדע סערנע אַן אוצר פון דער וויסטע? — בין איך געזעסען מיט א מאָדנער הארץ־קלעמעניש, קוקענדיג אויף די ארומיגע בערג, וועלכע האָבען אזוי ברוגז׳ליך און אָנגעלאָדען אויסגעזעהן אין דער אָנקומענדער נאכט.

קינז... דער קינז פון דער וויסטע... — האָב איך טרויעריג געטראכט — און איך האָב ביי מיר אויסגעזעהן פּונקט ווי יענער סאלים, וועלכער איז, נאָכ׳ן זוכען דעם אוצר, אהיים געקומען נאָך אָרימער ווי פריהער, מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און אויסגעריי־סענער פּאָלע...

# אבו־שווארב.

## 1

אין איינעם פון די טעג, ווען די לופט איז מיט א מאָדנער לײידענשאַפט פול; ווען איבער דעם לויטערען גרויסען הימעל, ווי געדאַנקען פון דעם בורא, טראָגען זיך קליינע וואָלקענדלעך און ווערען פערהאַלטען אויף די בערג פון יהודה; ווען די בערג־וואַסער־פאַלען, וואָס זיינען פערבליבען נאָך די לעצטע רעגענס, האָבען נאָך ניט פערענדיגט זייער פרעהליך־ליכטיגען טאַנץ; ווען אַלעס אַרום איז בעגרינט; און אַפילו די שווארצע בערג מיט זייערע גרויסע שווארצע שטיינער קוקען עפּיס אויף פרעהליכער, ניט אָנ־געבלאָזען — אין איינעם פון די טעג האָב איך פערבלאָנדזשעט אין דעם אויבערשטען גליל. ווי אַזוי איך בין אַהין געקומען איז פאַר מיר אַליין אַ רעטעניש, ווייל געדאַרפט האָב איך גאָר זיין ביי דעם נהר ארנון זוכען די אייער פון דעם שווארצען קראָה אָדער „הראב“, לויט'ן אראבישען נאָמען. שולדיג אין דעם איז מיי־נער אַ פריינד, אַ אידישער קאָלאָניסט, אבו־שווארב, ווי די אראַ־בער רופען איהם, דאָס הייסט דער טאַטע פון די וואָנצעס. וואָנ־צעס האָט ער געהאַט, אויף אַלע אידישע קינדער געזאָגט געוואָרען... שוין איין מאָל וואָנצעס! אז ער האָט אַ נעהם געטהאָן גדלות'דיג אַ וואָנצע און פערלייגט זי הינטער דעם אויער האָט מען בעשיינ־פערליך געזעהען אַז דער מענש האָט וואָנצעס. ער איז שולדיג אין דעם וואָס איך בין אין דעם אויבערשטען גליל געקומען. די מעשה איז אַזוי געוועזן.

אין דער צייט פון רביה האָבען אַלע פויגעל אין ארץ ישראל אַ געוואוינהייט צו מאַכען נעסטען און אין זיי לייגען אייער. די נעסטען מאַכען זיי אויף אַ בוים, אַ שטיין, אויף דער ערד. אין דער צייט איז אויך אין ארץ ישראל פאַראַן אַזעלכע מענשען, וואָס נעהמען די אייער פון די פייגלעך, מאַכען אין זיי לעכלעך, בלאָזען זיי אויס און שיקען אוועק די ארץ ישראל אייער אין גאַנץ וועל־

טעל. צוליעב די מענשען און צוליעב די אייער האָב איך געדאַרפט זיין ביי דעם אַרנון.

פאַראַן פייגלעך וואָס מאַכען זייערע נעסטען און לייגען זייערע אייער אויף אַ בוים; קריכסט דו אַרויף אויף'ן בוים, נעהמסט די אייער און פּטור אַ מעשה. עס גיט פייגלעך וואָס לייגען זייערע אייער אויף דער ערד, אונטער אַ שטיין, אַ קוסט. דאָן איז נאָך בעסער — בויגסט זיך איין און פאַרטיג. אָבער פאַראַן פייגלעך ווי דער שוואַרצער „הראב", צום ביישפּיעל, וואָס האָט זעהר אַ מאוס'ע געוואוינהייט צו לייגען זיינע אייער אויף אַזעלכע ערטער, וואו מען קען דאָס ניט געפינען, און אויף אַזעלכע פעלזען, וואו איינער אליין קען מען גאַרנישט מאַכען, מען מוז נעהמען נאָך מענשען מיט שטריק אויף וועלכע עס קומט אויס צו קריכען ווי אַ קלאָון אין צירק. און אָט די אייער האָב איך געדאַרפט נעהמען. און געראַד ווי איך האָב מיך געקליבען אין וועג אַריין, האָט מיך מיין פריינד אַבו שוארב דערזעהען און אַזוי געזאָגט:

— נעהמען די אייער איז נאָך פריה, ניט פערשפּעטיגען אפילו אין אַ וואָך אַרום, און צווייטענס וואָס דאַרפסטו געהן צו דעם אַרנון? קום מיט מיר אין גליל. פון דאָרט וועסט דו פאָהרען אין דער ח ע מ מ ע און וועסט נעהמען די אייער. דאָרטען איז אויך דאָ בערג און אויך דער שוואַרצער קראָה.

געוועזן בין איך דאָן אין פּתח תקוה.

אָבער ווי וועל איך פאָהרען? — האָב איך מיך געלאָזט אַי־בעררעדען. — איך בין דאָ מיט צוויי פערד". האָט ער קורץ גע־ענטפערט. און דאָ האָב איך פערשטאַנען פאַר וואָס ער האָט מיר איינגערעדט איך זאָל מיט איהם פאָהרען. אַזוי בין איך גע־קומען אין גליל.

שעהן איז דער גליל דעם גאַנצען יאָהר. אָבער נאָך שעהנער איז ער, ווען די וואַסערען פון חצבני צוגיסען זיך איבער דעם טהאָל חולי, וועלכער איז אָנגעטהאָן אין אַ גרין בעזילבערטען סאַמעט קלייד.

דרעמעלט דער אַלטער זיידע חרמון אונטער זיין ווייסע היטעל און ווי ברוגז האָט ער זיך פון דעם מענשענס אויגען פאַרדעקט אין זיין הויב. שאַרף, זעהר שאַרף, ווייט צוטראַגט זיך דאָס ברויזען און געשריי פון זיין אייניקעל דעם ירדן. וועלכער איז אין איין פערדרוס, וואָס דער זיידע שלאָפט נאָך. אין זיין שטיפעריש־איינגעלשען שפּיעלען זיך וויל ער אויך דעם זיידען אויפוועקען. ער זאָל אויך מיטשפּיעלען. דען פרעהליך איז די וועלט, ליכטיג שיינט די זון, ריין איז די לופט, און הילכיג ענטפערט דער ווידער־קול.

די ערשטע נאַכט, ווי מיר זיינען אין דער קאָלאָניע אריין, אַזוי האָט מען אונז גלייך בעגעגענט מיט אַ ברוך הבא, אז אַ האַלבע טשערעדע פון אבו־שוואַרבס בהמות האָבען צוגענומען אראבער.

„אין זייער גלויבען אריין!" — האָט אבו־שוואַרב אין כעס פערביסען אַ פינגער.

— איך וויס, ווער דאָס האָט געטהאָן, — האָט ער זיך גלייך בערוהיגט. עס זיינען אָנגעקומען געסט — אידען, אראבער און אויך די פאַסטוכער, וואָס האָבען דערצעהלט, ווי די זאַך איז געוועזן:

אין מיטען העלען טאָג זיינען אָנגעפאַהרען פינף רייטערס, אָפּגעשניטען אַ האַלבע טשערעדע און אוועקגעטריעבען צום ירדן.

— „דאָס זיינען „אנזי" — האָבען די פאַסטוכער אַ סברה ארויסגעזאָגט.

— דאָס איז אבו־פאַרעס, ער איז ברוגז, וואָס איך האָב ביי איהם די שקאָפּע אָפּגענומען, — האָט מיר אבו־שוואַרב מיט אַ שמייכעל געזאָגט.

— פאָהרסט מיט מיר אָפּנעהמען די בהמות? — האָט ער מיך נאָך אַ קליינעם שווייגען געפרעגט. איך האָב מיט פרייד צו־געשטימט און מיר האָבען אונז געגרייט אין וועג.

— צו נאַכט זיינען מיר אראבער און מיר וועלען אויך אַ ביסעל רויבען, — האָט ער גומוטהיג געשמייכעלט. אָנטהוענדיג די אראַ־בישע קליידער און דאָס טיכעל איבער׳ן נאָז, ביז די אויגען פער־בונדען. מיר האָבען אָנגעהאַנגען שווערדען, גענומען רעוואָלווערי

מיט ביקסען ,ער האָט אויך זיין „רומח" (אַ שפּיז) גענומען, זיך אויפגעזעצט אויף זיין בעסטען פערד, וואָס נור אַ פּערטעל פון איהם קאָסט הונדערט לירעס. מיר האָט ער דעם רויטען לאַשעק געגעבען און מיר זיינען ארויסגעפאָהרען.

די נאַכט איז געווען ניט קיין ליכטיגע און ניט קיין פינסטערע, אַן ארץ ישראל נאַכט, ווען אַלעס זעהט מען גאַנץ דייטליך — אַ העלע נאַכט. אין די בוימער אויפ'ן וועג און אויך צווישען די מאַנדלען איז זעהר שטייף געשטאַנען די פינסטערניש.

רוהיג, מיט שטילע טריט, זיינען געגאַנגען די פערד. אויפמערקזאַם האָב איך מיך אומגעקוקט.

— האָב ניט מורא, די פערד וועלען אונז שוין אָנזאָגען, ווען עפּיס וועט זיין אויפ'ן וועג, — האָט מיר אבו־שוואַרב שטיל געזאָגט, בעמערקענדיג מיין אונרוהיגקייט.

— וואָס איז? — האָט ער זיין שקאַפּע געפרעגט, וואָס האָט אָנגעשטעלט די אויערען און געמאַכט עטליכע אונרוהיגע טריט. נאָר גלייך איז זי ווייטער געגאַנגען רוהיג.

— אַ שאַקאַל! — האָט אבו־שוואַרב געברומט.

זעהר ניט היימליך האָב איך מיך געפיהלט, איך ווייס ניט פאַר וואָס. געוואוינט בין איך מיט דער נאַכט און ליעב האָב איך זי און אַלעס וואָס די נאַכט ברייגנט און גיט. איך האָב ליעב דעם גרויסען, ברייטען הימעל מיט די קליינע שטערענדלעך, וואָס ווינקען אזוי גנב'יש אין די בוימער־צווייגען. איך האָב ליעב דעם מילך־וועג און אויך די עגלה מיט די פלייאָדען, וועלכע זאָגען אָן מיט זייער גאַנג, ווען דער טאָג קומט אָן. איך האָב ליעב די פינסטערניש, וועלכע פעראייניגט די ערד מיט דעם הימעל, און ווער ווייס וואָס פאַר אַ סודות זיי פערצעהלען אייער דעם צווייטען. מיר הערען נאָר אובעשטימטע קלאַנגען, פער'כשופ'טע קולות און אַ שטילען גערויש.

און דאָך האָב איך זיך ניט היימליך געפיהלט. אויף אבו־שוואַרב האָב איך געקוקט. אונבעוועגליך איז ער אויף זיין פערד

געזעסן. צייטנווייז האָט די לאַנגע פּיקע פּערטשעפּעט די בויִ־מער, וועלכע האָבן געציטערט איבער אונזערע קעפּ.

חלאַפּ!... חלאַפּ!... האָבן מיר דערהערט צוויי שאָס.

מיט אַנגעשטעלטע אויערן זיינען אומרוהיג געגאַנגען די פּערד.

אבו־שווארב האָט זיך טיעפער אין זאָטל איינגעזעצט. די פּיס אין די רייט־אייזנענדלעך פאַרריכט, די אבאיע אונטערגערוקט, דעם ביקס פאַר זיך אויפ׳ן זאָטל געלעגט און שטיל דעם פּערד אָנגעטריבן.

פּלוצים האָבן די פּערד אַן אַ זייט אַ נעהם געטהאָן, די קעפּ צו די מאַנדלען געהאַלטען און מיט די נעזלעכער געבראָפּעט. אונ־טער אַ בוים האָבן מיר אַ שאָטן דערזעהען.

— מיין האדרא? (ווער איז דאָס?) — האָט אבו־שווארב גע־פרעגט. איך האָב מיין ביקס צוגעגרייט...

— מין הארא? — האָט ער איבערגעפרעגט און מיט דעם אָנגעבייגטען שפּיז געפאָהרען צום בוים. דער שאָטען איז אָב־געשפּרונגען.

— ברוך הבא״ אבו־שווארב? — האָט אונז דער שאָטען בעגריסט.

— אָ, זאריף! ווי אזוי קומסט דו אהער? — האָט אבו־שווארב זיך געוואונדערט.

— איך בין נאָכגעגאַנגען די בהמות, — האָט זאריף געענט־פערט, — זיי זיינען ביים ירדן, ביי די דריי דוימעז, העכער פון דעם מאַסקאָבים פערמע.

— ווער היט זיי?

— דעם שייכס זוהן און סאַליעך אַקרוט.

אבו־שווארב איז אראָבגעקראָכען פון׳ם פערד, איהם טיעפער אין די בוימער אריינגעפיהרט און מיר האָבן זיך אויף דער ערד געזעצט, די צוימען אין די הענד געהאַלטען. פון ערגיץ האָט זיך אַ ליעד דערטראָגען און שטיל צושוואומען געוואָרען...

— נאָך די בהמות וועלען מיר צום שייך פאָהרען? — האָט ווי זיך אַליין אבו־שווארב געפרעגט.

— אבו־פארעס איז ניטא און זיי וועלען דיר זאגען, אז די „אנז" האבען דיינע בהמות צוגענומען — האט פון אונטער'ן מי־כעל זאריף ארויסגערעדט. — ער איז ברוגז פאר דער שקאפע, — האט ער ווייטער צוגעגעבען...

איך בין געזעסען און געשוויגען. פרעגען האב איך ניט גע־וואלט, אבער פערשטאנען האב איך, אז דא איז א מעשה מיט א שקאפע. דעם נאמען אבו־פארעס האב איך אויך געקענט: האט איז געווען א שייך פון א שבט אראבער, פאר וועמען די גאנצע געגענד האט מורא געהאט. ער איז זעהר רייך. אלע גנבים און רויבער פון דער געגענד האט ער ביי זיך אויפגעהאלטען און בע־שיצט; און דערפאר זיינען זיי געווען גרייט צו געהן פאר איהם אין פייער און וואסער.

— מיר געהען נאך די בהמות, — האט ענדליך אבו־שווארב געזאגט.

— יאלא, — האט זאריף צוגעגעבען און מיר זיינען אוועק־געפאהרען.

— א פערפלוכטער אראבער! איך וועל איהם שוין וויי־זען... — האט אבו־שווארב צארענדיג ארויסגערעדט.

— וואס איז צווישען אייך? —

— א אקרוט (ממזר) — האט ער צווישען די ציינער געענט־פערט, — פאר א יאהרען רביה האב איך ביי איהם מיין שקאפע מיט דעם לאשעק געהאלטען און ער האט געוואלט איך זאל איהם געבען א פערטעל.

— איהר האט זיך מיט א שלעכטען אראבער פערקריגט.

— עס מאכט ניט, דו וועסט שוין זעהן, וואס מיר וועלען איהם אנטהאן. יאלא זאריף, — האט ער דעם פערד אנגעטריבען.

איך נאך איהם, זאריף פאר אונז. און מיר זיינען אוועק מיט דעם טראט פון די אראבישע פערד, וואס קענען רוהיג אבגעהן א שעה צוואנציג און געהען איין זעהר פיעל. זאריף האט זיין העמד פערהויבען.

צו דעם ארט, וואו מיר האבען געדארפט נעמען די בהמות,

איז געווען צוויי שעה פֿאָהרען און צוריק אויך צוויי און מיט די בהמות וואָלט גערויערט פיעל מעהר. די נאַכט האָט ניט געבאַפּט און מיר מוזען קומען פֿארטאָג אין קאָלאָניע, קיינער זאָל אונז ניט זעהען. איך האָב ניט געוואוסט, אז עס גיט א וועג מיט די בערג זעהר א נאָהענטער.

שטיל ווי די שאָטענס האָבען מיר זיך געטראָגען. קיין פייערל האָט מען ניט געזעהען אין דער נאַכט. אַלע זיינען געשלאָפען. די וועגען זיינען ליידיג. נאָר אין א נאָהענטען דאָרף האָבען שטאַרק געבולען די הינט און אויך ערגיץ־וואו האָט דער שאַקאַל געוויינט. דאָרט ווייט אין דער זייט פון דער אידישער קאָלאָניע יסוד המעלה האָבען זיך געהערט געשרייען און שיסעריי.

— גנבים, — האָט זאריף שטיל געזאָגט. די „אנז" האָבען צוויי טשערקעסען פון קענעטרא געשאָסען.

— אַללאַ, — האָט אבו־שווארב א קרעכץ געטהאָן.

— וואָס טהוט דער מאסקאבי ביי נאַכט? — האָט זאריף פערוואונדערט געזאָגט, ווען מיר זיינען פארבייגעפאָהרען א גרויסע ארומגעצוימטע געביידע, וואו אויפ'ן הויף האָט מען געזעהען א מענשען.

מיך האָט געוואונדערט, וואָס מיר זיינען אזוי גיך געקומען.

— איך וועל געהן זעהן, וואו עס געפינען זיך די בהמות — האָט אונז זאריף געזאָגט, ווען מיר זיינען אין די זומפען אריינגעפאָהרען און ער איז פערשוואונדען אין די הויכע גראָז. מיר זיינען געבליבען ווארטען.

— און וואו וועט איהר טרייבען די בהמות? עס איז דאָך נאָך האַלבע נאַכט? — האָב איך געפרעגט אבו־שווארב.

— מיר וועלען זיי אין יסוד המעלה ביי דעם טשערקעס, דעם וועכטער, לאָזען, — האָט ער מיר קורץ געענטפערט.

— מען וועט מיינען אויף די „אנז" — האָט ער וויטער צו זיך אַליין געזאָגט, איינקוקענדיג זיך אין די זומפפען.

— די בהמות זיינען אַליין, קיינער היט זיי ניט — איז געבען אונז זאריף אויסגעוואקסען.

— דו בלייב דאָ, און לאָז ניט נעהן די בהמות צו דער פּערד־מע, — האָט מיר אַבו־שוואַרב געהייסען בלייבען שטעהן און אַליין מיט זאריפ'ן אריין אין די זומפּפען.

אין אַ שטיקעל צייט ארום האָב איך דערהערט אַ רוישען אין די גראָז און ווען איך בין צונעפאָהרען האָט איך פאר זיך דערזעהען די בהמות. צעהלען אין דער פינסטער האָב איך ניט געקענט, נאָר איך האָב געזעהען על פּי ערך אַ צוואַנציג קעפּ.

— צו די בערג! — האָט אָבגעהאַקט אַבו־שוואַרב ארויס־פאָהרענדיג נאָך די בהמות. אין דרייען האָבען מיר געמאַכט אַ מין דריי־ווינקעל: אַבו־שוואַרב אין דער מיט, איך און זאריף ביי די זייטען.

— איי, איי, איי, או, או, — האָט אַבו־שוואַרב נאָכגעמאַכט דעם שאַקאַלען געוויין, אויף וואָס די שאַקאַלען האָבען גלייך גע־ענטפערט.

— אַקרוט (ממזר), — האָט זאריף אַ בורטשע געטהאָן.

טוק, טוק, טוק. מיר זיינען אין די בערג אריינגעפאָהרען.

— עס איז שפּעט, מען מוז טרייבען די בהמות איבער די זומפּפען צו דער קאָלאָניע — האָט אַבו־שוואַרב געזאָגט. און מיר האָבען דאָס גלייך געטהאָן. מיר האָבען געהאַט אַ וועג, אז דער אויבערשטער זאָל שומר ומציל זיין! יעדע ווײלע זיינען מיר אין אַן אַנדער בלאָטע אריינגעקראָכען. און איין מאָל בין איך מיט'ן פערד אין וואַסער אריינגעפאַלען.

ווי אַ משוגענער איז זאריף ארומגעלאָפען, מיט דער אַבאַיע אויף דער האַנד פערוויקעלט, און האָט ניט געלאָזט אָבקעהרען די בהמות אָן אַ זייט. ער שפּרינגט איבער די גריבער, געהט ביז'ן האַלז אין וואַסער — און גאָר נישט!

נאָר אַבו־שוואַרב זיצט רוהיג אויף זיין שקאַפּע, וועלכע געהט זעהר פאָרזיכטיג, און מיט זיין שפּיז טרייבט ער צייטענווייז אונטער אַ בהמה וואָס בלייבט פון הינטען.

מעהרער צרות פון אַלע האָט אונז פערשאַפט דער שוואַרצער ביקל: ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט געהן גלייך מיט אַלע

בהמות. אַלע ווײַלע לויפט ער אָן אַ זײַט, און איך און זאַריף האָבען געדאַרפט איהם נאָכלויפען. צו דעם איז מײַן לאַשעק אויך געװען זעהר אַ שרעקעדינער. פאַר אַ ביסעל װאַסער, פאַר אַ גריבעל, פאַר אַ בוים האָט ער זיך דערשראָקען און געבליבען שטעהן.

איין מאָל האָט ער מיך במחילה אַרויפגעזעצט אויף זײַן אײַ־גענעם קאָפּף, נאָר על פּי נס האָב איך זיך אָנגעהאַלטען און ניט אַריבערגעפלויגען גלײַך אין דעם טיעפען קאַנאַל, וואָס האָט זיך אונטער זײַנע פיס געעפענט.

אָט אַזוי זײַנען מיר צו ביסלעך געגאַנגען, און די נאַכט איז אויך ניט געשטאַנען. אַ קאַלטער ווינטעל האָט אָנגעהויבען בלאָזען. איבער׳ן הימעל זײַנען שוואַרצע וואָלקענס געקראָכען און שאַרף האָט זיך דער רוישען פון די בוימער געהערט. מיר זײַנען אויס־געקומען פיעל ניעדריגער פון פריהערדיגען אָרט. ביי דעם מי־מרום האָבען מיר אַרײַנגעטריבען די בהמות אין וואַסער. אבו־שוואַרב איז געפאָהרען ווײַטער הינטער אונז, ווי ער וואָלט אונז געהיט.

— היי יא וואַליאַד (דו אינגעל), — האָט זיך אין די זומפּפען צוטראָגען אַ געשריי.

— היי יא חעמדאַן אויענאַך (היי חעמדאַן, וואו ביסט דו?)— האָט זיך געהערט אין די זומפּפען.

— אויענאַך יא אקרוט? (וואו ביסטו, ממזר?), — האָט זיך פון אַ צווייטען זײַט געטראָגען, — וואו זײַנען די בהמות?

— דער שייטאַן האָט זיי אין די זומפּפען פערטראָגען — האָט זיך אַן ענטפער דערהערט.

— וואו אין די זומפּפען? — האָט ווייטער אַ קול איבערגע־פרענט.

— אנא אראַף (איך ווייס)? — האָט דער צווייטער געענט־פערט.

אבו־שוואַרב איז צוגעפאָהרען און האָט אונז געהאָלפען טרײַ־בען די בהמות. מיר זײַנען הינטער דער קאָלאָניע. אבו־שוואַרב איז אַרויסגעפאָהרען פאַראויס און האָט אַרויסגעלאָזען אַ פוקסעל־

געלעכטער, נור גלייך אבגעהאקט. תיכף האבען מיר דערהערט דאס לויפען פון א פערד.

— מין הארא? — איז א רייטער צוגעקומען.

— איבראהים! — איז אבו־שווארב צוגעפאהרען. — מען דארף ביי דיר די בהמות בעהאלטען, הערסט? — האט ער איהם אין די זומפפען געוויעזען, וואו די געשרייען האבען ניט אויפגעהערט.

— טאיב! — האט איבראהים אנגעהויבען פייפען. פון אלע זייטען קאלאניע האט מען איהם געענטפערט.

— ווי פיעל זייט איהר? — האט איהם אבו־שווארב געפרעגט.

— צעהן.

— די „אנז" זיינען אויף יענער זייט?

— נעכטען זיינען זיי דא געוועזן.

— וואס וועט זיין? —

— אללא באראף (גאט ווייס)!

מען איז ווייטער געפאהרען, איך מיט זאריפ'ן ביי די זייטען. איבראהים און אבו־שווארב אין מיטען.

— פון די באסעס? (זומפפען), — האט איבראהים אויף די בהמות געפרעגט.

— מיינע, אבו־פארעס האט זיי ביי מיינע פאסטוכער צוגענומען. — מעהר האט מען שוין ניט גערעדט.

ווי עס ווייזט אויס, איז שוין גאנץ שפעט געוועזן. דער הימעל איז מיט וואלקענס בעדעקט, אז מען האט ניט געוואוסט וואו די נאכט האלט. עס איז אויך קאלט געווארען.

— זאריף, וועסט קומען מארגען אין דער פריה צו מיר. און איהר ווילט מיטפאהרען? — האט געפרעגט אבו־שווארב, ווען מיר זיינען ביי דער קאלאניע געוועזן.

— איך פאהר מיט אייך, — האב איך נאך איהם דעם לאשעק געטריבען. מיר האט זיך געוואלט זעהן מיט וואס וועט זיך די גאנצע מעשה ענדיגען. איך האב געוואוסט, אז אבו פארעס וועט ניט שווייגען.

— יאלא, שנעלער! — האט אבו־שווארב די שקאפע א טרייב

געטהאָן. שוין מיט'ן פריהמאָרגען זיינען מיר געקומען צו דער קאָלאָניע. פון הינטער דער קאָלאָניע, אז קיינער זאָל אונז ניט זעהען, זיינען מיר צו זיין שטוב צוגעפאָהרען, די ארבייטער־אראַבער די פערד אָבגענעבען און געלייגט זיך שלאָפען.

---

און אויף מאָרגען איז טאַקע געווען פרעהליך. פון גאַנץ פריה אָן איז דער גאַסט־צימער פול געווען מיט אראַבער, וועלכע זיינען אויף אראַבישען אופן, באָרוועסע, מיט די פיס אונטער זיך, געזעסען אויף די אָנגעוואָרפענע קישעלעך און טעפּיכער. איינער האָט געמאַכט קאַווע און אַלעמען דערלאַנגט. אויפשטעהענדיג פון שלאָף האָב איך מיך געאיילט געהן זעהען וואָס דאָרט איז, נור אבו־שוואַרב האָט מיך אויפ'ן וועג איבערגענומען עסען...

בריי̈טלעך איז אבו־שוואַרב ביי דעם טיש געזעסען מיט אַ גאַנץ היבשע משפחה קליינע קינדער. איך האָב איהם ניט דערקענט. דער גאַנצער פּנים האָט זיך ביי איהם געביטען: מען וואָלט גאָר ניט געקענט גלויבען, אז דער מענש איז מיט'ן ביקס אין האַנד גרייט געווען אומקערען זיין האָב און גוטס.

די בלאָנדע באָרד און וואָנצעס האָבען פריעדליך בעשיינט זיין פּנים, וואָס האָט זיך אין גאַנצען געקנייטש אונטער יעדען געלעכטער. ליעבליך האָט ער צו זיין קורצע, גראָבע ווייב געוואונקען ווען יענע האָט געשריען אויף די קינדער.

— טרינק טהעע, גזלן, נאַכט־רויבער! איהר הערט? — האָט ער צו מיר געלאַכט און געוויעזען אין דעם גאַסט־צימער, פון וואַנען עס האָט זיך אַ גאַנץ שטאַרקער זומען געהערט. — אלע וועלען זיי היינט זיין, אלע וועלען זיי קומען, זיי פערשטעהען, אז דאָס איז מיין ארבייט געווען. נאָר זיי וועלען זאָגען אז די „אנז״ האָבען עס געטהאָן.

נעשווינד האָב איך מיט'ן טהעע אָבגע'פּטר'ט און אריין אין גאַסט־צימער. זאַריפ'ן האָב איך שוין דאָ געטראָפען. איך האָב אַלעמען בעגריסט. מיר האָבען זיך פון די ערטער געהויבען און ווייטער געגריסט. מיר האָט מען אויף אַ שאַל ביטערע קאַווע געגעבען

און מען האָט ווייטער צווישען זיך שטיל גערעדט. אַלע ווײלע האָבען זיי געקוקט אויף דער טהיר, געוואַרט. און דאָ איז אַריינ־געגאַנגען אבו שוואַרב. איך האָב ניט געגלויבט מיינע אויגען.

ווי איינער זיינען אַלע אַראַבער אויפגעשטאַנען פון די ערטער. געוואַרט ביז ער וועט צו יעדען צוגעהן און אָבגעבען שלום. אייניגע האָבען אפילו געמאַכט איהם אַנטקעגען אַ פּאָר טריט.

ברייטלעך האָט זיך אבו־שוואַרב צוזעצט אויף די קישעלעך. גלייך האָט מען איהם אַ שאַל קאַווע אונטערגעטראָגען, אַ נאַרגילע געמאַכט און נאָך זיינע רייד האָט מען געזעהן, אַז ער איז גוט בע־קאַנט מיט די אַלע אַראַבער.

ביי אייניגע אַראַבער האָט ער געפרעגט וואָס מאַכט אבו־פּאַרעס, און גלייך איז מען איבערגעגאַנגען צו די „אַנז", וואָס זיי־נען, ווי אַלע יאָהר, געשטאַנען אויף יענער זייט ירדן מיט זייערע טשערעדעס און גמלים און אויך וועגען זייער געשלעג מיט די טשער־קעסען.

— נעכטען האָבען די „אַנז" אַ מיקער (עזעל אַנטרייבער) בערויבט, — האָט זיך איינער פון אבו־פּאַרעס'עס מענשען אָבגע־רופען.

— אַללאַ אַקבאַר, — האָט אַ פעלאַך פון אַ נאָהענטען דאָרף געקרעכצט. — אַן אַנשיקעניש זיינען אויף אונז אַלע יאָהר די „אַנז".

פון אויבען אַראָב האָבען איהם אַלע בעקוקט און אפילו ניט געענטפערט. — דעם יאָהר האָבען די „אַנז" מיך אויך פּערטשע־פּעט. — האָט זיך אבו־שוואַרב אָבגערופען. — זיי האָבען ביי מיר אַ האַלבע טשערעדע צוגענומען. און היינט פאָהר איך צו זיי.

— פיעל שאָדען ברענגען זיי היינטיגען יאָהר, — האָט זיך נאָך איינער אָבגערופען, און וועגען די בהמות האָט מען קיין וואָרט ניט דערמאָהנט.

— מען דאַרף געהען זאַטלען דעם פערד, — איז אבו־שוואַרב פון זיין אָרט אויפגעשטאַנען.

— איהר פאָהרט מיט מיר! — האָט ער מיך מיט איינעם פון אבו־פארעס'עס אראבער איינגעלאַדען.

— אראבישע שטיק, — האָט מיר אבו־שווארב בעמערקט זאַטלענדיג די שקאַפּע.

דער אראבער, וואָס האָט געדארפט מיט אונז פאָהרען, איז ארויס, ער האָט זיך א היבשע צייט געוויילט און אריינגעהענדיג האָט ער אָנגעזאָגט, אז אבו־פארעס קומט אָן. אבו־שווארב האָט זיך געמאכט ניט הערענדיג; אָנגעטהאָן דעם פערד דעם שעהנעם אראבישען געשיער, אויפ'ן האלז אָנגעטהאָן א פיעל־פארביגען באַנד מיט פרענזען. אויפ'ן ברוסט אָנגעבונדען א גאַנצען נעץ, וואָס איז געהאנגען ביז דער ערד. איבער'ן זאָטעל איבערגעוואָרפען דעם טייערען דמשקער הארדז (רייזע־זעקלאך).

— אייל זיך צו, — האָט ער מיר געזאָגט. איז געשווינד אריין אין שטוב און האָט אויף זיך אָנגעטהאָן די בעסטע קליידער, וואָס ער האָט געהאַט. צוויי רעוואָלווערען אָנגעגארטעלט; א שווערד מיט א זילבערנע הענטעל; א לאַנגען מעסער און איבער'ן הארצען ווי א צלם צוויי פּאסען מיט מעשענע פּאטראָנעס; אויפ'ן קאָפּ א גרויסע זיידענע געלע טיכעל, מיט א גוטען שווארצען אגאַל, וואָס איז וואו ניט וואו געווען דורכגעפלאָכטען מיט זילבערנע פּאָדים; די טונקעל־געלע זיידענע אבאַיע נאַכלעסיג אָנגעוואָרפען אויף די פּלייצעס; פון אויבען אָנגעטהאָן דעם גוטען ענגלישען ביקס, וואָס זיינער א פריינד האָט איהם געשענקט; דעם לאַנגען שפּיז גענומען אין האַנט. ער האָט אויסגעזעהען ווי א גרויסער אראבישער שייך אָדער עפענדי, וואָס רעגיערט איבער א גרויסער געגענד מיט פיעלע אראבער־שטאַמען, און ניט ווי א קאָלאָניסט פון א אידישער קאָלאָניע.

זאָריף, מיט וועלכען איך האָב זיך אפילו ניט איבערגעקוקט, האָט איהם צוגעפיהרט די שקאַפּע, צוגעהאַלטען דעם רייט־רימען. לאַנגזאַם האָט זיך אבו־שווארב אין זאָטעל געזעצט, איך נאָך איהם, און מיר זיינען ארויסגעפאָהרען. אלע אראבער זיינען ארויס אונז בעגלייטען.

אבו־שווארב האָט צוהיצט דעם פערד, איבער'ן נאָס אומגעפלויגען, דעם שפּיז אין דער לופט געוואָרפען, איהם געכאַפּט, אָבגעשטעלט דעם פערד אין פולען געלאָף, געמאַכט פערשיעדענע אראַבישע קונצען. די שקאַפּע האָט ניט געקענט רוהען. איהר וואונדערשעהנע קעפּעל אויפ'ן דינעם האַלז האָט זי צו איהם געקעהרט, פאַר דער אבאיע געשלעפּט. עס ווילט זיך איהר שטיפען, שפּרינגען, לויפען. אבו־שווארב האָט צו איהר מילד גערעדט, ליעבליך געגלעט און מיט די אראַבער געשמועסט. ס'האָט אויסגעזעהען אזוי ווי ער ווארט. פון דער ווייטענס האָבען מיר דערהערט רייטער פאָהרען. אבו־שווארב האָט זיך מיט די אראַבער צוזעגענט און מיר זיינען אָבגעפאָהרען. נור דאָ איז פון הינטער דעם ווינקעל, אנטקעגען אונז, אָנגעקומען א גאַנצע מחנה אראַבער, און פאָראויס אלעמען איז געפאָהרען א יונגער אראַבער אין א ווייסער אבאיע, אויף א גרויער שקאַפּע, בעפּוצט און בעהאַנגען, אויפ'ן אראַבישען אופן. אויף זיין טונקעלען געזיכט א קליין שווארץ בערדעל, זיינע גרויסע אויגען האָבען פערדעקט א רויטע טיכעל. פון דעם נאָז ביז'ן מויל האָט זיך געזעהען א פערהיילטער שניט.

— אבו־פאַרעס! — האָבען אלע אראַבער אויסגערעדט מיט רעספּעקט. מיר זיינען זיך צונויפגעפאָהרען, איינער דעם צווייטען שלום עליכם אָבגעגעבען. די אראַבער האָבען אונז ארומגערינגעלט.

— איתפאַדאל, — האָט זיך אבו־שווארב אומגעקעהרט און אלעמען אין שטוב אריינגעבעטען. איך האָב זיין שקאַפּע צוגענומען. די אראַבער האָבען די שקאַפּע פון אבו־פאַרעס צוגענומען.

— וואוהין ביסטו געפאָהרען? — האָט אבו־פאַרעס געפרעגט.

— צו די „אנז" נאָך די בהמות — האָט אבו־שווארב געענטפערט.

— איך וועל מיט דיר מיטפאָהרען — איז אבו־פאַרעס אין שטוב אריינגעגאַנגען.

ווי א בן מלך האָט איהם אבו־שווארב אויפגענומען, געהייסען

קוילענען א שאָף, די פערד האָט ער גענעבען האָבער, ער אַליין מיט זיינע הענט האָט צוגענומען ביי אבו־פּארעס דאָס געוועהר, אָנגע־וואָרפען א בארג קישענס און פערשפּרייט א גרויסע ווייסע קאָלדרע. אבו־פּארעס זיצט אויבען־אָן, נעבען איהם אבו־שווארב און שאָפּט זיך מיט זיינע אראבער, וואָס דערלאַנגען קאָפּע. זיי גרייטען עסען, קאָכען דעם שעפּס. איך זיץ נעבען אבו־שווארב.

— מיר וועלען שוין אָנלערנען די „אנז“, די „אקרוט“ — האָט ווי אין כעס אויסגערעדט אבו־פּארעס.

— מא ליעש, אַללא קערים! (עס מאכט ניט, נאָט איז בארמ־הערציג!) — האָט קאַלט־בלוטיג אבו־שווארב אָבגעענטפערט. — פריהער וועלען מיר ברויט און זאַלץ עסען.

אויף קליינע נידריגע טישלעך האָט מען דערלאַנגט אָנגעבראָק־טע שטיקלעך פלייש מיט מצות. אבו־פּארעס׳ן האָט מען בעזונדער דערלאַנגט, אבו־שווארב האָט מיר א וואונק געטהאָן, איך זאָל ארויסגעהן.

— נאָכ׳ן עסען, זאָלסט דו פאָהרען צו איבראהימען און הייסען ברענגען די בהמות — האָט ער קורץ געזאָגט און מיר זיינען צוריק אריינגעגאַנגען.

איינער פון די ארבייטער האָט אריינגעבראַכט א קרוג וואַסער מיט א שיסעל און אָנחויבענדיג פון אבו־פּארעס, האָט ער צוטראָגען יעדען בעזונדער, מען זאָל וואשען די הענד און שווענקען די מיילער. מיט די פינגער האָט מען זיך צו דער ארבייט גענומען. איך האָב אויך גענעסען.

זעהר גיך עסען אראבער, איבערהויפּט פלייש און זעהר גע־שווינד האָבען מיר עסען געענדיגט. ווי מען האָט נאָר קאווע דער־לאַנגט, בין איך ארויסגעגאַנגען. רייטענדיג אויף דעם רויטען לאָ־שעק בין איך צו איבראהימען געקומען און אַלעס דערצעהלט. איב־ראהים האָט געשמייכעלט און געהייסען נאָך א פּאָר טשערקעסען טרייבען די בהמות. איך בין געבליבען אין יסוד המעלה.

פארנאַכט־צו איז אבו־שווארב געקומען און האָט לאַכענדיג געפרעגט:

— ווי געפעלט אייך די שטיקעל ארבייט? איהר מיינט, אז זיי ווייסען ניט, ווער עס האט די בהמות צוגענומען? נאר פאלי־טיק: מען מוז שווייגען... איך בין מיט איהם ווייטער גוטער ברודער געווארען. ער האט מיר צעהן ציגען געשענקט.

— וואס וועט איהר איצט טהאן?

— איך וויל פאהרען נאך די אייער. — האב איך איהם קורץ געענטפערט.

— נאך די אייער? — האט ער מיט'ן קאפ געשאקעלט. — עס איז גאנץ שווערליך, — די „אנז" האבען אלע וועגען פערנומען. אבער איך וועל מיט אייך שיקען זאריפ'ן. ער וועט מיט אייך פאהרען צו דער תעממע.

אין דער צייט האט אונז איבראהים גערופען עסען: ער האט פאר אונז וועטשערע געמאכט. נאך'ן עסען האט אבו־שווארב אויס־געטהאן דעם רעוואלווער מיט'ן גרויסען מעסער. זיי האבען זיך צוקושט און איבראהים האט עס גלייך אויף זיך אנגעטהאן.

— צום ערשטען וועל איך עס אויף די הינד, די „אנז" פרו־בען — האט ער מיט'ן מעסער געפאכט.

— איהר פאהרט צו די „אנז"? —

— זיי האבען צוויי טשערקעסען גע'הרג'עט — איז איברא־הים'ס שווארצער, טרוקענער פנים געווארען גראה.

— איך פאהר מיט אייך, — האט אבו־שווארב געזאגט.

— ניין! — האט איבראהים געענטפערט. — איך אליין וועל זיך מיט די הינד, די „אנז", אברעכענען.

— וויפיעל מענשען פאהרט איהר?

— פינף.

— איהר בלייבט דא? — האט אבו־שווארב געפרעגט, ווען מיר האבען זיך צוזעגענט מיט די טשערקעסען. ער איז געפאהרען אהיים.

— ניין! איך וועל מארגען ווארטען אויף זאריפ'ן אין משמר הירדן — האבען מיר אונז צוזעגענט.

איך האב מיך ניט געוואלט אומקעהרען, בין אריין צו א קאלא־

ניסט און געלעגט זיך שלאָפען: פון דער נאַכט זעהר מיער געווען. אויף צו מאָרגענס האָב איך זיך געקליבען נאָך די אייער פון שוואר־צען קראה.

---

.2

נאָך האַלבען טאָג בין איך געקומען אין משמר הירדן. זאריף האָט שוין געוואַרט אויף מיר. ער האָט מיט זיך געבראַכט צוויי פערד, און מיר זיינען ארויסגעפאָהרען זוכען די אייער פון שוואר־צען קראה.

א שווערען איינדרוק מאכען די גלעד'ער בערג. א וויסטער גע־גענד, א גאַנצען טאָג בעגעגענט מען קיינעם ניט אין וועג, און אויב יא, איז מען זיכער, אז דאָס איז א רויבער. וויט איינס פון דעם צווייטען ליגען צוואָרפען די אראבישע ביידלעך און דערפער. גרויסע טשערעדעס שאָף און גמלים זיינען אין די בערג און טהאָלען צושאָטען. זעהר שווער קען מען געפינען וואסער, איבערהויפּט זומער, ווען אלעס ווערט פערברענט און פערטריקענט פון די היצען. אין א פערבאָרגענעם שטיין אָדער לאָך, וואָס נור דער אראבער אליין וויים, קען מען געפינען אביסעל רעגען־וואסער.

אָבער גאָר אנדערש איז געווען די צייט בעת מיר זיינען גע־פאָהרען. די לופט איז געווען פייכט. אין אלע שטיינער, טאָלען און לעכער האָט געשפּיגעלט און געשימערט דאָס וואסער געגען דער זון. די בערג זיינען געווען גרין און אפילו די לופט, וועלכע איז דעם גאַנצען זומער טויט אָהן שום בעוועגונג, איז איצט פול געווען מיט אלערליי געזאַנג און קולות, וואָס הילכען ביז'ן הימעל. און דאָרט וויים אין דער הויך זעהט מען גאַנצע מחנות גרויסע פייגעל. אין א שפּיציגען דריי־ווינקעל פליהען זיי ערגיץ אין אן אָרט, נור פאר זיי בעוואוסט.

רוהיג געהען אונזערע פערד און שאָקלען מיט די קעפּ. זאריף האָט ביז די אויגען פערוויקעלט זיין פּנים. איך האָב עס אויך גע־טהאָן. עס איז שוין גאַנץ שפּעט געווען. ער האָט אפילו ניט גע־

פרעגט ווער איך בין. מיר האבען געשוויגען, עס האט זיך טאקי ניט געוואלט רעדען.

א מאדנע מיעדקייט, א זיסער דרעמעל, א גרינגער חלום, ווי מען וואלט מיך געוויעגט, בין איך געזעסען אין זאטעל און זיך גע־שאקעלט מיט דעם געמיטליך־רוהיגען טראט פון דעם פערד.

די אונגעשטערטע, טיפע און דאך לעבעדיגע שטילקייט, וואס האט זיך פלוצלונג אראבגעלאזען אויף די בערג האט איך אונז אריינגעכאפט און פעסט געהאלטען אין איהר נעץ. געפיהלט הא־בען דאס די פערד און צייטענווייז געקעהרט צו אונז זייערע קעפ, ווי זיי וואלטען אונז אויפמערקזאם געמאכט און געהייסען טהאן דאס, וואס די גאנצע ארומיגע וועלט טהוט — מיט זיי צוזאמען רוהען.

גאנץ ווייט, אויף דעם רעכטען ווינקעל־ראנד, וואו די ערד מיט'ן הימעל האבען זיך בעגעגענט, האט מען געזעהען טשערעדעס, וועלכע זיינען איילענדיג געלאפען צו זייערע ביידלאך, און די שוואר־צע געשטאלט פון דעם אראבער, דעם פאסטוך, האט זיך ווי א זעגעל אויף קליינע כוואליעס געהויבען איבער די ווייסע שאף. אלץ נידריגער און נידריגער האט זיך הינטער אונז אראבגעלאזען די זון. לאנגע שאטענס פון די בערג און פעלזען און אויך פון אונזערע פערד און רייטערס האבען זיך געצויגען איבער דער ערד; א שטראהל האט זיך אויף איינינע הויגלען פערהאלטען, אבער גלייך איז ער אויך ניט געווארען. ס'איז נאכט.

אבגעהאקט האט איינינע מאל א נאכט־פויגעל אויסגעשריען. ס'איז קאלט געווארען. איך האב ניט געפרעגט וואוהין מיר פאה־רען, האב מיך אויף זאריפ'ן פערלאזען. שוין פיעלע שטונדען ווי מיר פאהרען און ער טראכט זיך ניט אבשטעלען ביי די ביידלעך, וואס מיר האבען געזעהען אויפ'ן וועג. די גאנצע צייט איז ער גע־פאהרען אין איין ריכטונג, אזוי ווי ער איז שוין דא איין מאל געוועז.

פון ערגיץ האט זיך א זינגען געהערט. זאריף האט דעם פערד צוגעשטעלט, איינגעהערט זיך און דעם וועג געביטען, נאכ'ן

קול געפּאָהרען; הינטער אַ קליינעם בערגעל האָבען מיר דערזעהען אַראַבישעביידלעך.

מיט אַ שטאַרקען בילען האָבען אונז באַגעגענט די גרויסע קאַדלאַטע הינד. אין די ביידלעך איז מען שוין געשלאָפען. אַרום אַ פייער זיינען אייניגע אַראַבער געזעסען. די טשערעדעס זיינען אויף דער ביינאַכטיגער פּאַשע אַרויסגעטריעבען. אייניגע אָנגעזאָטעלטע פערד שטעהען ביי די ביידלעך.

דערזעהענדיג אונז האָט זיך אַן אַראַבער אויפגעהויבען פון פייער, עפּים געדעדט מיט זאַריפ'ן און צוריק זיך געזעצט. זאַריף איז געפּאָהרען ווייטער.

אַלץ פינסטערער און פינסטערער. ווי אונפאָרמיגע קופּעס האָט מען פאַר זיך געזעהען די בערג. די לופט האָט זיך ניט גערירט. דער שאַקאַל האָט געשוויגען, און פּלוצים... אַזוי ווי פון דער נאַכט, אָט פון יענעם הימעל, וואָס איז געלעגען איבער אונזערע קעפּ, האָט זיך דערהערט אַ קול. אַ קול פול ליידענשאַפט און ליידען, פול צער און צאָרן, פול רציחה און מילדקייט, שטרענגקייט און צערטליכקייט.

דריי אָבגעהאַקטע קולות: אַן אויסרוף, אַן אויסגעשריי, אַ קרעכץ, און עס איז ווייטער שטיל, און ווידער איז רוהיג די אויפגעציטערטע שטילקייט, וואָס נעהמט אונז אַרום אַזוי ליעבליך. — אוף יאַ ליעל, או או, אוף יאַלעעל! — האָט זיך ווייטער צוטראָגען, נאָך שטאַרקער, שרייענדיגער און שאַרפער, מיט אַ טיטאַנישע ביינקשאַפט, מילדקייט, און ווייטער אָבגעריסען.

ווי פון אַן עלעקטרישען שטראָם האָט מיך דער געשריי אויפגעטרייסעלט, די צוים איז פון מיין האַנד אַרויסגעפאַלען, מאַכטלאָז ווי אַ קינד בין איך געזעסען, איינהערענדיג זיך אין דעם קרעכצען, וואָס האָט זיך געטראָגען איבער מיין קאָפּ אַלץ שטילער און שטילער, ביז עס איז אַנטשוויגען געוואָרען אין דער הויך, אין דער הויך.

— אַה, יאַ ליעל! — האָט זיך ווי פון אַ גרויסען פעלז אָבגעריסען אַ געשריי און מיט אימפּעט אין אָבגרונד געפאַלען. איך בין שיער ניט אַרונטערגעפאַלען פון פערד, וועלכער האָט אַ פּאָר אונ־

רוהיגע טריט געמאַכט. איינציגע קולות פון אַ חאַרחלענדיגע האַלז, ווי אַן אָדלער־געשריי, האָבען ניט אויפגעהערט איינס נאָך דעם צווייטען פאַלען געבען מיר . איך האָב מיך אומגעקוקט. זאריף איז געזעסען אויף זיין פערד, זיך געשאָקעלט אין אַלע זייטען, זיין פנים צום הימעל געהויבען און ברייט די אויגען געעפענט, אָבגע־וואַרפען אַ ברעג פון דער טיכעל און מיט דעם צווייטען עק פאַר־דעקט זיין מויל, פון וואָס נאָך פולער און אין דער אייגענער צייט פערדומפּפטער האָט געקלונגען זיין קול.

— אוף יאַ ליעל, יאַ ליעלעל, יאַ ליעל! — האָט ער ניט אויפ־געהערט צו קרעכצען, די צווייטע זייט טיכעל פון מויל אָבגעוואָרפען און פריי האָט זיך זיין קול צוטראָגען. געבליצט האָבען זיינע צייהן אין דער פינסטער, געדונקעלט זיין געזיכט, מען האָט ניט געקענט מערקען ווי ער זינגט, נאָר אַן אָפענעם מויל האָט מען געזעהען.

— אָה יאַ ליי־ע־ע־עלל! — האָט ער זיך אַלץ מעהר פער־נאַנגען און פערצויגען און מיט אַ מאָל אָבגעריסען, און נאָך אַ קליי־נעם שווייגען אָנגעהויבען:

צוויי פון איין שטאַם זיינען זיי געוועז,
צוויי צו איין משפחה האָבען זיי געהערט,
אויף איין בארג זיינען זיי געזעסען,
פון איין קוואַל וואַסער געטרונקען,
אויף דיזעלבע פעלדער די טשערעדעס געפיטערט.
געאַכטעט פון דער וועלט איז אַבו־רוּמח געוועז,
פון אַלע וואָס האָבען איהם געהערט און געזעהען.
ווייט האָט זיין אמת געקלונגען, פיעל פריינד האָט ער געהאַט.
און אויך געליעבט איז אַבו־דגן געוועז,
די הינד בני־סחר האָבען זיין פנים געווייכט.
די ברכה פון דעם נביא האָט אויף זיי גערוהט,
געבענשט דער שווארצער בארג וואו זייערע געצעלטען שטעהען.
די קליינע בינט־על־טמר, די טאָכטער פון אַבו־רוּמח,
דער קליינער זאריף, דער זוהן פון אַבו־דגן,

האָבען צוזאַמען די טשערעדעס געפיטערט.
עס געהען די יאָהרען:
זיין אָרט האָט דער באַרג ניט געביטען,
די צייט האָט איהם ניט געצייכענט,
נאָר אַלט איז אבו־רומח געוואָרען.
ער וואַרט ביי דער טהיר פון זיין ביידעל
אויף דעם גאַסט, וואָס אַללאַ וועט איהם שיקען.
אויך אבו־דגן איז פון דער צייט ניט אַנטלאָפען,
מיט די בליהונג פון מאַנדלען איז זיין באָרד באַשאָטען.
פאַר'ן שוועל פון געצעלט הייבט ער צום נביא די הענד
און וואַרט אויף זיין רוה.
און די טשערעדעס פיטערען ניט די קינדער,
אין געצעלט פון דעם פאָטער זיצט בינת־על־טמר.
ווי דער טייטעל אין וויסטע איז בינת־על־טמר געוואָרען.
אויך זאריף טראָגט דעם אנאַל אויף א זייט,
מיט שפּראָצונג פון מאַנשאַפט איז זיין ליפּ בעדעקט,
דעם ביקס, זיין פריינד, לאָזט ער ניט פון האַנד,
מיט פרייד בענגענט די שקאַפּע זיין שטים.
פיעל גמלים, שאָף האָט ער צו זיין פאָטער געבראַכט,
קלינגט זיין נאָמען ווייט אין דער וועלט —
דער נאָמען איבן־יוסף אבו־דגן.
און איבן־יוסף האָט דעם פאָטער געזאָגט:
די ערד פון די סחר האָט מיין פערד געטראָטען,
פון אינסוריה די בערג האָבען מיין תפילה פערנומען,
די וואַסערען פון דזעש האָבען מיין פּנים געשפּיעגעלט,
פון דרוז די טהאָלען — מיין קול געהערט.
די צייט איז געקומען, מיין געצעלט וויל איך שטעלען,
זאָל די טאָכטער פון אבו־רומח מיין אויוועז הייצען,
די טאָכטער פון דעם טייטעל מיין ברויט באַקען.
עס בענקט נאָך איהר מיין פערד.

דעם גמל דעם געלען האָט אבו־דגן געזאָטעלט,
פון וואָל דעם ברוסט־באַנד אויף זיין הארצען געבונדען,
שאַלען, טעפּיכער אויף זיין רוקען געוואָרפען,
די זקנים פערזאַמעלט, צו אבו־רומח געשיקט.
מיט געביינענע קעפּ האָבען די זקנים געקעהרט.
צו דער ערד האָט גמל זיין האַלז אָבגעלאָזען,
שטומען די מעשענע גלעקלאַך אויף איהם.
און גערעדט האָבען די זקנים, געזאָגט:
אויפ'ן שוועל פון אבו־רומח האָבען מיר ברויט געגעסען,
דער ריח פון פלייש האָט זיך איבער אונז געטראָגען,
געפּרעגט האָבען מיר איהם:
וואַקסט אין דיין ביידעל דער טייטעל פון וויסטע,
רויט זיינען די פּרות פון דער זון אָנגעזאָפּטע,
ברייט צוואָרפט דער טאַמאַריסק זיינע צווייגען —
אין דעם אויוּוען פון איבן־דגן איז ברויט ניט געבאַקען.
מיט דעם הייליגען נאָמען האָט אונז אבו־רומח געשוואָרען:
הויך איז דער טייטעל צום הימעל געהויבען,
ווייט האָט דער טאַמאַריסק דעם שאָטען צוצויגען,
קאַלט איז ביי מיין קרוב אבו־זעלעף דער אויוּוען,
זיין לאָשעק, דער קליינער, האָט מיין וואַסער געטרונקען.
אין ביידעל האָט זיך איבן־יוסף געלעגט,
אויף האַזזאַ*) ניט געגאַנגען, דעם ביקס אויפגעהאָנגען,
דעם פערד ניט געפּעסטעט, דעם זאָטעל געלאָזען,
מיט דער אבאיע זיין פּנים פערדעקט.
געקומען איז דער טאָג פון דעם וואַשען.
אויף בינט־על־טמר איז וואַשען געקומען.
און אַ שטים האָט פון די בערג געקלונגען:
„בערג, איהר בערג! מיינע עדות זיינט איהר!
אין וואַסער בינט־על־טמר האָט איהרע קליידער געוואָרפען,

*) אויף האַזזאַ — אויף רויב.

אויף זיך מיין העמד האָט בינט־על־טמר גענומען,
איהרע אקסלען האָט בינט־על־טמר מיט מיין טאַב באַדעקט".
ווי דער ראָזאל*) איז בינט־על־טמר פון וואסער געלאָפען.
און ווייטער האָט איבן־יוסף געטרויערט.
און אם־יוסף, זיין באַבע, איז איהם טרייסטען געקומען,
א שטעקען האָט איהר די צייט געגעבען,
די יאָהרען האָבען זי צו דער ערד געבויגען,
און געזאָגט האָט זי איהם:
מיט דעם נאָמען פון נביא, מיין זוהן,
מיט דעם הייליגען אללא און קאָראן
זאָג מיר וואָס פרעסט דיין הארצען?
הילכט דיין נאָמען אויף דער וועלט,
פאַר דיין אויסזעהן אנטלויפען די פיינד,
פיעל גמלים און שאָף אין די פעלדער,
און פעסט איז דער רומח אין דיין האַנד.
געוויינט האָט איבן־יוסף:
ניט גמלים און שאָף אין די פעלדער,
ניט דעם רויב אויף די וועגען און בערג,
ניט דעם רומח וועט האלטען מיין האַנד,
ווען בינט־על־טמר וועט מיין ברייט ניט באַקען.
און ווייטער האָט די אַלטע גערעדט:
שעהן און שטאָלץ זיינען די טעכטער פון אחוואַטווע,
דער טוי פון פריהמאָרגען האָט זייערע לייבער געוואשען,
דער הויך פון די בערג האָט זייערע קערפּערס געבאָדען.
מיין הארץ איז פערברענט — האָט איבן־יוסף געקלאָגט.
דער קלאַנג פון בינט־על־טמר פערפאָלגט מיר נאָך איצט.
וואו זיינען די טעג — זי האָט מיר קראַנצען געפלאָכטען,
וואו איז דער טאַמאַריסק, וואָס האָט אונז אין שאָטען געהאלטען?
איינזאַם איז דער באַרג, אליין דער טאַמאַריסק,

---

*) ראָזאל — סערנע.

טרויעריג בלאַנדושען די שעפּסען אין די פעלזען,
ניט געקיהלט איז מיין הארץ,
פינסטער זיינען מיינע אויגען,
פרעמד איז מיר מיין פערד
און דער שווערט ביי דער זייט,
אַ יאליעל, יא יעל, יא ליעל!

האָב איך געהערט ווי איבן־יוסף האָט געוויינט.

— אַ, דו נאכט! — האָט ער געבעטען די אַלטע באבע, זי זאָל איהם העלפען.

— אַ, דו נאכט, דו נאכט! — האָט ניט אויפגעהערט קלינגען אין מיינע אויערען.

מיין הארץ איז פער'שרפ'עט,
די אויגען פערגאָסען,
טויב זיינען מיינע אויערן,
דער טאָב ברענט מיר מיין לייב.

אַ, דו נאכט! — האָט ער געשריען, געשאָלטען און געקריצט מיט די צייהן.

ווי פון אַ כשוף האָט מיך מיין פערד אויפגעוועקט. די צוים איז פון מיין האנד ארויסגעפאַלען און מיט די פאָדערשטע פיס האָט ער זיך פערפלאָנטערט. איך בין אראָבגעקראָכען, אויפגעהויבען די צוים און צוריקזועצענדיג זיך, דעריאָגט זאריפ'ן. ער האָט זיך אומ געקוקט.

— וואָס האָסטו געזוכט? — ער האָט ניט געענטפערט.

פון אַלע זייטען האָט אויף אונז געלויערט די נאכט. אַ שטילע, אַ רוהיגע האָט זי אויף אונז פון הימעל געקוקט, פון די בערג געהיט און פון די טהאָלען געקראָכען. גאַנץ שטארק האָט שוין דער ווינד געבלאָזען. פעסטער האָב איך זיך אין דער אבאיע איינגעדרעהט. ווי די פליגעל פון אַ גרויסען שווארצען פויגעל זיינען די ברענען

פון זאריפ'ס אבאיע ארומגעפלויגען. פלוצים האָט ער דעם פערד א טרייב געטהאָן און ווי א טייוועל האָט ער זיך אָנגעהויבען אומ־טראָגען אהין און צוריק, מיט דעם שווערד געפּאַכט און געשריען, געשריען.

מיין פערד האָט אויך אָנגעהויבען טאַנצען א צורייצטער פון זיין לויפען. איך האָב איהם קוים איינגעהאַלטען.

— קיף יא חאוואדזא! (מיין הער!) — איז ער צו מיר צו־געלאָפען און דעם פערד אויף אַלע פיער פיס געשטעלט.

— לויף נאָך מיר! — האָט ער זיך ווייטער פון אָרט א ריס געטהאָן, מיין פערד נאָך איהם און אזוי זיינען מיר איינער נאָכ'ן צווייטען נאָכגעלאָפען.

א מאָדנער געפיהל האָט מיך ארומגעכאַפּט, א געפיהל וואָס האָט מיין הארץ אזוי צושפּרייט, אז אָט אָט ווערט עס צושפּרונגען.

מיט א ווילדען געשריי בין איך זאריפ'ן נאָכגעלאָפען, מיין ביקס האָב איך איבער'ן קאָפּ געדרעהט. אן אונגעהייערע קראַפט האָט מיך בעהערשט. די בערג וואָלט איך געקענט איבערקעהרען. צוויי מאָל האָב איך פון מיין ביקס אויסגעשאָסען און מיט א שאַר־פען זוממ... זיינען די קוילען אין דער הויך אַנטלאָפען.

— מען דאַרף ניט שיסען! — איז זאריף צוגעלאָפען א צאָרנדיגער און שטיל זיינען מיר געפאָהרען ווייטער.

דער שאָס, וואָס האָט די נאכט און די בערג אויפגעוועקט, האָט ביי אונז די גאַנצע פרייד צוגענומען.

קיינעם האָט מען ניט געזעהען און ניט געהערט אין דער נאכט. ווען ניט ווען זעהט מען דורכלויפען א שאָטען, א דעבע אָדער א פיקסעל. די נאַכט־פויגעל, די „בומע", זאָגט אַלעמען אָן, אז מיר פאָהרען און אויך אונז ווען פרעמדע קומען אָן. קיין בייד־לעך, קיין מענשען. די וועלט שלאָפט.

און ווייטער האָט זאריף אָנגעהויבען זינגען, און ווייטער האָט ער געזיפצט און צו דער נאכט געטרויערט.

— וואָס איז דאָס ליעד? — האָב איך איהם איינינגע מאָל איבערגעפרעגט.

ער האָט געשוויגען. נאָר פערוואָרפענדיג דאָס טיכעל אויף הינ־טען האָט ער ווייטער געזונגען. איינינגע מאָל האָט ער די ווערטער פון איבן־יוסף איבערגע'חזר'ט, אזוי ווי ער אליין איז איבן־יוסף און ווי ער האָט עס די מיידעל ליעב געהאַט.

און העכער האָט ער זיין קול געהויבען, שטאַרקער האָט זיין שטים געקלונגען. און געזונגען האָט ער ווייטער:

אין זייןביידעל איז איבן־יוסף געלעגען,
קיין עסען, קיין טרינקען גענומען,
בלאָס איז זיין פנים געוואָרען
און גערעדט האָט די אלטע אם־יוסף:
דיינע אויערען צו מיר זאָלסטו קעהרען,
דיינע אויגען צו מיר זאָלסטו ווענדען,
מיינע רייד אין דיין הארצען פערנעהמען;
עס נעהמט קיין געלד אבן־דומה!
א פּאָאר טעג זאָלסטו ליגען און נעכט,
פאר געשטאָרבען זאָלסטו מאכען דיין גוף,
די זקנים שייכ'עס פערזאמלען
און ריידען צו זייער הארצען אזוי:
שטארק איז איזראַין אין זיין הערשאפט
און שטארק איז דער קיפּארים אויפ'ן פעלז,
פיעל צווייגען און שאָטען פערשפרייט ער,
פאר די חיות און פייגלאך אונטער איהם.
אָבער דער טאמאריסק דער יונגער
ער האָט קיין צווייגען, קיין שאָטען,
און עלענד, פון דער זון א פערברענטער,
ווערט ער פון דער וועלט פערשוואונדען.

און אזוי האָט איבן־יוסף געטהאָן.
די שייכ'עס, דערוישען, משפחה גערופען,
גערעדט צו זיי און געזאָגט:
מיין צייט איז געקומען, איזראַין שטעהט מיר צו קאָפּענס.

מיט דעם נאָמען פון נביא און הייליגען קאָראַן
אויף דעם גמל, דעם געלען, זאָלט איהר מיך אָנלאָדען,
דעם רומח, דעם שווערד, מיין ביקס אויפלעגען,
צום טאַמאַריסק זאָל מיך פיהרען דער שייך.
ביי דעם שוועל פון אבן־רומח זאָל קניען דער גמל,
און אַזוי זאָלט איהר ריידען צו איהם:
שוואַך איז דער בוים, וואָס האָט ניט קיין וואָרצלען,
פערגעסען ווערט דער בוים, וואָס האָט קיין צווייגען, קיין שאָטען,
הויך איז דער טמר צו דער זון אויפגעהויבען,
ניעדריג צו דער ערד האָט דער טאַמאַריקס זיין קאָפּ אָנגעבויגען.
און אַזוי איז געווען:
געקניעט האָט דער גמל ביים געצעלט אבו־רומח'ס,
געהויבען האָט דער שייך די הענד צום הימעל
און געזאָגט:
ווייט אין דער וועלט קלינגט דער נאָמען פון אַללאַ,
דער נאָמען פון זיין נביא און דעם הייליגען בוך,
געזאָגט האָט ער אונז ביי דעם שטיין פון קאאבא,
מיט דער ליעבע צום פריינד וועסט דו קומען אין גן עדן.
אין גן עדן וועט קומען, ווער האָט צווייגען געלאָזען.
ווי חאַשיש*) אין פעלד איז דער מאַן אָהן דער פרוי.
און ארוים איז אבו־רומח דער אַלטער:
גרוים איז דער באַרג, אויף וועלכען מיר זיצען,
זים זיינען די וואַסערען, וועלכע מיר טרינקען,
פיעל האָבען מיר וואָרצלען אין דער ערד צוגעצויגען,
און ווייט האָבען מיר אונזער שאָטען פערשפּרייט,
פון ווייטען קוקט איהם נאָך דער געהער צו־פוס,
אין האַלבען טאָג, ווען די זון איז אין מיטען;
און הענגט אין זיינע צווייגען די תפילה
אויף דער נאַכט, ווען די זון געהט אונטער;

---

*) חאַשיש — אַ ווילדע גראָז.

ביי דער באָרד פון מיין פאָטער און מיין טאָכטער בינט־על־טמר
רוף איך צו דיר, אַללאַ, און צום הייליגען נביא,
דעם בכור פון שעפסען און גמל דעם שווארצען
גיב איך דיינע דערווישען, דיינע שלוחים;
הונדערט מאָס וויין, פופציג מאָס גערשט,
פינף זעק דורע וועל איך אָרימע צוטיילען,
איבן־יוסף זאָל זיך צו אונז אומקעהרען.
אָבער רוהיג איז דער גמל געלעגען,
ווי פריהער האָבען ווייבער געקלאָגט
און ווייט האָט זיך זייער געוויין צוטראָגען
איבער'ן באַרג צו דעם הימעל און וואָלקענס.

אַללאַ, וואָס האָט דעם נביא געפיהרט,
די וועלט אונטערטהעניגט און זיין קראַפט געוויזען,
וויז דיין גרויסקייט און גיב אונז אָב איבן־יוסף.
דעם לאָשעק פון צוויי יאָהר, גיב איך מיין נדר,
צו דיין הייליגען הויז אין מדנה צו פיהרען.

און אַ נס איז געשעהן:
דער טויטער האָט זיך גערוהרט, געציטערט...
און געשריען האָט אבן־דגן:
היי אבו־רומח, דער פאָטער פון טמר!
ניט שטאַרקער איז די ליעבע פון גרויזאַמען טויט!
אומזיסט איז דיין בעטען, אומזיסט איז דיין שרייען,
איזראַין לאָזט ניט אָב זיינע קנעכט פון דער תפיסה.
גרויס איז דיין זינד פאַר דיין גאָט און זיין נביא.
דיין רומח האָט אבו־דגן געטראָפען:
דער טמר האָט דעם טאַמאַריסק אומגעוואָרפען.

און געּרופען האָט דער אַלטער אבו־רומח:
מיט דער באָרד פון דעם נביא און זיינע הייליגע טריט,
ניט געוואָלט האָט דער רומח אבו־דגן טרעפען,
עס קען ניט דער טמר דעם טאַמאַריסק אומוואַרפען.

גרויס איז אַללאַ און גרויס זיינע מעשים.
ניט עסען וועט דער מענש פון טמר די פרוכט,
פאַר'ן טאַמאַריסק און אויסלייז וועט דער טמר זיין...
און אַללאַ האָט זיין וואונדער געוויזען,
פון דעם אָרט האָט זיך איבן־יוסף געהויבען,
און וואַסער צום טרינקען געבעטען...

---

זאַריף איז אַנטשוויגען געוואָרען!

געשוויגען האָט אַלעם אַרום, אַזוי ווי די נאַכט וואָלט זיך נאָך איינגעהערט און בעוואונדערט דעם נס, וואָס אַללאַ האָט געטהאָן. ניט רעדענדיג בין איך זאַריפ'ן נאָכגעפאָהרען, שטיל פאַר זיך אַליין האָט ער נאָך עפּיס געמורמעלט. איך האָב ניט געקענט פערשטעהן וואָס.

שוין שפּעט ביי'ן טאָג זיינען מיר ניעדריגער פון „זגום" צו דעם ים כנרת אַראָבגעפאָהרען. אויף מיין גליק האָב איך דאָרט געטראָפען אַ שיפעל, וואָס איז געקומען נעהמען האַלץ. איך האָב מיך מיט זאַריפ'ן געזעגענט און מיט דער שיפעל אויפ'ן צווייטען זייט אין טבריה איבערגעפאָהרען און פון דאָרט אין ירושלים.

מיר האָבען ניט געקענט פאָהרען זוכען די אייער ווייל דער גאַנ־צער וועג איז געווען פאַרשטעלט פון די „אַנז", וואָס האָבען קיינעם ניט דורכגעלאָזען.

---

## נאַכ'ן טיגער.

האָס האָט מיט מיר געטראָפען אין דער צייט, ווי איך בין נאָר וואָס געוואָרען אַ יעגער. שולדיג אין דעם איז דער נאָמען „אַבו־נימער" (דער טאַטע פון'ם טיגער) וואָס מיינער אַ בעקאַנטער אַראַבער האָט געטראָגען.

איך האָב פיעלע בעקאַנטע אַראַבער און אויך גוטע פריינד, וואָס הייסען אַלץ טאַטעס פון חיות, ווי צום ביישפּיעל: „אַבו־

דעבע (דער טאטע פון דער ניענע), אדער „אבו־טאהר" (דער טאטע פון דעם אקס), אדער גאר „אבו־דזשאמאל" (דער טאטע פון א גמל). איך האב אפילו געהאט בעקאנטע אראבער, וואס האבען געהייסען „אבו־דיאחעש" (דער טאטע פון עזעל). און צוויי אראבער, גאר נאהענטע פריינד מיינע, האבען גאר געהייסען, איינער „אבו־באסאליע" (דער טאטע פון ציבעלע) און דער צווייטער — „אבו טאממי" (דער טאטע פון קנאבעל). די אלע נעמען האבען מיך קיינמאל ניט געאארט. די אלע אראבער זיינען געווען אזעלכע געזונטע, שלאנקע, הויכע האבען געהאט צו צוויי, דריי ווייבער. געגאנגען אלע נאכט אויף די וועגען, מיט איין ווארט, העלדען.

אבער גאר אנדערש איז געווען, ווען איך האב געהערט דעם נאמען „אבו־נימער". דער אראבער אליין, וואס האט דעם נאמען געטראגען, איז געווען א פערזעהעניש: קליין, קורץ, דאר. אנגעטהאן אין א צוריסענע העמד, האט ניט קיין ביקס, און ביינאכט וועט ער ניט ארויסגעהן אליין, אוים מורא. ער האט ניט קיין ווייב און דיענט אלס פאסטוך ביי שייך אחמעד.

ביי די אראבער איז ניט איינגעפיהרט, אז מען זאל א שנאה ארויסווייזען אפען. עס איז ניט דער מנהג. אבער ביי מיר האט זיך עס גאנץ אפען ארויסגעריסען. אייגענטליך, האב איך דעם אראבער ניט פיינט געהאט. ווען מיר פלעגען אלע זיצען און איך האב ניט געהערט זיין נאמען, האט עס מיך ניט געאארט. אבער האט מען נאר „אבו־נימער" געזאגט, אזוי האב איך שוין ניט געקענט איינזיצען. מיך האט שרעקליך געערגערט פאר דער גרויסער, שעהנער חיה, וואס האט אזא טאטען א פערזעהעניש.

— פאר וואס הייסטו „אבו־נימער"? — בין איך צו איהם איינמאל צוגעשטאנען.

— איך ווייס?... — האט ער מיך אנגעקוקט.

— דו ווייסט ניט פארוואס דו טראגסט דעם נאמען „אבו־נימער?" — האב איך איהם איבערגעפרעגט. ער האט געקוועטשט מיט די אקסלען.

— וואו האסטו איהם געשאסען?

— וועמען? — האט ער דערשראקען איבערגעפרעגט.

— דעם טיגער! —האב איך אויסגעשריען צארנדיג. נאר זעהענדיג, אז ער וויל ניט ענטפערען, האב איך איהם צוגעזאגט יגעבען געלד, קויפען א העמד. ער האט אבער גע'טענה'ט: איך וויים.. איך וויים...

א מאדנע זאך: פון דעם טאג אן האב איך בעקומען א תאוה צו יאגד נאך גרויסע חיות. איך האב ניט געוואוסט ווי אזוי, ווען, וואו, אבער דאך האב איך שטענדיג גע'חלום'ט פון געפעהר־ליכע יעגער־טהאטען אין ווילדע געגענדען, פון א לייב, פון א טיגער...

איין מאל, ווען איך האב אזוי אומגעוואנדערט מיט מיין גרויס־יאגד בענקשאפט, האב איך, אין א זומער־נאכט פערבלאנדזשעט צו „סחור" אויפ'ן צווייטען זייט ירדן און געבליבען נעכטיגען ביי די פאסטוכער פון די קעמלען.

שטיל איז געווען אונטער דעם באקסער־בוים, וואו איך בין געלעגען. דורך די בלעטער האט מען געמערקט דעם קוים־אנגע־צייכענטען מילך־וועג, וואס האט זיך איבערגעווארפען אויף דעם צווייטען זייט ירדן. ניט וויים נעבן מיר, זיינען געזעסען די פאס־טוכער און איינער פון זיי האט דערצעהלט און געווארענט:

— קיינמאל זאלט איהר ניט געהן אליין, אין מיטען נאכט, אין חאמאם. צווישען די שטיינער, אין א פערבארגענער הייל, וואהנט דארט אן איין־איינציגער טיגער, וואס איז פערבליבען פון די אלטע, אלטע צייטען. קיין מענש האט איהם ניט געזעהען, אלטע לייט זאגען, אז אין די נעכט, ווען די לבנה איז ניטא, געהט ער ארויס פון זיין הייל, וואס געפינט זיך אין דער אלטער חורבה, שפאציערט ארום אין די פעלזען פון „מאדיב" און „זערקא". וועה איז דעם, וועמען ער טרעפט אין וועג! ער שלעפט איהם אוועק צו זיך אין הייל. פיעלע פון די אראבער זיינען פערפאלען געווא־רען דארט. קיינער האט איהם נאך ניט געזעהען. פיעלע האבען איהם געזוכט.

מעהר האָב איך שוין ניט געוואָלט הערען. איך האָב געוואוסט, אז ער וועט שוין דערצעהלען ביז אין דער פריה. אָבער דאָ האָב איך אויך פערשטאַנען פארוואָס מען רופט שייך אחמעד'ס פּאַסטוך „אבו־נימער“, ווי עס ווייזט אויס, איז ער געווען איינער פון די, וואָס האָבען געזוכט דעם טיגער.

ווארט, איהר אראבער! — בין איך געלעגען און אויפגערעג־טער, פארוואָס ער האָט מיר ניט געוואָלט זאָגען — איך וועל אייך שוין ווייזען! — ביי מיר איז געבליבען געהן זוכען דעם טיגער. אָבער פאַר דעם האָב איך געוואָלט נאָך אמאָל זעהן דעם „אבו־נימער“, אפשר וועט ער דאָך מיר זאָגען, וואו מען קען געפינען דעם טיגער. עס האָט אָנגעהויבען טאָגען. איך האָב זיך אפילו מיט די פּאַסטוכער ניט צוזעגענט, און מיט בעגינען בין איך געגאַנגען אויפ'ן וועג צו מדבה, וואו שייך אחמעד'ס ביידלעך זיינען דאַן געשטאַנען.

פארנאַכט בין איך צו זייערע ביידלעך געקומען. שייך אח־מעד איז ניט געווען אין דער היים. ביינאַכט, ווען מיר זיינען אלע געזעסען ביי א פייערל און געטרונקען קאווע, האָב איך געפרעגט:

— איז ריכטיג, אז אין חאמאַס איז דאָ א טיגער?

— ריכטיג — האָבען זיי אלע בעשטעטיגט, אָבער קיינער האָט איהם ניט געזעהן, האָבען זיי מיר דערצעהלט דאָס אייגענע וואָס די „סחור“.

— איך געה איהם שיסען, — האָב איך זיי ערקלעהרט.

— דאָס איז א שיטאַן, — האָבען זיי מיר גענומען אָברערען ניט דאָס מיט שפּאַט, ניט דאָס מיט רחמנות.

— עס מאַכט ניט — האָב איך זיי בערוהיגט.

— צוליעב דעם געהסטו אין חאמאַס?

— איך וויל אויך מיטנעהמען „אבו־נימער“.

— העי, „אבו־נימער“, דער „חאוואדזא“ וויל דיך מיטנעהמען נאָכ'ן נימער, — האָבען די אראבער געשפּאַסט. „אבו־נימער“ איז געוואָרען בלייך און איז אוועק.

— ער וויל נים געהן — האָבן די אראַבער נים אויפגעהערט שפּאַסן.

— מאָרגען, גאַנץ פריה, געה איך — האָב איך זיך צוזעגענט מיט די אראַבער, געגאַנגען שלאָפן. ביי דער ביידעל האָב איך געטראָפן „אבו־נימער״.

— דו געהסט מיט מיר אין חאמאם?

— לאָז מיך אָב, וואָס ביסטו צוגעשטאַנען? — האָט ער זיך געוואָלט אויסדרעהען.

— אָבער זאָג מיר, וואו געפינט מען איהם? — איך וועל דיר געבען געלד, שענקען א ביקס...

— וואָס לאַכסטו פון מיר, יא שייך? — האָט ער שיער נים געוויינט.

— אָבער פארוואָס רופט מען דיך „אבו־נימער״?

— איך וויים נים, „איי רוך״ (געה)! — איז ער שוין גע־וואָרען אין כעס און מיך איבערגעלאָזען אליין.

— וואַרט, פערפלוכטער, איך וועל זיך שוין אָפּרעכענען מיט דיר... — בין איך אריין אין ביידעל שלאָפן.

---

עס איז נאָך פינסטער געווען, ווען איך האָב די ביידלעך פער־לאָזען. מיין צוויי־רעהרענדיגען ביקס האָב איך אויף א „מארטין״ געביטען ביי מיינעם א פריינד און אויך גענומען קויהלען. דער איינענער פריינד האָט מיר געהייסען געהן צום ארנון. ביי די פיער פּאַלמעס שטעהען יעצט חעמדראנס ביידלעך, איך וועל דאָרט קענען געכטיגען און אויך קויפען א ציעגעלע, ווייל אָהן א ציעגעלע וועל איך נים געפינען דעם טיגער, האָט ער געשמייכעלט זעגענענדיג זיך.

מיט׳ן ביקס אויפ׳ן אקסעל, פארוויקעלט אין דער אבאיע בין איך שנעל געגאַנגען, טראַכטענדיג וועגען חאמאם און טיגער. מיר איז נים איינגעפאַלען, אז די גאַנצע זאַך קען זיין אויסגעטראַכט, אן אראַבישע מעשה. ווייל אין ארץ־ישראל איז שוין נימאָ קיין ווילדע חיות. אמאָל, מיט יאָהרען צוריק, זיינען זיי יא געווען. איך בין געגאַנ־

נען אהן אברוה, מיט'ן אראבישען טראט, וואס שלינגט איין גאנצע קילאמעטרען וועג, און געטראכט פון דעם, מיט וואס פאר א נצחון איך וועל קומען צו די אראבער מיט דעם געשאסענעם טיגער. מיך וועט מען שוין דאן רופען „אבו־נימער".

איך האב ניט בעמערקט די האלב־טאגיגע היץ. מיט א „פי־טע" (מצה) האב איך געשטילט מיין הונגער. די גאנצע צייט בין איך געגאנגען מיט דער לענג פון „מאדיב" (ארנון).

עס האט שוין אנגעהויבען טונקלען און חעמדאנס ביידלעך האב איך נאך ניט געזעהען. נאך מיין רעכענונג, האב איך זיי שוין געדארפט טרעפען. מיעד האב איך זיך פלוצלונג דערפיהלט. איך האב זיך געמוזט צוזעצען.

הינטער א בארג איז די זון פערגאנגען. עס איז געווארען פאלט. אין דער שטילקייט וואס איז אנגעקומען מיט'ן פארנאכט, האט מען ניט געהערט דעם ארנון גערויש. איינער אליין בין איך געווען. אז איינזאמער זיך ארומגעדרעהט אין דער ווסטער, טויטער שטילקייט, וואס איז אפילו ניט געשטערט געווארען פון די שטיינער, וואס זיינען ארונטערגעפאלען פון אונטער מיין פוס. איך האב מיך פערלארען, ניט געוואוסט וואוהין צו געהן. עס האט זיך מיר געוואלט מיט אויסגעצויגענע הענד בלייבען ליגען אויף דער ערד און רוהען, רוהען.

משונה־ווילד איז מיר אויסגעקומען מיין געהן און מיין יאגען, מיין שטרעבען און לויפען. אויף א שטיין בין איך געזעסען, דעם ביקס צווישען די קניע געהאלטען, דעם קאפ אויף א צוויימען אנגעשפארט און געקוקט אין דער זייט, וואו דער שלאנגענדיגער פאס בערג און וואסער האט זיך געהויבען אנטקעגען דעם פאס בלאהען הימעל, וואס האט זיך אלץ ניעדריגער און נידעריגער אראבגעלאזען... ניט ווייט פון מיר, אין די שטיינער, האט זיך היסטעריש צוואויינט א שאקאל. איך האב זיך אויפגעכאפט.

די זון האט מען שוין ניט געזעהען. עס איז נאכט. אין דער זייט פון ים־המלח און ווייטער צו מאסאדא, עין־גדי, סדום און די וויסטע „אראבא" שימערירען, לייכטען איינציגע שטערענד־

לעך. די לופט האט זיך ניט בעוועגט און דאך האט עפעס א ציטער מיין קערפער ארומגענומען. מיט האסטיגע טריט בין איך נעגאנגען צום שטערענדעל וואס האט אויפ'ן צווייטען ראנד גע־לויכטען. איך האב זיך דערמאהנט נאך וואס איך בין געקומען און ווען איך זוך. אן אינערליכע אויפרעגונג האט מיך אנגע־כאפט און ניט אבגעלאזען, ביז איך בין ארויס פון דעם ועד (טהאל) וואו עס האט מיך בעגעגענט א בילען פון הינט.

— שייטאן, שייטאן — האב איך דערקענט דעם הייזעריגען קול פון חעמדאנס אלטען הונט, וועלכער איז טאקע גלייך צוגע־לאפען און מיר אויפ'ן הארצען געשפרונגען. איך בין געוועזן נע־בען די ביידלעך.

— עה, יא חאוואדזא, פון וואנען קומסטו? — איז צו מיר חעמדאן צוגעקומען מיט'ן ביקס אין האנד.

— פון אחמעד'ס ביידלעך.

— פון אחמעד'ס ביידלעך?... — האט ער איבערגעפרעגט.

איך האב געשוויגען, ווייל איך האב געזעהען אז זיינע בייד־לעך שטעהען פיעל העכער איידער שטענדיג, און צו חאמאס וועל איך נאך דארפען געהן ביי 4—5 שעה. אין די ביידלעך איז מען שוין געשלאפען. ער האט ביי מיר אלעס צוגענומען, ארויסגע־טראגען א צינאווקע, אנגעווארפען קישעלעך און געמאכט קאווע.

— דויאן (הונגעריג)? — האט ער זיך געזעצט נעבען מיר.

— איי־וואר־א (יא) — האב איך מיינע פים געוואשען. ער האט מיר גלייך ארויסגעטראגען א פאאר „פיטעס", ציבעלעס, אליוועו און אויך אן איי, וואס האט גלייך געפלאצט מיט א שטאר־קען קנאל, ווען ער האט עס אריינגעלייגט אין פייער אפבאקען.

— נאך וואס ביסטו געקומען? — האט ער מיך געפרעגט נאכ'ן עסען.

— אין חאמאס שפאציערען, — האב איך איהם קורץ גע־ענטפערט.

— דארט איז איצט קיינער ניטא — האט ער מיך שוין מעהר

ניט געפרענט. לאנג זיינען מיר ניט געזעסען. איך בין געווען זעהר מיעד.

גאנץ שפעט בין איך אויף מאָרגען אויפגעשטאנען. אין די ביידלעך האָט מען קיינעם ניט געזעהן. נעבען אייןביידעל איז געווען אָנגעוואָרפען שטריק. נעבען א צווייטע ביידעל האָט חעמ־דאנס ווייב געבאקען ברויט אויף א „סראדזש“. ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס איך בין געווען שרעקליך הונגעריג, האָב איך געמוזט קוקען און שווייגען. ביי די אראבער איז ניט איינגעפיהרט בעטען עסען. איך האָב מיך אָנגעטרונקען מיט קאלטע וואסער און ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן.

אין „חאמאס“ מוז איך קומען וואָס פריהער, אויסזוכען אן אָרט, וואו איך זאָל קענען צוהיטען דעם טיגער, אָהן א ציגעלע וועל איך גאָר נישט מאכען און מיט חעמדאן׳ס פרוי קען איך ניט ריידען וועגען דעם. אָבער דאָ איז צוגעפאָהרען א יונגער אראַ־בערעל אויף א קליין אייזעלע און געהייסען חעמדאן׳ס ווייב גריי־טען עסען פאר די „יהוד“...

— „יהוד“?... האָב איך זיך געוואונדערט — וואָס טהוען דאָ די יהוד?

— זיי זיינען פון „קודיש“ (ירושלים). געקומען שניידען בוי־מער פאר דעם „איד על יהוד (אידישען יום טוב).

מיר איז גאָר ניט געפעלען געוואָרען, וואָס די אידען זיינען איצט געקומען קויפען לולבים אויף סכות. איך האָב זיך ניט גע־וואָלט בעגעגענען מיט זיי און געזאָגט פאטמען:

— יא, פאטמע, איך מוז געהן אין חאמאס און העמדאן איז נימאָ...

— אויף וואָס אין חאמאס? — האָט זי מיך נייגעריג אָנ־געקוקט.

— איך געה זיך באָדען און וויל מיטנעהמען יענע ציגעלע — האָב איך צווישען די ביידלעך אָנגעוויזען. — איך וועל דיר בע־צאָהלען.

פאטמא האט ניט געטראכט און געהייסען א קינד כאפען די ציגעלע, און געגעבען מיר א פאאר „פיטעס" מיט אליווען. איך האב איהר צוגעזאגט ברייגגען גלעזערנע רינגען פון ירושלים און בין אוועק צו חאמאס. די ציגעלע, מיט פערבונדענע פיסלעך, האב איך איבערגעווארפען איבער מיין האלז. עס איז שוין געווען נאך האלבען טאג.

די זון האט ניט שלעפט געברענט. פון די שטיינער וואס זיי־נען געשטאנען ביי די זייטען פון שמאלען וועג ,האט אויך געפא־רעט א היץ. מיך האט געדורשט, איך האב פערגעסען מיטצונעה־מען וואסער און אבקעהרען צום קוואל, וואס איז ניט ווייט פון א זייט געלעגען, האב איך ניט געוואלט. איך האב זיך געפלייסט וואס שנעלער קומען אין „חאמאס".

אויפ'ן וועג איז געווען שטיל. איך בין שוין געקומען צו די דריי פאלמען, וואס זיינען פונקט אין מיטען וועג צווישען חעמדאן'ס ביידלעך און חאמאס, ווען די היץ האט גענומען אבלאזען. מיך האט וועניגער געפלאגט דער דורשט, אבער דערפאר איז מיר די ציג־געלע דערגאנגען די יאהרען. זי האט מיך ווילד געמאכט.

ווען איך בין ארויסגעגאנגען, איז זי געלעגען גאנץ רוהיג אויף מיינע אקסלען. זי האט שטיל אבגעמעקעט, א פאאר מאל זיך דורכגעווארפען און גענוג. אבער ביי די „דריי בוימער" האט זי מיר פלוצים, גלייך אין אויער, אויסגעצויגען מע־ע־ע־ע...

— מעעע... — האט זי זיך ניט אויפגעהערט ווארפען און שרייען מיט אזא אימפעט, אז זי האט ביי מיר ארויסגעריסען א ברעג אבאיע און איז מיט א טעמפען קלאפ געלעגען אויף דער ערד, קוקענדיג אויף מיר מיט איהר אויסגעצויגענע קעפעל. מיין בליק האב איך פון איהר ניט געקענט אבפיהרען. עפעס זעהר ניט גוט איז מיר געווארען. מאדנע הארמאנירט האט איהר שטילער רחמנות־דיגער קרעכצען מיט די טונקעל־רויטע פעלזען, שווארצע בערג און דער שטילער, טויטער לאנדשאפט, וואס האט זיך געבאדען אין דער רוהיגקייט פון מדבר. לאנג האב איך האך ניט געקענט שטעהן.

איך האָב זיך געמוזט איילען. איך האָב זיך איינגעבויגען נעהמען די ציגעלע אויף מיינע אקסלען.

— מעעע... — האָט זי זיך אָנגעהויבען וואַרפען און שרייען אָהן אַן אויפהער אזוי שטארק, אז זי האָט זיך פון מיינע הענד אויסגעריסען און אנטלאָפען.

— אָ, פערפלוכטע! — האָב איך אָנגעהויבען איהר נאָכלויפען, שפרינגענדיג פון איין שטיין אויפ'ן צווייטען. איך האָב מורא געהאַט, אז א שאקאַל וועט זי צוכאַפּען, אָדער זי וועט גאָר ערגעץ אריינפאַלען אין א טהאָל.

— מעעע... — האָט דער ווידער־קול געענטפערט פון אַלע זייטען. אויס אויפרעגונג האָב איך שוין אויסגעהויבען דעם ביקס און געוואָלט זי דערשיסען. אָבער איך האָב זיך אָבגעהאַלטען. פון איין שטיין אויפ'ן צווייטען בין איך איהר נאָכגעשפּרונגען, זי האָט זיך בעהאַלטען צווישען צוויי שטיינער, ציטערענדיג מיט איהר צאַרטען קערפּער. איך האָב זי געכאַפּט, אריינגעלייגט אין מיין אבאַיע און מיט שנעלע טריט געלאָפען באַרג אַראָב, צו חאַמאַם. לאַנגע שאָטענס האָבען זיך געצויגען פון די בערג.

---

מיט דער נאַכט בין איך געקומען צו חאַמאַם. ווי א געוואַלדיג־גרויסע אויג פון אַן אונבעוואוסטער חיה, האָט אויף מיר געקוקט דער ים המלח. די ווענט און דער טהאָל פון חאַמאַם האָבען אויסגעזעהען ווי אָנגע'ברוגז'ט אויף די גרינע בוימער, וואָס זיינען געווען צואַוואָרפען ביי די שוואַרץ־רויטע פעלזען. די ציעגעלע האָט זיך איבערגעוואָרפען אין דער אבאַיע. איך האָב די ברעגען פאַנאַנדערגענומען זי זאָל קענען כאַפּען א ביסעל פרישע לופט, האָב זיך אומגעקוקט: וואָס זאָל איך טהאָן? געוואוסט האָב איך, אז דאָ ערגעץ דאַרף זיין אַן אַלטע חורבה, אין דער חורבה — א הייל, און דאָרט — דער טיגער. אפילו קיינער האָט דאָס מיר ניט געזאָגט, אזוי האָב איך גערעכענט. די חורבה איז געלעגען

הויך אין די בערג און מיין איינציגע האָפנונג איז געווען אויף דער ציגעלע, וועלכע וועט „איהם“ געווים ארויסרופען מיט איהר געשריי.

נידעריגער, צום ים, בין איך אראָבגעגאנגען, אויסגעקליבען אַן אָרט צווישען צוויי גרויסע פעלזען, וועלכע האָבען מיט זייערע פעראייניגטע שפּיצען געבילדעט א דורכגאנג, ווי א טויער. איך האָב אין עפענונג מיט גרויסע שטיינער פערלייגט, געמאַכט א הייל.

א פערמאַטערטער פון דער ארבייט, האָב איך זיך געזעצט אָברוהען. די ציגעלע האָט ניט געוואָלט אָבטרעטען פון מיר. א נעבעל איז געהאנגען איבער מיר. מיט אָבגעהאַקטע קלעפּ האָט דער ים המלח געשלאָגען דעם ברעג.

צו מיר אויף די הענד איז די ציגעלע ארויפגעשפּרונגען און איך בין מיט איהר אראָפּ אין ביידעל צום ווארימען קוואַל ווארטען ביז האַלבע נאַכט. לויט די אראבער זאָגען, וועט „ער“ פריהער פון האַלבע נאַכט ניט ארויסגעהן.

עפּעס אונרוהיג איז געווען די נאַכט. עס איז פערשוואונדען די געוועהנליכע מזרח־שטילקייט. דעם שאַקאַלס געוויין איז אין דער לופטען געהאנגען, צושפּרייטענדיג זיך אין אַלע זייטען. ווי פּאַרשטיקטע טריט פון א גאַנצער מחנה חיות האָט זיך אַן אונבעשטימטער גערויש געטראָגען איבער'ן ודי. אַליין מיט דער ציגעלע בין איך געווען, אין מיין שוים איז זי געלעגען. איך בין געזעסען, מיין האַנד אויף איהר רוקען געהאַלטען, געוואַרט און פּאָרגעשטעלט זיך ווי אזוי איך וועל שיסען דעם „נימער“.

עס איז האַלבע נאַכט. מיט דער שטריקעל וואָס איך האָב געבראַכט, בינד איך צו די ציגעלע און אַליין קריך איך אריין אין דער שטיינערנער לאָך וואָס איך האָב געמאַכט. די ציגעלע שרייט איבער דעם גאַנצען ועדי. דער ביקס איז ביי מיר גרייט צו שיסען. פּלוצלונג האָט זיך א קול אין דער ועדי צוטראָגען. אַלעס איז פערציטערט געוואָרען. די שאַקאַלען שווייגען. דער נאַכט גערויש איז פערשוואונדען, אפילו דער וואַסער־לויף שווייגט.

ווייטער א רעווע. אויפגעציטערט האָט די נאַכט, עס טרייסלען זיך די שטיינער. ווי אַן אונטערגעשאָסענע, צאַפּעלט זיך די ציגעלע. איך זיץ און וואַרט. איך הער ווי דער „נימער" שפּרינגט מיט לייכטע טריט באַרג אַראָפּ, צו דער ציגעלע, וואָס האָט ניט אויפ־געהערט אין טויט־שרעק צו שרייען. אָט איז ער נעבען. נאָך איין שפּרונג און ער כאַפּט די ציגעלע. ער שטעהט, קלאַפּט מיט'ן עק אָן די זייטען, אָן דער ערד. אָט האָט ער זיך אויסגעצויגען, צוזאַמענגענומען זיין קערפּער, גרייט צו שפּרינגען, און איך — טר־ר־אַ־כ־ך...

— גאַאו... גאַאו... — האָט איבער מיין קאָפּ אָפּגעקלונגען דער שאַקאַלען געוויין.

— גאַאו... גאַאו... גאַאו... — האָט זיך פון אַלע זייטען ביידעל געטראָגען. עס איז שפּעט. איך האָב בעקוקט מיין ביקס, איהם אָנגעלאָדען, גענומען די ציגעלע און בין ארויס צו מיין הייל וואו איך האָב די ציגעלע צוגעבונדען פאַר א פּיסעל. זי איז נאָך מיר געגאַנגען, דער שטריק האָט זי אָבגעהאַלטען. די הייל האָב איך אביסעל אויסגערייניגט, עס זאָל זיין בעקוועמער צו זיצען און פאַר'ן אריינגאַנג געמאַכט א שטיקעל אָנהאַלט אויף וואָס אָנצושפּאַרען דעם ביקס ביים שיסען.

די נאַכט־פינסטערניש איז פעסט געלעגען איבער דער ערד און א חוץ דעם ווייסען פלעק פון דער ציגעלע האָב איך גאָר נישט געזעהען. איך האָב ניט געוואוסט ווי שפּעט עס איז. די שטיינער האָבען פאַרשטעלט דעם הימעל. די ציגעלע האָט געשוויגען. איך האָב איהר געוואָרפען א שטיינדעל. זי האָט שטיל אָבגעמעקעט.

גאַאו... אייע, הואו... האָט זיך צוואווינט א קליינער שאַקאַל. פון נעבען אונזער שטיין האָבען איהם גרויסע געענטפערט. איך האָב זיך דערמאָנט, אז די שאַקאַלען קענען מיר צורעכט מאַכען די ציגעלע. איך האָב מיין קאָפּ ארויסגערוקט און געגען זיך דער־זעהען צוויי געלע פייערלעך. איך האָב אויף זיי א שטיין געוואָר־פען. די פייערלעך האָבען זיך אויסגעלאָשען. די ציגעלע שווייגט.

— שריי ! — האָב איך איהר שטיינער נעוואָרפען. זי שרייט אוים שטיל און שווייגט ווייטער.

— אה, פערפלוכטע ! אין וועג האָסטו געשריען און איצט שווייגסטו... — האָב איך ניט געוואוסט ווי אזוי צו מאכען זי שרייען. און דאָ האָבען זיך ווייטער די שאקאלען צושריען שוין גאָר נאָ־הענט נעבען אונז. איך הער אפילו ווי זיי רייבען זיך אָן דער הינטערשטער וואנט פון הייל.

מע־ע... האָט די ציעגעלע פלוצלונג אויסגעשריען גאָר גלייך אבגעהאקט.

— שריי, שריי, צו אַל די שווארץ יאָהר, מיט חעמדראנען, אבור־נימער און „נימער", — האָב איך זיך צושריען אויפ'ן קול, אזש אין וועדי האָט דאָס אָבגעקלונגען. אָבער זי האָט ניט געוואָלט שרייען. און דאָ האָב איך שוין נעבען זיך דערזעהען שאָטענס און געלע פייערלעך. איך האָב פערשטאנען, אז איך וועל פאר דעם טיגער מוזען מלחמה האלטען מיט די שאקאלען.

מע־ע־ע... האָב איך אליין געפרואווט נאָכמאכען דער ציגעלע, זי זאָל ענטפערען, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. די שאקאלען זיינען אַלץ פרעכער געוואָרען. זייערע שאָטענס האָב איך הארט נעבען די שטיינער דערזעהען. און איינער פון זיי, קריכענדיג אויפ'ן בויך, האָט זיך אַלץ נעהענטער גערוקט צו דער ציעגעלע. אָט שטעלט ער זיך אויף די פיס און נאָך איין שפרונג און א סוף צו דער ציעגעלע. איך האָב מיין ביקס אויף איהם אויסגעלאָדען. דער שאקאל איז געפאלען א טויטער. איך האָב איהם געטראָפען אין קאָפ. איך בין ארוים פון הייל און איהם אויף אונזער שטיין ארויפגעוואָרפען, און אום אָבצוהיטען די ציעגעלע פון די שאקאלען האָב איך זיך געזעצט אין דרויסען אָן שטיין אָנגעשפארט.

דער נעבעל, וואָס איז פריהער געווען ערגעץ הויך, האָט זיך צו דער ערד אראָבגעלאָזען און דעם הימעל פארשטעלט. פערוווי־קעלט אין דער אבאיע מיט'ן ביקס אין האנד בין איך געזעסען, ניט וויסענדיג וואָס צו טהאָן : די ציעגעלע שרייט ניט, דער „ני־

מער״ וועט ניט קומען, איך וועל איהם ניט שיסען און וואס וועלען זאגען די אראבער... און וואס וועט זאגען „אבו־נימער״?... און דאך זעה איך:

אויבען אויפ׳ן בארג פון דער חורבה, וואו מען זעהט א גרויסע ערעפענונג פון א הייל, ווייזט זיך דער נימער. ער האט זיך אויס־געצויגען אויף די פאדערשטע פיס, נאך דעם אויף די הינטערשטע און איז געבליבען שטעהן שטייף, אנגעצויגען דעם קערפער, פיהרענדיג אין אלע זייטען מיט׳ן קאפ, ארייבשלעפענדיג די לופט. ער האט אונז דערפיהלט.

מע־ע־ע... מע־ע־ע... ווארפט זיך די ציגעלע אויפ׳ן שטריקעל. מיט א געוואלדיגען ברום און עלאסטישען שפרונג, איז ער בארג אראפ צו אונז געלאפען. אהן אויפהער שרייט די ציעגעלע. מיט׳ן ביקס אויף די שטיינער אנגעשפארט, גרייט צו שיסען, הער איך זיך איין אין דעם טיגער׳ס ברומען. ווייט, ערגעץ אין דער נאכט, זיינען די שאקאלען אנטלאפען. די פיסטעל האט זיך אין איהר לאך בעהאלטען. נאר די גיענע פון דער ווייטענס, געהט נאך דעם טיגער, עסען דאס איבערגעבליבענע. די ציענעלע שרייט. איך ווארט, דער טיגער איז נעגען מיר. ווי א שווארצער שטיין צייכענט ער זיך אויס אין׳ם נעבעל, וואס האט זיך נאך נידעריגער אראבגעלאזען. ער שטעהט, קלאפט מיט׳ן עק. זיינע אויגען — קליינע פייערלעך. צוגעקלעפט צום שטיין שרייט די ציעגעלע. שטיל הויב איך מיין ביקס און טר־ר־ר־אב־ך... האב איך איינעם נאכ׳ן צווייטען אויסגעשאסען אין דעם טיגער, וועלכער איז הויך אונטערגעשפרונגען און געפאלען א טויטער...

איך האב מיך פון שטיין אבגעווארפען. פון מיין ביקס אויף מיינע קניע איז געגאנגען א רויך... אין שלאף האב איך עס אלעס געזעהען. אבער די ציעגעלע האב איך שוין ניט געפונען. די שאקאלען האבען זי צוריסען ווען איך בין געשלאפען. נור א ווייס פיסעל, מיט׳ן שטריקעל איבערגעבונדען, איז געבען מיר גע־לעגען. ניט ווייט פון מיר אין די בוימער האב איך רווישען געהערט.

שטיל האָב איך זיך אונטערגע׳גנב׳עט און דערזעהען א קופע שאַ־קאַלען, וואָס האָבען זיך געריסען איבער די שטיקלעך פון דער ציגעלע. איך האָב אין זיי געשאָסען. דריי זיינען געבליבען ליע־גען טוידטע. אויפ׳ן אָרט האָב איך איהר קאָפּ געפונען. און מאָדנע האָבען אויף מיר איהרע אויגען געקוקט. בעזונדערס שווער איז מיר געווען צו קוקען אויף איהר מויל. די אונטערשטע ליפּ אָבגעריסען, די גרויסע צייהן האָבען געווייסט איבער דעם ארויסגע־שטעלטען לאַנגען צונג. ווייט אין וואַסער האָב איך זי פערוואָרפען. די שאַקאַלען אין איין קופּע צוזאַמענגעשלעפּט. צו וואָס האָב איך עס געטהאָן, ווייס איך ניט, נאָר האָך האָב איך געפיהלט א בע־פריעדיגונג, אזוי ווי איך וואָלט פון זיי גענומען נקמה.

עס האָט אָנגעהויבען טאָגען. דער גראָהער טהוי איז גע־לעגען אויף דער ערד. ווי טונקעלע שאָטענס, זיינען די בוימער ביים וואַסער געשטאַנען. גרויסע טראָפּענס איז פון זיי גערונען. איך בין נאַס געוואָרען, און פון פייכטקייט געציטערט. זעהר ניט גוט האָב איך זיך געפיהלט. צו די אַראַבער האָב איך זיך ניט געקענט ווייזען, זיי וועלען מיך אויסלאַכען און ביי מיר איז גע־בליבען: געהן אין „סוועמע“ און פון דאָרט אויף מאָרגען אין ירושלים.

גאַנץ הויך איז שוין געווען די זון, ווען איך האָב זיך אַראָב־געלאָזען אין ודי „זערקא“ איבערגעהן דעם טייך, ווי איך האָב הינטער זיך דערהערט עזעל־טריט און גלייך טאַקע דערזעהן חעמדאַ־נען מיט א פּאָאַר אידען. מיין פּנים איז געווען פערוויקעלט אין א טיכעל.

— ברוך הבא! — האָט מיר גלייך חעמדאַן דערקענט.

— זאָגט ניט, אז איך בין א איד, — האָב איך איהם געבעטען.

— טאַיב, אָבער וואָס טהוסטו דאָ? דו ביזט דאָך געגאַנגען אין חאַמאַם? — האָט ער מיך פאַרשעמדיג בעקוקט.

— איך געה אין ירושלים.

— וואו איז די ציעגעלע?

— געקוילעט, האָב איך קורץ געענטפערט.

— וואוהין פאָהרסטו מיט די „יהוד“ ? — האָב איך איהם שוין געפרעגט.

— איך פאָהר זיי ווייזען די „סעדזשער על אאיד“ (בוימער פאר יום־טוב. לולבים).

אין דער צייט זיינען מיר געקומען אין דער „זערקא“, וואו מיר האָבען זיך געדאַרפט צושיידען.

— ביי דיין גלויבען, ביי דיין באָרד און טאָכטער, — האָב איך איהם בעשוואָרען — זאָג מיר, פאַר וואָס רופט מען איהם „אבו־נימער“ ?...

— וואָס הייסט ? — האָט ער זיך געוואונדערט, — זיין זוהן האָט געהייסען נימער.

— ער האָט דען געהאט א ווייב ?

— אלע אראבער האָבען פרויען, — האָט ער זיך אביסעל בעליידיגט.

— וואו איז זי ?

— זי מיט׳ן זוהן זיינען געשטאָרבען פון א שלאַנג.

— אזוי ?... האָב איך שוין ניט געוואָלט ווייטער פרעגען און מיר האָבען זיך צוזעגענט. איך וויים ניט וואָס מיט מיר איז דאַן געוואָרען. איך האָב פון זיך אליין געלאַכט. מיר האָט זיך געוואָלט אומקעהרען און אלע שאַקאלען צושיסען, קיין איינעם ניט איבערלאָזען. און איבערהויפט בין איך געווען אין כעס אויף „אבו־נימער“ און אויף ארץ ישראל פאַרוואָס דאָ איז טאַקע ניטאָ קיין „נימער“.

און אזוי בין איך אין סוועמע געקומען, פון דאָרט אין יריחו, וואו איך האָב גענעכטיגט און פון יריחו אין ירושלים. א שטיק צייט נאָך דעם בין איך ניט געגאַנגען צו די אראַבער, וואָס האָבען מיך געקרוינט מיט׳ן נאָמען „אבו־וואוואוי“ — דער טאַטע פון די שאַקאלען.

# נאך ווילדע חזירים.

נאך ווילדע חזירים בין איך צו די ברעגען פון ירדן געקומען. גאנצע טעג בין איך אומגעגאנגען, אין די בוימער, ביים וואסער, אבער חזירים האב איך ניט געזעהן. צייכענס פון חזירים־טריט האב איך זעהר פיעל געזעהן אויף דעם פייכטען בארען. א פער־צווייפעלטער האב איך ניט געוואוסט וואס צו טהאן, ווייל די אראַ־בער וואלטען מיך אויסגעלאכט: „א איד א יעגער", און איך בין געגאנגען פרעגען אן עצה ביי מיינעם א בעקאנטען גרעק וואס איז שוין יאהרען לאנג א פישער ביי די ברעגען פון ירדן.

— געה אין ער מזרעה — האט ער מיר געזאגט. — דארט איז איצט די צייט פון „דורה" (סעזאם) און חזירים ועסטו דארט קריגען וויפיעל דיין הארץ גלוסט. זיי האבען זעהר ליעב דורה.

איך האב איהם געפאלגט און אוועק צו ים המלח, צו דער שי־פעל וואס פיהרט איבער די מענשען צום צווייטען זייט. צו מיין גליק האט זיך דאס שיפעל געקליבען אבפאהרען אין ער מזרעה. אויפ'ן שיף האב איך געטראפען איין־איינציגען פאסאזשיר, א ספרדישען אידען מיט א צושטופעלט אנגעבלאזענעם פנים און א גראבער פליי־שיגער נאז. אויף דעם לאנגען טערקישען חאלאט האט ער געטראַ־גען א קורצען רעקעל, א „פידזשאק", משמעות א „יעוראפייער". פון זיין ברייטען גארטעל האט ארויסגעשטעקט א הענטעל פון א רעוואלווער.

אינגליזי? (ענגלענדער?) — האט ער געפרעגט אויף מיר ביי די מאטראסען.

— יהודי סאיאד (א איד א יעגער) — איז געווען זייער ענט־פער. איך האב זיך ניט אומגעקוקט, ניט אכטענדיג אויף דעם וואס מיך האט זעהר געוואונדערט, וואס די מאטראסען ווייסען ווער איך בין, כאטש ביי דעם ים המלח בין איך דעם ערשטען מאל. איך האב באמערקט ווי דער איד האט געמאכט אין מיין זייט א פאר טריט, נור ער האט זיך אבגעהאלטען און אנגעהויבען שפאציערען פארביי מיר, צווארפענדיג זייטיגע בליקען. ענדליך איז ער צוגעקומען,

געפלאָנטערט מיט די הענט אין גאַרטעל און געפרעגט אין אַראַביש:

— אינגליזי?

— אַ איד, — האָב איך אויף אַראַביש געענטפערט.

— אַ יעגער?

— אַ יעגער — האָב איך געענטפערט אין טאָן.

— אויף וועלכע חיות?

— אויף חזירים.

— אויף חזירים? — האָט ער אויסגעשריען — וואָס וועסטו טהאָן מיט זיי?

— פאַרקויפען צו די גרעקען.

— אַה, — האָט ער פריי אָפּגעאָטהעמט און מיר זיינען גע־וואָרען גוטע פריינד. ער האָט מיר דערצעהלט, אַז ער איז פון „קרך" (קיר מואב, קיר חרש), וואו ער האָט אַ קלייט און זיין נאָמען איז אבו־יוסיף. איך האָב איהם דערצעהלט מיין זאָרג וועגען די חזירים.

— זאָרג זיך ניט — האָט ער מיך געטרייסט. — אין ער מזרעה האָב איך אַ סך בעקאַנטע אַראַבער און זיי וועלען דיר ווייזען די ווילדע חזירים.

איך האָב געזעהן ווי דער איד איז מיט מיר שטאַרק צופריעדען. יעדער ווילע ווינקט צו די מאַטראָסען „יהוד סאיאד". פאַרנאַכט זיינען מיר אָנגעקומען אין ער מזרעה.

אַ בין־השמשות שטילקייט האָט זיך געטראָגען פון ים צו די בערג און פערהאַלטען זיך אין די קליינעביימלעך, וואָס זיינען געוואַקסען ביים ברעג. די ווילדע טויבען האָט מען שוין ניט געזעהן. די נאַכט איז צוגעפאַלען.

— קרך, — האָט מיר אבו־יוסיף אָנגעוויזען אין די בערג־הויכקייטען. איך האָב גאָרנישט געזעהן.

— יאַלאַ, — איז ער געגאַנגען מיט אַ קוים מערקבאַרען וועג־נעל, וואָס האָט זיך געשלענגעלט צו די אַראַבישע ביידלעך, וואו עס האָט אונז באַגעגענט אַ היבש ביסעל הינט.

— סעליאַם עליכום (שלום עליכם) — האָט זיך אבו־יוסיף

גערדעהט צווישען די צולעגטע פייערלעך, ביי דיביידלעך. איך האָב איהם נאָכגעטהאָן.

— מין האדא? (ווער איז ער?) — האָבען איהם די אראבער אויף מיר אָנגעוויזען.

— יהוד סאיאד, געקומען שיסען ווילדע חזירים, — האָט ער אַלעמען געענטפערט.

ביי דעם שייך'ס ביידעל, ביי א פייער, האָבען מיר געטראָפען פיעלע אראבער, זיי ווארטען אויפ'ן שייך, וועלכער האָט געדארפט קומען פון קרק. ווען זיי האָבען אונז דערזעהן זיינען זיי אַלע אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער און בעגריסט אונז מיט א שלום עליכם. אבו־יוסיף איז געגאַנגען צו יעדען בעזונדער און ארייגעכאפט אייגער ביים צווייטען די גאַנצע האנד אפילו מיט'ן גראָבען פינגער, און אויסגעפרעגט איינער דעם צווייטען וועגען דער משפחה, בהמות. איך האָב איהם נאָכגעטהאָן. אז מיר האָבען געענדיגט די בעגריסונגען האָט א יונגער בארוועסער שייגעץ, אין א צוריסענער העמד, צוגענומען ביי אונז דאָס געוועהר און צוגעבראַכט אונז קישעלעך, אויף וועלכע מיר האָבען זיך געזעצט, בעגריסענדיג ווידער אַמאָל איינער דעם צווייטען. דער אייגענער יונגער אראבער, דאָס איז געווען דעם שייך'ס זוהן, סעליאמי, האָט אונז געמאַכט אַלעמען קאווע.

— וואו איז דער שייך? — האָט אבו־יוסיף געפרעגט.

— דער שייך איז אין „מעדינע" (שטאט) — האָט אַן אַלטער אראבער געענטפערט. — די „דזשעש" (אראבער פון נגב) זיינען אונז בעפאַלען און דער שייך איז געפאָהרען נאָך הילף אין „סאַראיע" (רעגיערונג).

סעליאמי האָט יעדען בעזונדער דערלאַנגט דעם קליינעם שאָל קאווע. מיר זיינען געזעסען און געשוויגען. עס האָט זיך ניט געוואָלט שטערען די נאַכט־רוהיגקייט.

פון ים הערט זיך דער שוואַכער וואַסער־קלאַפּען אין די זאַמדיגע ברעגען. מעלאַדיש רוישען די לויפענדע בארג וואַסערען, וואָס שניידען איבער דעם טהאָל אין אַלע זייטען. עס צואווייגט זיך א

קינד אין אַ ביידעל, עס בילט אויף אַ הונט אין דער נאַכט, און דאָס אַלעס שטערט ניט דער שטילקייט, וואָס שוועבט איבער׳ן טהאָל און בערג.

אַ הויכער געזאַנג און פּאַטשען מיט די הענט האָט זיך פּלוצלינג ארויסגעריסען פון אַ וויטער ביידעל.

— וואָס איז עס, אַ פאַנטאַזיע? — איך בין געבליבען זיצען.

— איינעם פון אונזערע האָט געביסען אַ שלאַנג און די דערווישען היילען איהם — האָט מיר ערקלעהרט אַן אַראַבער.

די אַראַבער זאָגען, אַז אַ געביסענעם פון אַ שלאַנג דאַרף מען ניט לאָזען שלאָפען דרייסיג טעג און נעכט, און דאַרום קלייבען זיך אַלע אַראַבער ביי זיין ביידעל און זינגען טאָג און נאַכט, ביימענדיג איינער דעם צווייטען. די „דערווישען" פיהרען עס אָן.

— ווילסט זעהן? — האָט מיך אבו־יוסיף געפרעגט. איך האָב זיך ניט אָבגעזאָגט און מיר זיינען געגאַנגען צום ביידעל.

ביים ביידעל מיט אויפגעהויבענע ברעגען און אַ גרויסען פייער אין מיטען האָבען מיר געטראָפען פיעלע אַראַבער, וואָס זיינען געזעסען אין אַ קרייז, געשאָקעלט זיך ווי אַ איד ביים דאַוונען, געזונגען און געפּאַטשט מיט די הענט. מיט׳ן קאָפּ צום פייער, פאַרוויקעלט אין אַ שוואַרצער אַבאַיע, אַז מען האָט נור ארויסגעזעהן די אונגעוועהנליך גרויסע אונרוהיגע אויגען, איז געלעגען דער קראַנקער. צוקאָפּענס זיינען געזעסען צוויי דערווישען. איינער מיט אַ שפּיז אין האַנט, האָט געזונגען וואָס די איבעריגע האָבען אונטערגעבאַפּט און דער צווייטער האָט געקלאַפּט אין אַ גלעקעל־פּויק און מיט׳ן פּויק אין קאָפּ פון דעם קראַנקען. דערזעהענדיג אונז האָבען זיי אָנגעהויבען שרייען שטאַרקער און אויך אָפטער קלאַפּען אין דעם קראַנקען׳ס קאָפּ. איך האָב דאָס ניט געקענט צוזעהן און געוואָלט אוועקגעהן, ווי פאַר מיר איז אויסגעוואַקסען איינער פון די דערווישען און בעט „באַקשיש". און גלייך טאַקע האָט ער מיר אָנגעהויבען דערצעהלען, אַז ער איז אַ „שייך כביר" (אַ גרויסער שייך), זיין קללה דערגרייכט ביז׳ן ים און זיין ברכה ראַטעוועט פון טויט. צו יעדער קריינק האָט ער אַ רפואה און צו אַ שלעכטע אויג אַ

שפרוך־וואָרט. אפילו דעם שפיז, וואָס ער האַלט אין האַנט, וועט ער אריינשטעכען אין זיין קערפּער און עס וועט ניט געהן קיין בלוט.

איך בין געווען אזוי אויפגערעגט פון זיין „דאָקטאָריע", אז איך האָב איהם פאַרגעשלאָגען, פאַר אַלע אראַבער, אז ער זאָל זיך שטע־לען פאַר מיין ביקס און איך וועל אין איהם אויסשיסען און אזוי ווי ער איז דאָך אַ גרויסער שייך וועט ער בלייבען לעבען, און איך וועל איהם געבען צוואַנציג פראַנק „באַקשיש". ער האָט ניט גע־ענטפערט און האָט זיך אומגעקעהרט צום קראַנקען.

— טאַיב, — האָט מיך אבו־יוסיף געלויבט.

— שאַטער, (אַ וואוילער יונג) — האָט אויך סעליאַמי צוגע־געבען, וואָס איז נעקומען אונז רופען. דער שייך איז געקומען פון קרק און וויל אונז זעהן.

---

דעם שייך האָבען מיר געטראָפען ביי זיין אראַבישען פערד, וואָס שט'ט אין דער גאַנצער געגענד. ער האָט איהם גע־פּענטעט. דער פערד האָט איהם יעדע ווילע שטיפעריש געשטופּט מיט זיין קעפּעל. נאָך די בעגריסונגען, לויט'ן מנהג, האָט ער אונז איינגעלאַדען צום פייער און געהייסען ברייגגען עסען.

אַ יונגע שווארצע אראַבקע, דער קאָפּ און ברוסט בעהאַנגען מיט גרויסע מעשענע „בישליקעס" און אויך אַ גרויסען נאָז־באַנד, האָט געשטעלט, אויף דער ערד, נעבען אונז: פּיטע, ציבעלעס, „לעבען" (זויער מילך) און אַליוון בוימעל.

— יהוד סאַיאד, — האָט דער שייך אויף מיר אָנגעוויזען. ער האָט שוין געוואוסט ווער איך בין. — פריהער מיט אַ פּאָר וואָ־כען זיינען דאָ געווען גרעקען, זיי האָבען זעהר פיעל חזירים גע־שאָסען.

— ער איז אויך געקומען נאָך ווילדע חזירים, — האָט אבו־יוסיף געענטפערט.

— וואָס וועט ער מיט זיי טהאָן? פאַרקויפען? — האָט דער שייך באַלעקט זיינע פינגער.

— ניין, א „חאוואדושא", — האָט זיך פאַרשעהמט אבו־יוסיף.

— א „חאוואדושא" האָט בעדייטעט א מענש, וואָס האָט פיעל געלט, געהט וואוהין ער וויל, דאגה'ט נים פון גאָר נים.

— טאיב (גוט). הייגט געהען מיר אין אונזער דורה. זעהר פיעל שאדען בריינגען אונז די ווילדע חזירים. דריי נעכט היטען מיר זיי שוין — איז אויפגעשטאַנען דער שייך און געהייסען בריינ־גען מיין ביקס.

— איך וועל געהן מיט אייך — איז אויך אבו־יוסיף אויפגע־שטאַנען. דער שייך און סעליאמי האָבען מיטגענומען זייערע ביק־סען. די ביקסען זיינען געווען לאַנגע, שווערע, אַלטע, נאָך פון אדם'ס צייטען. איבער די אַקסלען האָבען זיי איבערגעוואָרפען ברייטע, שווארצע, לעדערנע פאַסען, אויף וועלכע עס איז געווען אָנגענעהט הילצערנע, לאַנג־קיילעכדיגע פלעשלעך פאַר פולווער און אויך זעקעלעך פאַר די קוילען. מיר האָט שטאַרק געוואונדערט, ווי אזוי מען קען טרעפען פון אזא ביקס, ווייל איינמאָל האָב איך געוואָלט טרעפען אין א גרויסער ברעט, אויף א מרחק פון צוואַנציג שפּאַן און האָב נים געקענט, נים קוקענדיג אויף דעם וואָס איך האָב איהם אָנגעשפּאַרט אָן א בוים. און זיי קענען טרעפען פון אזא ביקס אין א קליין פויגעלע. אונז איז נאָכגעלאָפען דעם שייך'ס קליינער זוהן, א קינד פון א יאָהר ניין, אָבגעשוירען, אויפ'ן אראַ־בישען שטייגער, מיט א בונט האָר אין מיטען קאָפּ. אין זיין גאַר־טעל איז געווען פערשטעקט צוויי אַלטע „טאַבאַנדזשעס" (רעוואָל־ווערען). דעם שייך'ס „דורה" איז געווען ארומגעצוימט מיט שטע־כעדיגע, אָנגעוואָרפענע בוימער און אין מיטען „דורה" איז געשטאַ־נען א ביידעל אויף פיער פלעקער.

— פון דער זייט קומען זיי יעצט — האָט דער שייך אָנגע־וויזען מיט דער האנד אין דער פינסטערניש, זעצענדיג זיך אונטער'ן ביידעל. דער אראַבערעל האָט געמאַכט א פייערעל און אָנגעהויבען בראָטען „פריקע" (זאַנגען געברענט אויפ'ן פייער).

— עך, „דאַליא“, „דאַליא“, — האָט דער שייך שווער גע־זיפצט. — אַלעס נעהמט זי צו ביי אונז...

מיר האָבען געשוויגען. די ווייסע דורה־קעפּלעך האָבען זיך שטיל געשאָקעלט אונטער דעם נאַכט־ווינטעל, וועלכער לויפט צו די בערג, וואָס מיר זעהען ניט, נור מיר פיהלען זיי. די „פּריקע“ איז פאַרטיג. צווישען די הענט מאַלען מיר די דורה־קעפּלעך און איינ־ציגווייז וואַרפען מיר אין מויל די ברוין־ווייסע קערענדלעך און דאַ האָבען מיר דערהערט טריט און „פאַרשקען“ פון א חזיר. איך און סעליאַמי האָבען גלייך גענומען די ביקסען און זיינען אַוועק אין יענער זייט. ביים צוים האָבען מיר זיך צוגעזעצט. מיט אונזערע ביקסען געמאַכט צוויי לעכער, אום מיר זאָלען קענען זעהן וואָס עס טהוט זיך אויף דעם צווייטען זייט, און געוואַרט אויפ׳ן חזיר.

— ער קומט היינט פון אַן אַנדער זייט, — האָט מיר סעליאַמי געגעבען פאַרשטעהן מיט צייכענס. מיר הערען שווערע טריט, א סאָפּען, שטיל חריוקען... א גאָהענטעז שאָס און... א שטאַרקער גערויש האָט זיך צושפּרייט פון די בוימלעך צו די בערג און עס איז געוואָרען שטיל. מיט א קללה האָט זיך סעליאַמי אויפגעשטעלט. איך בין געבליבען זיצען, טאָמער וועט ער נאָך קומען.

— מיר געהען, אומזיסט דיין זיצען, — האָט מיך סעליאַמי גערופען. מיר האָבען זיך אומגעקעהרט צוםביידעל און געטראָפען ווי דער שייך דערצעהלט אבו־יוסיף׳ן וועגען דער „דאַליע“, „סאַ־ראַיע“ און וועגען די „דזשעש“.

— אנטלאָפען? — האָט אונז באַגעגענט דער שייך. סעליאַמי האָט זיך אָבגעמאַכט מיט׳ן האַנד.

— וואָס וועלען מיר איצט טהאָן? — האָב איך געפרעגט סעליאַמי׳ן.

— מיר וועלען געהן אין אחמעד׳ס דורה, ביים קוואַל, דאָרט גריבעלט מיט ווילדע חזירים.

— אָבער איהר זאָלט ניט שיסען א בהמה, — האָט אונז גע־וואָרענט דער שייך.

— אזוי גרויס זיינען דאָ די חזירים? — האָב איך זיך גע־וואונדערט, געהענדיג מיט איהם צו אחמעד'ס דורה.

— נאָך גרעסער פון א בהמה, — האָט ער מיר באשטעטיגט.

די אראבישע בהמה איז זעהר א קליינע, אָבער ווער וועט עס פערבייטען א בהמה אויף א חזיר? — סעליאמי'ס קליינער ברודער'ל איז אונז נאָכגעלאָפען, בעריהמענדיג זיך פאר מיר, אז ער ווייסט אַן אָרט, וואו חזירים קומען נאכט אין נאכט.

ווי א קאַץ האָט זיך סעליאמי געדרעהט אין די בוימער, זיינע טריט האָט מען ניט געהערט, אָבער מיינע גרויסע שטיוועל האָבען אָנגעמאכט א געוואלדיגען „רושם". אַן יעדען בוים און צווייג האָב איך זיך פערטשעפעט אין דער פינסטער.

— ססס... — האָט מיך סעליאמי געווארענט און אויך זיין קליינער ברודער'ל האָט ניט אויפגעהערט צו ססס... אויף מיר. א שוויס האָט מיך בעגאָסען.

מיר זיינען אין דער דורה. די צוויי שים־הינטלעך פון מיין ביקס האָב איך געהאלטען אָפען, גרייט צו שי־סען. פּלוצלונג איז סעליאמי געבליבען שטעהן. איין פוס אויפ־געהויבען, בין איך אויך געשטאַנען. מיר האָבען געהערט ווי חזירים גראָבען די ערד און „חריוקען" שטיל. סעליאמי האָט זיך גערוקט נעהענטער צו זיי. איך האָב ניט געפיהלט אז איך בין אויך נאָכ־געגאַנגען, און דאָ, איך ווייס ניט ווי אזוי, האָב איך מיט א פינגער פערטשעפּעט דעם שים־הינטעל און מיין ביקס האָט אויסגעשאָסען. די חזירים האָט מען שוין ניט געהערט.

— יאלא! — איז סעליאמי צוגעלאָפען א צאָרנדיגער — לוּ מיט'ן ברודער געהט אין איין זייט, איך אין דער צווייטער. נור שיסט ניט אַ בהמה, — איז ער פערפאלען געוואָרען צווישען די בוימער.

די נאכט האָט זיך געהאלטען אין די בוימער און מיך האָט שטארק פערדראָסען אויף סעליאמי'ן, וואָס ער האָט מיך איבער־געלאָזען מיט'ן ברודער'ל, געוואָלט פון מיר פטור ווערען. און דער קליינער אראבעריל האָט מיך ניט אויפגעהערט צו ווארנען: ססס...

ססס... מיט וואָס ער האָט מיר אַזוי דערעסען, אַז איך האָב געוואָלט אַנטלויפען פון איהם.

— זיי גראָבען! — האָט ער זיך פּלוצלינג צוגעשטעלט, ווען מיר זיינען אריין אין אַ טהייל דורה. פּאַרזיכטיג איבערשטעלענדיג די פיס זיינען מיר צוגעקראָכען צו אַ גרויסען בוים, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט, פון אונטער וועלכען מיר האָבען געקענט אַנזעהן טונקעלע, בעוועגליכע שאָטענס.

— שים! — האָט ער מיך אונטערגעשטופּט.

— בהמות? — האָב איך זיך צוגערוקט נעהענטער.

— שים, חזירים! — האָט דער קליינער מיין ביקס אָנגעכאַפּט. איך האָב זיך נאָך מעהר ארויסגערוקט פון אונטער'ן בוים, זעהען די חזירים. אין דער צייט האָט אַ בלאָז געטהאָן אַ ווינטעל.

— שים! — האָט דער אראבעריל מיך געריסען ביים ארבעל. איך האָב אויפגעהויבען מיין ביקס און אין דער פינסטער האָב איך איהם אָנגעקלאַפּט אָן בוים. די שאָטענס האָט מען שוין ניט געזעהן.

— איי חאוואדזשע, חאוואדזשע, — האָט ער מיר פאַרגעוואָרפען.

איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן פון פערדרוס.

טראָך! — האָט זיך אַ שאָס צוטראָגען. אַ דערשראָקענער האָב איך אויך אויסגעשאָסען און גענומען לויפען אין זייט פון שאָס.

— וואָס? וואָס? — האָב איך זיך באַגעגענט מיט סעליאַמי'ן און זיין ברודער'ל האָט אָנגעהויבען דערצעהלען:

— מיר האָבען געטראָפען חזירים אין דורה. איך האָב איהם געהייסען שיסען, האָט ער ניט געוואָלט. קום, זעה די גריבער וואָס זיי האָבען אויסגעגראָבען, — האָט ער געשלעפּט דעם ברודער און מיר צוגעוואָרפען: גראָבען דען בהמות?...

מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ בין איך זיי נאָכגעגאַנגען זעהען די גרויסע גריבער, וואָס די חזירים האָבען אויסגעגראָבען.

— קומט צום פאָטער, — האָט מיר סעליאַמי גערופען פול יאוש.

ווען מיר זיינען צוגעקומען, האָט דער שייך געוואָרפען אויף

אונז א דורכדרינגענדען בליק און געהייסען מאכען „פריקע", אבער דער קליינער אראבערעל האט ניט אויפגעהערט מסור'ן אויף מיר:

— איך האב איהם געהייסען שיסען. א גאנצע סטאדע חזירים געווען. ער האט ניט געוואלט. געזאגט: בהמות...

מיר זיצען לעבעןביידעל. די דורה קנאקט אין'ם פייעריל. ווי א גרויסער מאפאז הייגגט אין דרום־זייט א שטערן. עס איז נאך האלבע נאכט. דער שייך רויכערט זיין לאנגע ליולקע און קלאנט זיך פאר אונז אויף דער „דאליע" וואס שיקט „חאיאלען" (רייטער) אפנעהמען ביי זיי די „מארטינען" (ביקסען) און איצט לאכען פון זיי די „דזשעש", רופען זיי אן „מתים". און ער דערצעהלט, ווי אזוי זיי האבען באזעצט דעם „האר" (טהאל). פרייע „אראב" זיי־נען זיי געווען פריהער, האבען ניט געוואוסט פון דער „דאליע", ניט געקענט האבען זיי די „חאיאלען". בלוט האט זיי געבראכט אחער.

— אין מדבר האבען מיר געוואוינט, — האט דערצעהלט דער שייך, — מיט די „ענזי" (א שבט אראבער) האבען מיר זיך גענרע־נעצט. פון איין ברונען אויפ'ן גרענעץ האבען מיר וואסער גענומען. א מאכטער פון אונזערע האט געליעבט א „ענזי" און איז אוועק אין זיין ביידעל. זי האט גענאט א חתן פון אונזערע. א קליינינקע איז זי פערקויפט געווארען צו א קרוב. ארויסגעגאנגען זיינען מיר אבוואשען די חרפה פון אונזער שטאם. בעפאלען זיינען מיר די „הינט", די „ענזי", פיעל פון זיי געטויטעט און בלוט איז צווישען אונז געווארען. בלוט שווייגט ניט. און פון דאן האט זיך געצויגען א מלחמה צווישען אונז און די „ענזי". קליין אין צאהל איז גע־ווארען אונזער שטאם, מיר זיינען געווען געצוואונגען פערלאזען אונזער ארט און געקומען אין „האר" — האט זיך דער שייך פער־טראכט.

עס האט אנגעהויבען טאגען, ווען דער שייך האט געענדיגט דערצעהלען. איך בין געזעסען האלב אין דרעמעל און איבער זיין קאפ געקוקט אויף דער בלייכקייט, וואס האט זיך געצויגען איבער

די בערג אין מזרח. איך האָב געהערט פון איין זאַך געטראַכט: ווי אַזוי רוהט מען זיך אויס, ווי אַזוי שלאָפט מען זיך אויס?

— ווילסט מיט מיר דאָ שלאָפען? — האָט זיך סעליאַמי פאַרוויקעלט אין זיין אַבאַיע. איך האָב איהם גלייך נאָכגעטהאָן. אין דער איינענער צייט איז צוגעקומען אַבו־יוסיף.

— זיי געזונד, — האָט זי מיר געגעבען זיין האַנד, — איך מוז פאָהרען און געדיינק, ווי דו וועסט נאָר קומען אין קרך איז מיין שטוב דיין שטוב.

איך האָב איהם בעדאַנקט און איבערגעוואָרפען די אַבאַיע איבער׳ן קאָפּ.

— ווי אַזוי וועסטו ברענגען די חזירים? — הער איך, ווי ער פרעגט מיך. אָבער איך האָב איהם ניט געקענט ענטפערען. איך בין געשלאָפען.

---

אונגעדולדיג האָב איך דעם גאַנצען טאָג געוואַרט, אַז די נאַכט זאָל קומען. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אַלע אַראַבער, וועלכע איך באַגעגען, לאַכען פון מיר: „יהוד סאַיאַד“. ווי דער אָבענד איז צוגעפאַלען און די שטערענדלעך האָבען די שפּיצען בערג בע־ציערט, בין איך און סעליאַמי אַרויס אין דער דורה. מיינע גרויסע שטיוועל האָב איך געביטען אויף אַראַבישע ווייכע שיך. דער אַראַ־בערעל איז ניט מיטגעגאַנגען. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער זיך פון מיר מיאש געווען.

— דזשעש, — האָט מיר סעליאַמי אָנגעוויזען אויף אַ פייערל אין די בערג. איך האָב זיך ניט אומגעקוקט. איך האָב געאיילט אין דער דורה צו די ווילדע חזירים. מיר האָבען זיי געפונען. איך האָב איינעם געשאָסען און די זאַך איז פאָרגעקומען גאַנץ פשוט.

מיר האָבען דערהערט, אַז די חזירים גראָבען, האָבען מיר זיך גלייך צו טהיילט אין בעזונדערע זייטען. פון אונטער׳ן ווינט האָב איך זיך אונטערגע׳גנב׳ט, אום די חזירים זאָלען מיך ניט דער־שפּירען. זייער סאָפּען און חריוקען האָב איך זעהר נאָהענט דער־הערט און האָב דערזעהן פינף גרויסע שאָטענס. איך האָב ניט

געטראַכט בהמות—חזירים, נור האָב זיך צוגערוקט נעהענטער, אויפ־געהויבען מיין ביקס, אָנגעציעלט אויף דעם נאָהענטסטען, וואָס איז געווען דער גרעסטער און — טראַף!...

— טראַף, טראַף! — האָט מען פון ערגעץ געענטפערט. איך בין אויפגעשפרונגען. דער חזיר, אין וועלכען איך האָב געשאָסען, האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט און איז אומגעפאַלען. די איבריגע זיי־נען אַנטלאָפען. איך האָב נאָך אַמאָל אויסגעשאָסען און גערופען סעליאַמי'ן. ער איז געקומען צולויפען און געבליבען שטעהן פון דער ווייטען. עס איז „נגס" (אומריין).

איך בין אָבער צוגעקומען און מיט מיין ביקס אויסגעשלאָגען איינעם פון זיינע גרויסע צייהן און מיטגענומען מיט זיך. אזוי האָב איך געשאָסען אַ ווילדען חזיר.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

## דער אַראַבישער בייט

איך בין געווען ביי דעם אַראַבער־שטאַם „האַוואַרנע", גע־דאַרפט געהן מיט מיינעם אַ בעקאַנטען אַראַבער שיסען גאַזעלען. זיי געפינען זיך זעהר פיעל אין יענע בערג. עס איז שוין געווען פינסטער ווען מיר האָבען פאַרענדיגט אונזערע פאָרבערייטונגען און געווען פאַרטיג צו געהן אין די בערג. סאַלימאַן, מיין אַראַבער, האָט דאָרט געוואוסט אַ קוואַל וואו אַלע פאַרטאָג קומען די גאַזעלען טרינקען און דאָן איז די בעסטע צייט זיי שיסען. מיר זיינען שוין געשטאַנען מיט די ביקסען אין די הענד גרייט צו געהן, ווי איןביידעל איז אריינגעקומען אַ הויכער אַראַבער אָנגעטהון אין פיער כאַלאַטען, איינער אויפ'ן צווייטען, געבונדען מיט אַ ברייטען לעדערנעם גאַר־טעל, אויסגעזעצט מיט ווייסע שטיקלעך בלעך. פון אונטער דער זיידענער „קעפיע" (קאָפּ־טיכעל) זיינען אַראָבגעהאַנגען פיער לאַנגע, שווארצע צעפּ. זיינע אויגען זיינען געווען אונטערגעפיהרט מיט שווארצען.

„חאַסאַן קאַטעב" (חאַסאַן שרייבער), האָט מיר סאַלימאַן גע־

זאָגט און זיי זיינען אַבגעגאַנגען אין אַ זייט, ריידענדיג שטיל צווי־שען זיך, אָבער פון דערווייטען האָט מיין אויער געכאַפּט די ווער־טער נורי... זהיע... איך בין ארויס פון ביידעל, ניט געוואָלט הערען וואָס זיי ריידען.

עס איז גוט פינסטער. אין די ביידלעך איז פרייהליך, און פון דערווייטען, פון צווייטען עק לאַגער, האָט זיך דערטראָגען דאָס געזאַנג פון אַראַבישע פרויען און דער צוגעשריי פון אַ „דעבקע" (אַראַבישער טאַנץ). אַ פרוי האָט דעם „זארט" (אויסגעשרעה) אויסגעשריען און דער ניגון האָט זיך געביטען.

— מיר וועלען ניט געהן אויך יאגד — איז צו מיר צוגעקו־מען סאַלימאַן, — מיר וועלען געהן צו דער „פאַנטאַזיע" מיט חאַ־סאַן'ען.

איך האָב געוואָלט איהם פרעגען ווארום ער האָט געביטען זיין בעשלוס צו געהן אין די בערג, נור זיין ערנסט געזיכט האָט מיך אַבגעהאַלטען. נאָך מעהר האָט מיך פערוואונדערט, — וואָס סאַ־לימאַן האָט מיטגענומען זיין ביקס און מיר אויך געהייסען נעהמען.

נעהענדיג צווישען די ביידלעך האָבען מיר אָנגעטראָפען אייני־גע אַלטע אַראַבער און אַראַבקעס. דער שייך האָט שוין צוטהיילט די וועטשערע פאַר די אָרימע קרובים, וואָס ער קאָכט פאַר זיי אַלע טאָג, און אַלע זיינען געווען ביי דער פאַנטאַזיע. אין וועג האָט חאַסאַן אויף אַ ווילע אָבגעקעהרט ערגיץ, און ווען ער איז צוגע־קומען האָט ער געזאָגט — אַז די פערד זיינען גרייט.

ביי דער פאַנטאַזיע האָבען מיר זיך ניט געזאַמט, זעהר אונ־רוהיג איז חאַסאַן געווען. מען האָט דאָס זעהר שאַרף געמערקט אויף איהם, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די אַראַבער קענען זעהר שטאַרק בעהאַלטען זייערע געפיהלען פאַר אַ פרעמדען אויג. ענדליך איז ער אַבגעגאַנגען און אויך אונז גערופען. איך האָב פערשטאַנען אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט, אָבער פרעגען האָט מיר דאָך ניט געפּאַסט, ווייל סאַלימאַן איז מיינער אַ גוטער ברודער.

— ברוך הבא, יא זהיע! — איז חאַסאַן געבליבען שטעהן ביי אַ ביידעל. אַ יונגע אַראַבקע, אין אַ לאַנגער טונקעל־בלויער העמד,

איז פון דאָרט אַרויסגעקומען. איהר געזיכט אַ רונד־פּולער, וואָס בײַ די אָרטיגע אַראַבקעס זעהט מען דאָס ניט. אויפ׳ן קאָפּ האָט זי געהאַט אַ שמאָלען, לאַנגען טיכעל.

— וואָס מאַכסטו, זהיע? — האָט חאַסאַן איבערגעפּרעגט מיט אַזאַ צאַרטען טאָן, וואָס איך בין גאָר ניט געוואוינט געווען צו הע־רען בײַ די אַראַבער, ווען זיי ריידען מיט פרויען.

— וואָס געהסט איהר ניט צו דער פאַנטאַזיע? — האָט זי גע־שמייכעלט מיט איהרע ווייסע צייהן.

חאַסאַן האָט געשוויגען; מיט זיין בליק האָט ער זי גע־טרונקען.

— גיב מיר מטבעות, — האָט זי אויסגעצויגען די האַנט צו חאַסאַן׳ען. חאַסאַן האָט אַרויסגענומען אַ זעקעל פון בוזים און אָנ־געשאָטען איהר האַנט מיט פערשידענע זילבערנע מטבעות. זי האָט נור איינינע גענומען.

מיך האָט עס געוואָרפען ווי אין קדחת. שטעהן בײַ נאַכט מיט אַ פרעמדער פרוי און רעדען, איז בײַ די אַראַבער שוין גאָר ניט קיין קליינינקייט. גאַנצע שטאַמען זיינען אומגעקומען אין אַזעלכע נקמה־מלחמות. און איך הער ווי זי בעט זיך בײַ חאַסאַן׳ען.

— ניט היינט, ניט היינט. —

און חאַסאַן ענטפערט ענטשלאָסען:

— היינט איז די בעסטע צייט. היינט איז אַ פאַנטאַזיע.

אין די ביידלעך האָבען מיר דערהערט טריט. זהיע איז אַריין אין ביידעל, מיר זיינען נעגאַנגען אויף די טריט און דערזעהען אַ באַרוועסען אַראַבער אין אַ לאַנגער העמד.

— אַט סיגאַרע (גיב אַ פּאַפּיראָס) — האָט ער אונז אָב־געשטעלט. חאַסאַן האָט איהם געגעבען טאַבאַק.

— ווער איז די? — האָב איך געפרעגט סאַלימאַן׳ען אויף דער פרוי.

— „מאַרט סאַליעך על נורי“ (סאַליעך דעם קבצנ׳ס ווייב).

— פאַר וואָס ניט איהר חאַסאַן געלד?

— זי איז זיין געליעבטע.

— זיין געליעבטע! — האָב איך ניט געגלויבט מיינע אויערען.
— און דער מאַן?
— „נורי" (אַ קבצן) — האָט ער איראָניש געלאַכט.
דער וואָרט „נורי" האָט מיר אַלעם דערצעהלט. איינער איז רייך און שטאַרק, דער צווייטער איז אָרים און שוואַך און האָט אַ שעהנע פרוי. דער רייכער האָט זי ליעב. ברייננט ער איהר געלט, צירונג, קליידער. דער שוואַכער וויים פון דעם, ביי די אַראַבער איז נימאָ מען זאָל ניט וויסען, נור ער שווייגט, ער האָט מורא. זיין משפחה איז אַ קליינע. און דער וואָס האָט ניט קיין משפחה מוז שטאַרבען, זאָגען די אַראַבער, ער איז ווי אַ הונט.
— געהען מיר היינט? — האָט סאַלימאַן געפרעגט חאסאַן'ען.
— יאָ, — שאָקעלט ער מיט'ן קאָפּ. איהר געהט בריינגען די „חאַרדזשעם" (וועג־זעקלעך) און איך וועל בריינגען די פערד, — האָט ער פאַרקעהרט אין די ביידלעך.
מיין נייגעריגקייט האָט דערגרייכט דעם העכסטען גראַד. איך האָב ניט געקענט גלויבען מיינע אויגען, וואָס איך האָב געזעהען: אַ פרעמדע אַראַבישע פרוי, מיט אַ פרעמדען אַראַבער. איך האָב געטראַכט, וואָס געהן זיי טהון, ווען סאַלימאַן האָט זיך אָבגערופען צו מיר:
— געהן מיר אויף יאגד, יאַ חאַוואַדזשאַ?
— סאַלימאַן, איך בעשוועהר דיר מיט דיין גלויבען אין מחמעד'ס דאַוונען, דו מוזט מיר זאָגען, וואָס קומט דאָ פאָר? — האָב איך איהם געבעטען.
— גוט, יאַ חאַוואַדזשאַ, איך וועל דיר דערצעהלען, אָבער דו זאָלסט איבער דעם ניט ריידען — האָט ער מיך געוואָרנט און דער־צעהלט:
די נאַכט וועט חאסאַן צונעהמען זיין געליעבטע און וועט מיט איהר אַנטלויפען. וואָרט... וואָרט... — האָט ער אָבגעהאַלטען מיין ערשטוינונג, — מיט חדשים צוריק האָט ער עס געוואָלט טהאָן, אָבער זי האָט געוואָלט אַז חאסאַן זאָל זי אויסבייטען אויף זיין שוועסטער, אָדער אָבקויפען זיי ביים „נורי". חאסאַן איז רייך.

זיין פאָטער איז דאָ א שמיד, פארקויפט זאַלץ, ניט געלד, האנדעלט מיט תבואה. האָט ער געשיקט ריידען מיט דעם „נורי" און אָנגעבאָטען פאר זהיען זיין שוועסטער, דעם ווייסען עזעל און א „רזשיפט" (אראבישער ביקס). דער „נורי" האָט ניט געוואָלט און חאסאן וועט היינט מיט איהר אנטלויפען.

— און וואָס וועט זאָגען „נורי"! זיי וועלען דאָך אונז נאָכיאָגען...

— עה נורי! — האָט ער זיך צולאכט, — חאסאן וועט זיך בעהאלטען אין אזא אָרט וואו קיינער וועט זיי ניט געפינען.

שנעל האָט סאלימאן ארויסגעטראָגען די „חארדזשעם" און אויך אונטערגעבונדען א רעוואָלווער און שווערד. איך האָב אויך צורעכט געמאכט מיין געוועהר.

— יאלאָ! — האָט ער מיך גערופען נאָך זיך, פארוויקלענדיג זיין געזיכט אין א טיכעל אזוי, אז מען זאָל איהם ניט דערקענען.

— וואוהין געהען מיר? — האָב איך איהם נאָכגעטהאָן און מיר זיינען ארויסגעגאנגען אין די קליינע בוימעלעך ביי די בערג.

— וואוהין געהען מיר? — האָב איך איהם איבערגעפרעגט.

— שוויינ, שווייג — האָט ער געאיילט. מיר הערען טריט פון פערד און גלייך טאקע האָבען מיר אָנגעיאָגט חאסאנ'ען מיט פיער אָנגעזאָטעלטע פערד.

— דו וואַרט דאָ מיט די פערד, מיט וועלען באלד קומען — האָט מיר חאסאן איבערגעגעבען די צוימען און זיינען פערפאלען געוואָרען אין דער נאכט. איך בין געשטאנען אונטער'ן בוים מיט די צוימען אין די הענד און די גאנצע זאך האָט מיר אויסגעוויזען ווי א חלום פון מיינע קינדער יאָהרען, ווען איך בין געווען דער העלד פון דער „אייזערנער האנד" און „ אדלער פעדער". בעאונרוהינט האָבען די פערד זייערע קעפ אויפגעהויבען. אין די בוימער הערט זיך א רוישען. איך האָב אראָבגענומען מיין ביקס. דריי מענשען זיינען געקומען צו מיר. דאָס איז געווען חאסאן, סאלימאן און זהיע. שנעל האָבען זיי צונומען די פערד און געהייסען זהיע'ן זעצען זיך, אָבער זי איז מיט א גרילצענדען געשריי געפאלען צו דער ערד און

אַנגעהויבען יאָמערן אין דער נאַכט. סאַלימאַן איז מיט איין שפּרונג געווען נעבען איהר. ארויפגעוואָרפען זיין אבאיע, זי איינגעוויקעלט און מיט דער הילף פון חאסאַן׳ען זי אויפגעזעצט אויפ׳ן פערד און מיר זיינען געלאָפען. חאסאַן האָט געפיהרט פאַר׳ן צוים זהיע׳ס פערד, איך און סאַלימאַן הינטער זיי. מיר זיינען געלאָפען אָהן אַן אָבשטעל אַ היבש ביסעל צייט. מען האָט שוין אפילו ניט געהערט דאָס בילען פון אַ הונד אין די ביידלעך, ווען חאסאַן האָט אויס־געשריען:

— דאָ קערען מיר אָפּ, דו ווייסט דעם אָרט! — און האָט פאַרקעהרט אין אַ זייט. מיר זיינען געבליבען אליין און געלאָזט געהן די פערד זייער געוועהנליכען גאַנג. לעבען אַן אַלטער „סידרע“, ניט ווייט, איז סאַלימאַן געבליבען שטעהן. ער איז אַראָפּגעקראָכען פון פערד און, נישט ריידענדיג, אוועק אין דער זייט, פון וואַנען מיר זיינען אָנגעקומען.

א הילכיגע שטילקייט איז געשטאַנען ארום מיר. איך בין געזעסען אויפ׳ן פערד און געוואָלט טרעפען וואו איך געפין זיך. עס איז אומזיסט, די בוימער האָבען פערשטעלט דעם געגענד. פּלוצ־לינג האָט זיך מיין פערד א וואָרף געטהאָן אַן אַ זייט, נעבען אונז איז סאַלימאַן אויסגעוואַקסען. ער האָט גענומען זיין פערד און געהייסען פאָהרען נאָך איהם, ארויסלאָזענדיג בשעת מעשה אַן אויס־געצויגענעם שאַקאַלען געוויין. פון דער נאַכט, ערגעץ פון ווייט, האָט מען געענטפערט.

— מען יאָגט אונז נאָך! — האָט ער אַלץ שטאַרקער געטריבען דעם פערד. איך נאָך איהם. אַ ווינט האָט אונז אין פּנים געיאָגט. און ווידער האָט אַ שאַקאַל אויסגעשריען, אָפּגעהאַקט און ווייטער געוויינט.

— יאַלא, יאַ חאוואדזשאַ, מען איז חאסאַנ׳ען בעפאַלען! — האָט סאַלימאַן געשמיסען דעם פערד. ער איז איבערגעשפּרונגען בוימער, ער האָט ניט געקוקט אויף די קליינע „ודים“, ער איז גע־לאָפען. דער שאַקאַלען געוויין איז ביי זיי געווען אַן אָבגעמאַכטער סימן.

ווען מיר זיינען ארויפגעלאפען אויף א קליין בערגעל האבען מיר אונטער זיך דערהערט שטימען. אויפ'ן לויף האט סאלימאן אפגעשטעלט זיין פערד און איז שוין געשטאנען אויף דער ערד, איינהערענדיג זיך.

— מענשען — האט ער מיך גערופען נאך זיך, איבערלאזענדיג די פערד אויפ'ן בערגעל. פארזיכטיג אויף אלע פיער זיינען מיר געקראכען מיט די ביקסען אין די הענד. טעמפע שטימען, אויסגעשרייען האבען זיך ניט ווייט פון אונז דערהערט און, ווען מיר האבען ארויפגעקראכען א ביסעל, האבען מיר דערזעהען א גרופע אראבער שטעהען אין א קרייז און בעטראכטען א הייל ניט ווייט פון זיי. איינעם נאך'ן צווייטען האט סאלימאן אויסגעשאסען איבער זייערע קעפ. די אראבער זיינען זיך צולאפען אין אלע זייטען און פון הייל האבען מיר דערהערט חאסאן'ס קול.

— סאלימאן!

— סאלימאן — האט זיך דערהערט א קול פון די אנטלאפענע אראבער.

— שייך אחמער! — האט אויך סאלימאן אויסגעשריען פערוואונדערט און מיר זיינען זיך צוזאמענגעקומען.

— וואס טהוסטו דא, שייך אחמער? — האט נאך אלע בעגריסונגען געפרעגט סאלימאן.

— איך פאהר צו די „אחוואטווע", דערזעהן מענשען, געוואלט וויסען ווער זיי זיינען, האט ער זיך בעהאלטען אין הייל און געשאסען אויף אונז — האט דערצעהלט דער, וועמען סאלימאן האט שייך אחמער גערופען.

— דא ניט ווייט ביי „מזרעה" (א נאמען פון א טייכעל) זיינען ערשט דורכגעפאהרען „חאיאלען" פון די „אחוואטווע". זייערע טריט האב איך געזעהן — האט סאלימאן געזאגט דעם שייך אחמער, צואווינקענדיג מיר.

— ביי דיין לעבען! — האט יענער אויסגעשריען.

— ביי דיין גלויבען! — האט באשטעטיגט סאלימאן.

— יאַלאַ! — האָט שייך אחמעד גערופען זיינע מענשען און איז אָפּ.

— שייך אחמעד איז פון די „סחור", ער האָט בלוט מיט די „אחוואטווע", זוכט ער זיי שטענדיג — האָט מיר סאַלימאַן געגעבען פערשטעהן; מיר זיינען צונעקומען צו חאַסאַנ'ען.

— דו מוזט גלייך לויפען ווייטער, מען יאָגט אונז נאָך — האָט איהם סאַלימאַן געזאָגט. איך בין געווען ביי די ביידלעך און געהערט. די פאַנטאַזיע איז איבערגעריסען געוואָרען און מען זוכט אונז.

— און שייך אחמעד?

— זאָרג זיך ניט, ער וועט זוכען די אחוואַטווע — האָט זיך סאַלימאַן צולאַכט.

— דו האָסט טאַקע געזעהן די אחוואַטווע? — האָט חאַסאַן איבערגעפרעגט אונרוהיג.

— וואָס פאַר אַ „אחוואַטווע" — האָט סאַלימאַן געלאַכט, — איך האָב נור געוואָלט פּטור ווערען פון שייך אחמעד — און צוגעגעבען ערנסט, — לויף שנעלער, מען קען נאָך אָנקומען. ווען איך וועל דיך דאַרפען וועל איך דיך שוין געפינען.

אָהן אַ וואָרט האָט חאַסאַן אַרויסגעפיהרט זהיע'ן. זי האָט ניט געוויינט, צוזעגענט זיך מיט אונז, געזעצט זיך אויף זייער פערד און מיט שטילע טריט זיינען זיי אָבגעפאָהרען.

— וואָס וועלען מיר טהאָן? — בין איך געשטאַנען לעבען סאַלימאַן.

— מיר וועלען פאָהרען צו מיינעם אַ פריינד פון די סחור, — האָט ער געענטפערט נאָכטראַכטענדיג — דאָרטען וועלען מיר איבערוואַרטען די ערשטע פּאָר טעג — און שטיל צוגעגעבען די אַראַבישע ברכה: „אַללאַ איל אַללאַ מאַחמעד ראַסול אַלאַ".

מיט'ן פריהמאָרגען זיינען מיר געקומען צו זיין פריינד דעם סחור, אָבער איך האָב ניט געוואָלט בלייבען און בין אָבגעפאָהרען קיין ירושלים.

איך האָב געבעטען סאַלימאַנ׳ען, אז ער זאָל מיר לאָזען וויסען אויב עס וועט זיך עפּעס טרעפען מיט האסאַנען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז טאַקע געקומען סאַלימאַן אַליין און מיך גערופען געהן יאַגדען גאַזעלען, ווייל חאַסאַן מיט „נורי" האָבען שוין געמאַכט אַ „סאַלאַכע" (שלום). חאַסאַן האָט געגעבען דעם „נורי" פאַר זיין ווייב די שוועסטער, 2 העמדער, אַן עזעל מיט אַ ביקס.

וויפיעל איך האָב מיך געבעטען ביי סאַלימאַנען ער זאָל מיר דערצעהלען ווי אזוי עס איז געוואָרען, האָט ער נור געלאַכט „נורי", „נורי".

---

## נאָך ווילדע ענטלעך.

קיינער ווייס ניט, ווי וואונדער־שעהן איז די יאַגד נאָך ווילדע פויגלען אויף די ברעגען פון ים המלח! דער וואָס האָט דאָס איינמאָל געפּרובט, וועט עס קיינמאָל ניט פאַרגעסען. איבערהויפּט אין די לעצטע מאָנאַט־טעג, ווען די לבנה האַלט שוין ביים פערשווינדען.

געהסט אַרוים נאָך האַלבע נאַכט צום ירדן־אויסגוס. שטיל סוד׳עט זיך דער ים מיט׳ן ירדן, וואָס פאַלט אין איהם אריין. אזוי ווי ער וואָלט פערטרויט אַ געהיימניס די בערג וואָס שיסען ארויף צו איהם, קוקט אראָפּ דער וויטער הימעל.

געהסט אום, הערסט זיך איין. יעדער באַזונדער צווייגעל פאַרמשעפּעט דיך, פערהאַלט דיך, אזוי ווי עס וויל דערצעהלען, אז דעם גאַנצען זומער איז זי דאָ געשטאַנען פערוועלקט, פערשמאַכט אָהן אַ טראָפּען וואַסער, אָדער זיי דערצעהלען, ווער עס האָט גערוהט אין זייערע שאָטענס, וואָס פאַר פויגלען עס האָבען זיך דאָרט פערהאַלטען. ווער ווייס וואָס זיי רעדען? וואָס זיי דערצעהלען?...

ס׳איז שטיל. אנגעשטרענגט קוקסט דו זיך איין אין דער העלער טונקעלהיים. אַ שאָטען שלייכט דורך. דאָס איז אַ ווילדע

קאַץ אָדער אַ שאַקאַל. אַט לויפט אַ ווילדער חזיר, פאַרשקעט מיט די גאַז־לעכער, פלוצלונג שטעהן געבליבען, איינגעהערט זיך, און מיט גרויס גערויש פערשוואונדען אין דעם גראַז, וואָס וואַקסט ביים ברעג. דאָרט, ניט ווייט פון ברעג, שוואַרצט זיך עפּעס... מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם גנב'עסט זיך אונטער. אַ צווייגעל איז אונטער דיינע פיס צובראָכען געוואָרען, און דו בלייבסט שטעהן אַ פערשטאַרטער, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, גרייט צו שיסען.

שטיל רוישט דער ים־המלח. מילד פליסטערען די ביימער. איבערגעקהרט איז דער הימעל, און דו שטעהסט, הערסט זיך איין, קוקסט זיך אום, ווערסט צוזאַמענגענאָסען, ווערסט צושוואומען אין דער צויבערענדער נאַכט־שטילקייט.

און צו פאַרטאָג, נאָך דער אָנשטרענגונג און אומגעהן די גאַנ־צע נאַכט, אַ בעהאַנגענער מיט די געשאָסענע פויגלען און מיט טיעף־איינגעפאַלענע אויגען, זעהסטו אין די בערג, וואו דער הימעל האָט זיך אָראָפּגעלאָזען, ווערט ביסלעכווייז אַלץ ליכטיגער און ליכטיגער.

ווי דער געמורמעל פון פאַר'חלומ'טע בערג לויפט דורך אַ ווינטעל, איינגעהאַלטען האָט אַ פויגעלע געצוויטשעט. די ווילדע ענטלעך און גענז זיינען געקומען צופליהען פון זייער נאַכטלעגער און מיט גרויס גערויש אין וואַסער אַראָבגעפאַלען.

די גרויסע שוואַרצע ענטלעך מיט די געלע שנאָבלען פליהען איבער, מיט אַ גרויסען געשריי, פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען.

די שנעע־ווייסע שוואַנען קלאַפּען איבער'ן וואַסער מיט די ווייט־צושפּרייטע פליגלען און מיט אויסגעצויגענע אין דער הויך לאַנגע העלזער בעגעגענען זיי שטום די זון, וואָס האָט זיך אין מזרח געוויזען. עס איז טאָג.

* * *

איך ווייס ניט, אַזאַ מזל האָב איך שוין. ווען איך זאָל ניט געהן אויף יאַגד צום ים המלח, מוז מיט מיר שטענדיג טרעפען אַזוינס, וואָס מיט קיינעם טרעפט דאָס ניט, איין גאָט, דער אויבערשטער, ווייס פאַר וואָס עס איז!...

דאכט זיך, איך דארף געהן צום ירדן שיסען ווילדע ענטלעך. געהט מען, מע שיסט און מע קומט צוריק. איז גיין...

איין מאל אין חדש אדר האב איך בעדארפט זיין א שטיקעל צייט ביים ירדן, שיסען ווילדע ענטלעך, ווייל אין יענער צייט קומען אלע פויגעל, פון דער גאנצער וועלט, צום ירדן. איהר האט דארט אין יענער צייט אי גענז, אי ענטלעך, אי שוואנען, פעליקא־נען און אזוינע, וואס איך האב קיינמאל ניט געזעהען אין מיינע אויגען. פשוט זיי ווירבלען.

די צייט, איז אויך רעביע־צייט, ווען נאך די גרויסע רעגענס וויזט זיך די גרינע פאשע און די פערשיעדענע אראבישע שבטים, וואס וואהנען ביי די ברעגען פון ים המלח און ירדן, ברענגען צו־פיהרען זייערע טשערעדס גמלים פיטערען אויף די געזאלצענע גראז, וואס פערהיט זיי פון פערשיעדענע קראנקהייטען. אזוי זא־גען זיי.

מיט דעם וועג פון אבו־מוסא בין איך צום ירדן געגאנגען אן אנגעטהאנענער ווי אן אראבער. ווען איך בין אראפ אין טהאל, צו דעם געזאלצענעם וואסער־קוואל „דושעזאיער“, האב איך געטראפען א גרופע יונגע אראבער. זיי זיינען געזעסען אונטער א בוים און געגעסען מיטאג. ניט אלע פון זיי האבען געטראגען געוועהר. ווייל אין דער צייט האבען די אראבער ניט מורא פאר די אנפאלען פון די שכנים. אין דער צייט שיקען זיי זייערע טשערעדס איין שבט נאכ'ן צווייטען, לויט אן אבמאך וואס זיי שליסען צווישען זיך.

— סאליאם אלייקום, — בין איך צו זיי צוגעקומען.

— אלייקום על סעליאם, איטפאדאל, — האבען זיי זיך צו־רוקט און פאר מיר אויך געמאכט ארט. איך האב זיך געזעצט עסען. עס איז שוין געווען נאך האלבען טאג. זעצן מיר אזוי און און טרינקען גמל מילך, און ניט ווייט פון אונז, אין די נידעריגע בוימלעך, פיטערען זיך די גמלים. און פלוצלונג:

אונרוהיג האבען די גמלים אויפגעהויבען זייערע קעפ. צארנ־דיג האבען די הינט געברומט און, מיר ווייסען ניט פון וואנען, זיינען

צו אונז צוגעשפרונגען א פּאָר רייטער, מיט אָנגעשטעלטע ביקסען, פערוויקעלטע געזיכטער און געהייסען זיצען, ניט ריהרען זיך פון אָרט. וויפיעל צייט מיר זיינען געזעסען, ווייס איך ניט. עס האָט זיך צוטראָגען א שארפער פייף, מיט א ווילדען אויסגעשריי האָבען די אראבער א קלאפּ געטהאָן זייערע טהייערע אראבישע פערד, און זיינען אנטרונען געוואָרען. און דאָ האָבען מיר דער־זעהען, אז עס פעהלט א האלבע טשערעדע גמלים. דאָס זיינען גע־וועזען רויבער. ווען מיר זיינען געזעסען אונטער זייערע ביקסען, האָבען זייערע חברים אָבגעשניטען און אוועקגעטריבען א האלבע טשערעדע גמלים. איז געוואָרען א טומעל.

ווער עס האָט געשריען, אז דאָס זיינען געוועזען „דרוז", ווער — אז דאָס זיינען „דזעש", ווער עס איז געלאָפען אין יריחו צו דער רעגיערונג, און ווער נאָך די טריט פון די רויבער, און אייניגע זיינען געלאָפען צו זיך אין דאָרף אָנזאָגען וועגען דעם רויב, און ביז זייער דאָרף איז א טאָג מיט א האלב גאנג. איך אָבער האָב ניט גע־וואָלט ארייגפאלען אין א גרעסערער צרה, און בין אוועק צום ירדן, צו די גריבער פון מיינעם א בעקאנטען פיש־כאפּער, וועלכער האָט מיר שוין לאנג צוגעזאָגט, פאָהרען מיט מיר אין זיין שיפעל אויף דער נאכט־יאגד נאָך ווילדע ענטלעך.

פאָרנאכט בין איך צום ברעג ירדן צוגעקומען. איך האָב דעם גרעק גערופען. זייןביידעל איז געוועזען אויפ'ן צווייטען זייט. נאָך א לאנגען שרייען יאַני, יאַני (אזוי האָט געהייסען דער גרעק) האָט זיך דערהערט א וואסער־געהויש און זיין שיפעל איז צוגעקומען.

— וואָס אזוי לאנג? — בין איך אין שיפעל אריין.

— איך בין געוועזען ביי די נעצען, — האָט ער זיך פערהוסט. זיינע האָר זיינען געוועזען פערבונדען מיט א טיכעל און זיין שוואר־צע בערדעל האָט זיך געטרייסעלט.

— וואָס איז דיר?

— איך האָב זיך פערקיהלט. ארויסשלעפּענדיג די נעצען

בין איך ארייננעפאלען אין וואסער, — האט ער ניט אויפגעהערט צו הוסטען.

ביי זיין ביידעל האב איך געטראפען דעם שווארצען סאלים פון דעם דארף אבו־דיז, א געפעהרליכער רויבער און אויסגעצייכענטער יעגער. ער טהוט גאר נישט. אין דארף ווערט מען איהם קיינמאל ניט געפינען. ער פערנעהמט זיך מיט רויבעריי, גנבות און קליי־בען צינז ביי די פיש־כאפערס וואס זיצען ביי דעם ירדן־אויסגוס.

יאניס חבר, דער מוגראבי, האט געבראכט פיש און געגרייט עסען. אין א ביידעל פון געפלאכטענע צווייגען זיינען מיר גע־זעסען.

— זעהסט? — האט יאני אין דער הויך זיין קורצע האנט אויפגעהויבען. אויף זיין גרויסען פינגער איז געווען אנגעטהאן צוויי גרויסע בלייענע פינגערלעך. ער האט אנגעוויעזען אויף דעם אבגעשניטענעם קאפ פון א בוים, וואו אין די צוזאמענגעפלאכטענע צווייגען איז געמאכט געווארען א געלעגער.

— צו וואס? — האב איך זיך געוואונדערט.

— אזוי זיך, פון די „דעבעס" (גיענע) און אויך אראבער... האט ער שטיל אויסגערעדט.

דער שווארצער סאלים האט געשמייכעלט, ווייזענדיג זיינע גרויסע, ווייסע צייהן. ניט ווייט האט זיך דערהערט א ציטערענדיג, אבגעהאקט־גראבער געלעכטער פון דער דעבע.

— הערסט, — האט מיר יאני אין יענער זייט בעמערקט, — אזוי איז אלע נאכט. דא איז זייער ארט געווען און מיר האבען זיי פערטריבען.

— איהר קענט דאך זיי שיסען?...

— אונזערע ביקסען האלטען מיר בעהאלטען. מיר האבען מורא, די אראבער וועלען זיי ביי אונז צונעהמען — האט ער שטיל ארויסגערעדט, אז דער שווארצער סאלים זאל ניט הערען.

— האב קיין מורא, איצט וועלען זיי ניט קומען, — האט זיך דער שווארצער סאלים אבגערופען. ער האט, ווייזט אויס, געהערט יאניס ווערטער.

— דאָן האָסטו אויך דאָס אייגענע געזאָגט, און אונז האָט מען דאָך בערויבט, — האָט יאַני פאַרגעוואָרפען.

— דאָס זיינען געווען פון אונזער דאָרף. איך האָב זיך מיט זיי צוקריגט. און זיי האָבען גענומען נקמה אין מיר מיט דעם וואָס מען האָט אייך בערויבט, — האָט ער העכער אונטערגעהויבען זיין קרומען שווערד און די מעשענע פּאַטראָנעס.

— איטפּאַדראַל, — האָט אונז יאַני איינגעלאַדען צו די גע־קאָכטע פיש און פּיטעס (מצות), וואָס זיין חבר האָט פאַר אונז געשטעלט. ער האָט אויך אַ פלאַש קאָניאַק געבראַכט. דער שוואַרצער סאַלים האָט זיך צו איהר גאַנץ פיין צוגעלענט.

— אַ מיסלים טרינקט? — האָב איך זיך פערוואונדערט. ער האָט געלאַכט, בליצענדיג מיט די ווייסלעך פון זיינע אויגען און דאָס שוואַרצע, ווי אַספּאַלט, געזיכט האָט געשיינט, ווי מיט פעטס אָנגעשמירט. נאָכ'ן עסען האָט יאַני געמאַכט קאַווע און מיר, אַלס גאַסט, דעם ערשטען געגעבען די נאַרגילע. איך האָב זיך פאַרצויגען און איבערגעגעבען דעם שוואַרצען סאַלים. יאַני האָט אונטערגעוואָרפען האָלץ צום פייער.

די נאַכט האָט שוין אונזער ביידעל באַדעקט. אַ שטילער פליסטערען האָט זיך געהערט אין די בוימער. ווידער האָט זיך אַ דעבע צולאַכט, שוין גאָר נאָהענט, נעבען אונז.

— אַזוי אַלע נאַכט, — האָט זיך יאַני פאַרהוסט. איך האָב מיין ביקס געכאַפּט, געוואָלט גיהן דערשיסען די דעבעס, נור דער שוואַרצער סאַלים האָט מיך פאַר'ן האַנד אָפּגעהאַלטען.

— געה ניט, — האָט ער מיר שטיל געזאָגט, — דו וועסט זיי ניט דערשיסען. זיי וועלען פון וויטען דערפיהלען אַז דו טראָגסט אַ ביקס און אַנטלויפען. צו דעם מוזט דו ביידע דעבעס דערשיסען, דעם „ער" מיט דער „זי" ווען ניט, וועלען זיי קיין רוה ניט האָבען, — האָט ער אויף יאַני'ן אָנגעוויזען.

— די דעבעס האָבען ניט קיין ציינער, ווי אַלע חיות, — האָט ער ווייטער פאָרטגעזעצט, — נאָר איין ביין אויבען און אַ ביין אונטען. זיי קענען אפילו שטיינער צומאַהלען מיט'ן מויל.

איך האָב איהם ניט געגלויבט. ניט דאָס מיט בעדויערען, ניט דאָס מיט פעראכטונג האָט ער אויף מיר געקוקט, וואָס איך בין אזוי אונוויסענד.

— פאר וואָס אנטלופען זיי, ווען זיי דערפיהלען א בעוואָפענטען מענשען ? — האָב איך ניט געוואָלט גענצליך פאלען אין זיינע אויגען.

— אזוי האָט זיי אללא בעשאפען, — האָט ער פרום זיינע אויגען צום הימעל אויפגעהויבען. — אפילו אן אונבעוואָפענטען מענשען קענען די דעבעס נור דאן בעפאלען, ווען ער ליגט, אדער שלאָפט.

הא האָב איך זיך ניט געקענט איינהאלטען פון א שמייכעל.

— וואָס לאכסט דו ? — האָט ער אויף מיר מיט זיינע אויגען געבליצט. די קעפיע ארום פנים פערוויקעלט און דעם אגאל אויף א זייט אנגערוקט.

— הער צו, „קופר", וואָס ביי אונז אין דאָרף האָט זיך געטראָפען, — האָט ער צאָרענדיג זיין ברייטען גאָרטעל און מעסער פאררוכט. — איין מאָל האָט א פעלאך (פויער) פון אונזער דאָרף געפיהרט זאלץ. עס איז שוין געוואָרען נאכט און זיין מיעדער אייזעל האָט ניט געוואָלט מעהר געהן. וויפיעל דער פעלאך האָט געשלאָגען און געשטאָכען דעם אייזעל, עס האָט ניט געהאָלפען. דער אייזעל וויל ניט געהן. האָט ער געמוזט בלייבען נעכטיגען אין וועג. אראָפגעוואָרפען האָט דער פעלאך דעם זעקעל זאלץ, צוגעבונדען דעם אייזעל און אליין זיך געלעגט שלאָפען אויפ'ן זעקעל. דערפיהלט האָט איהם א „דעבע" און צוגעקומען. ווען ער ליעגט אויפ'ן זאק קען זי איהם ניט נעהמען. האָט די דעבע אנגעהויבען אונטערגראָבען דעם זאק, דער מענש וועט זיך אראָבקייקלען און זי וועט איהם צורייסען. זי האָט שוין א האלבען זאק אונטערגעגראָבען, דער פעלאך וואָלט זיך שוין אראָבגעקייקעלט, און דאָ האָט זיך דער אייזעל צושריען. דער פעלאך האָט זיך אויפגעכאפט און ניט טויט ניט לעבעדיג געבליבען שטעהן נעבען דער דעבע. א שטעהענדיגען קען איהם די דעבע גאָר נישט טהאָן.

אזוי זיינען זיי געשטאַנען איינער געגען דעם צווייטען, ביז פון דער ווייט, אויפ'ן וועג, האָבען זיך דערהערט גלעקלעך קלינגען, א קאַריוואַן געהט. שטיל האָט די דעבע אויסגעשריען און איז אַנטלאָפען, — איז ער אַנטשוויגען געוואָרען מיט נצחון קוקענדיג אויף מיר.

קוים וואָס דאָס פייערל האָט געברענט. געברויזט האָט דער ירדן אריינפאַלענדיג אין ים המלח. צוזאַמען האָט זיך א שאַקאַל, נאָר גלייך איבערגעריסען. די דעבעס האָבען זיך ווידער איינער מיט דער צווייטער איבערגעשריען, און אַלעם האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם צוגעהערט זיך צו דעם אָבגעריסענעם געלעכטער, נור א פוקסעל האָט פון ערגעץ שפּאָטיש אויסגעלאַכט דעם שרעק אין דער נאַכט.

— מען דאַרף שוין באַלד פאָהרען, די לבנה ווייזט זיך, — איז דער שוואַרצער סאַלים אויפגעשטאַנען.

— גיב מיר קוילען און פולווער און פיהר מיך איבער אויפ'ן צווייטען ברעג, — האָט ער זיך געווענדעט צו יאַני'ן. איך בין געבליבען אַליין.

מיט'ן פוס האָב איך דעם פייעריל פאַרריכט ער זאָל בעסער ברענען. פון ברעג, וואו יאַני און דער אַראַבער זיינען אוועק, האָבען זיך הויכע שטימען דערהערט. די ווערטער האָט מען ניט געהערט.

אָהן אַן אויפהער האָבען זיך די דעבעס איבערגערופען, אזוי ווי זיי וואָלטען געדראָהט די וואָס האָבען זייערע ערטער פערנומען. דער לבנה־שיין האָט זיך אריינגע'גנב'עט אין די בוימער, ווי א גאָלדענער געשפּענסט געבליצט און האַרט צו דער ביידעל געקומען.

— טראַכט ניט. די נאַכט איז אַן אויסגעצייכענטע פאַר דער יאַגד, — איז יאַני צוגעקומען.

— קום, — בין איך אויפגעשטאַנען.

עס איז צייט, מיר וועלען טרינקען קאַווע. נו אַן ארבער, — האָט ער שוואַר אָבגעזיפצט, זעצענדיג זיך נעבען פייער.

— וואָס איז ביי דיר געווען מיט דעם שוואַרצען?

— אָן אַראַבער ,ער וויל, אַז איך זאָל איהם אָבגעבען אַלעס וואָס איך האָב. ווילסטו טומבאַק? — האָט ער מיר די נאַרגילע דערלאַנגט. יאַני האָט זיך געמאַכט אַ סיגאַר, דערלאַנגט די קליינע שאָהל קאַווע און מיר זיינען ביידע געזעסען, איינהערענדיג זיך ווי די נאַרגילע בולקעט, איינפּלעכטענדיג זיך אין די אונבעשטימטע, איינצעלנע אויסגעשרייען, וואָס עס האָט זיך געטראָגען פון די ביימער.

— איצט איז דאָך בעסער ווי פריהער, — האָט יאַני פערטראַכט אויסגערעדט. — פריהער ווען סאַלים פלעגט זיך צוקריענען מיט זיינע דאָרפסלייט, האָט זיך עס צו אונזער קאָפּ אויסגעלאָזען. אונז האָט מען בערויבט אויס נקמה צו איהם. אַראַבער דאָרפען אַריבערגעהן דעם ירדן, רופט מען אונז. זיי וועלען דאָך ניט געהן צום בריק, וואו די רעגיערונגס סאָלדאַטען שטעהען. און איבערפיהרען דאַרפען מיר זיי, קאַווע מאַכען, פיש אָבקאָכען. און גאַנץ אָפט בערויבט מען שוין אויך פאַראיינס. — האָט ער זיך ווידער צוהוסט.

אין דער לופט האָט זיך געטראָגען אַ פייכטקייט. איך האָב געציטערט.

— מען דאַרף פאָהרען, — האָט יאַני געקוקט אין הימעל, און מיר זיינען געגאַנגען צום ברעג. שטילשווייגענד האָבען מיר זיך אַריינגעזעצט אין דער פלאַך־דעקיגער שיפעל, אָבגעשטופּט זי פון ברעג און מיט אַן אונגעהייערע שנעלקייט האָט אונז געטראָגען דער וואַסער־שטראָם צום ירדן־אויסגוס. צייטענווייז האָט יאַני מיט'ן רודער געגעבען דער שיפעל אַ ריכטונג.

ווי זיי וואָלטען איבערגעגעבען אַ שטילען געררס דעם ים, האָבען די ביימער געפליסטערט צום טייך, וואָס איז אַ שוואַרצער מיט גילדערנע פלעקען פערביינגעלאָפען. אָט איז די לבנה אַרויפגעשוואומען און מיר האָבען זיך געטראָגען איבער אַ טייך פון צוגאָסענעם געלען גאָלד. נור ביי'ם ברעג איז געוועזן שטאָק־פינסטער.

— האלט זיך! — האט יאני פלוצלונג אויסגערעדט הייזעריג, און שטארק די שיפעל א קעהר געטהאן. איך בין שיער ארויסגע־פאלען און דא זיינען מיר אריינגעשוואומען אין א שטילען „לאק" וואס האט אויסגעזעהען ווי א גאלדענער שפיעגעל, ארומגערינ־געלט פון די געוואוקסען, וואס האבען פערשטעלט, ווי א וואנט, די ברעגען.

— הערסט? — האט זיך יאני אבגערופען. — איך האב דערהערט א שלאפענדיגען פויגעל־קלאכטשען.

— ענטלעך, — האט ער זיך פערהוסט. מיט צארנדיג־גרויסע אויגען האב איך איהם געהייסען שווייגען. מיט דער האנד האט ער זיין מויל פערשטעלט. איך בין געזעסען מיט אן איינגעהאל־טענעם אטהעם מיט'ן ביקס אין האנט גרייט צו שיעסען. מיר זיינען געשוואומען ווייטער, צו די שווארצע קופקעס, וואס מיר זעהען פון דער ווייטען.. גאלדענע פערל זיינען געפאלען פון אונ־זערע שטייער־רודערס, צוטרייבענדיג קליינע קרייזען.

— קכ... קכ... קכ.. האט זיך הינטער מיר דערהערט יאני'ס הוסטען

אן אויפגעציטערטער האב איך זיך אומגעקוקט, און ווען מיין בליק וואלט געהאט א קראפט, וואלט יאני געבליבען ליגען א טויט־טער. געשווינד האט ער א ברעג פון דער אבאיע אריינגעכאפט אין מויל. איך האב געזעהען, ווי זיין געזיכט האט זיך אנגע־בלאזען, גרייט צו פלאצען.

מיר זיינען נעהענטער צוגעשוואומען צו די שווארצע קופקעס. ווי אין א פיבער בין איך געזעסען מיט די פינגער אויף דעם ציינגעל פון ביקס גרייט צו שיסען און... שטיל האט אבגעקלאפט די שיפעל און איז שטעהן געבליבען. יאני איז געלעגען צונויפגעדרעהט אויפ'ן דעק פון שיפעל. די קאפ אין אבאיע פערוויקעלט.

קכשש... קכש... קכשש... האט ער זיך געטרייסעלט

—יאני יאני, — האב איך ווי א שלאנג געשיפעט. ער האט די קאפ אויפגעהויבען. איך האב איהם געוויזען די שווארצע קופ־קעס שלאפענדיגע ענטלעך. זיי זיינען שון גאר נאהענט געווען.

מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז „זיי" הערען אַלעס און באַלד וועלען זיי אָוועקפליהען. אָבער דאָ איז יאַני אויפגעשטאַנען און מיר זיינען געשוואומען ווייטער. מיר זיינען שוין גאָהענט. איך זעה זיי, אָט זיצען זיי אונבעוועגליך, שלאָפענדיג אויפ'ן וואַסער. איינע שרייט אוים פון שלאָף און עס איז ווייטער שטיל. איך הויב אויף דעם ביקס, שטעל אָן אין דער מיט פון דער קופּע, און... קב... קב... קב...

פּירררר... האָבען די ענטלעך געראַשט, אויפהויבענדיג זיך פון וואַסער. ניט פערשטעהענדיג, וואָס דאָ איז פּאָרגעקומען, בין איך אַ געלוימטער געזעסען אויף מיין אָרט.

קב... קב... קב... האָט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער יאַני'ס הוסטען געקלונגען. מיט אַ פלוך האָב איך איהם געהייסען פּאָהרען צום ברעג, וואו איך בין אַרויסגעקראָכען פון שיפעל און דאָרט ערגעץ ווייט, ווייט האָט זיך געהערט ווי די ענטלעך האָבען זיך אין וואַסער אַראָפּגעלאָזט. עס האָט אָנגעהויבען טאָגען.

---

## שעקספּיר ביי די אַראַבער.

שוין שפּעט אין דער נאַכט בין איך מיט מיין בעקאַנטען אַראַבער אַבו־ראַס צום ירדן געקומען. אין ירחו האָבען מיר זיך ביידע געטראָפען און ער האָט מיך גערופען געהן אין סוועמע, ווייל מאָרגען איז די בעגרעבעניש פון מיין פריינד אַבו־בינאַט, דעם שייך פון די ביידלעך, וועלכער איז געשטאָרבען אַ געביסענער פון אַ ווילדע חיה „שייטאַן", ווי דער אַבו־ראַס האָט דאָס אָנגערופען.

מיך האָט זעהר געוואונדערט דער שייטאַן, ווייל איך ווייס, אַז אין סוועמע איז ניטאָ קיין בעזונדערע חיות; אויב אַ היענע אָדער אַ חזיר, אַנטלויפען זיי פון מענשען, און איך בין געגאַנגען זעהן, וואָס איז דאָרט. צו דעם האָב איך געוואָלט אָבגעבען כבוד מיין בעסטען פריינד, וועלכער איז אַזוי פּלוצלינג געשטאָרבען.

איבער'ן בריק האָט אַבו־ראַס ניט געוואָלט געהן, ווייל ער האָט געהאַט אַלטע חשבונות מיט די רעגירונגס־וועכטער פון בריק. און

ער האָט געפונען אַ פלאַכען אָרט, וואו מיר זיינען דעם ירדן איבער־געגאַנגען.

שטיל ווי אַ וואָלף, קוים וואָס מען האָט געהערט, איז אַבו־ראַס פאַראויסגעגאַנגען. ווי אַ שלאַנג האָט ער זיך געגליטשט אין די בוימער, צייטענווייז איינהערענדיג זיך אין דער נאַכט, קוים, קוים וואָס איך האָב איהם נאָכגעהאַלטען מיט מיינע ווייכע אַראַבישע שיך. פלינק, געשיקט אַזוי ווי אַ נאַכט־געשפענסט, איז אַבו־ראַס געגאַנגען.

— הערסט! — איז ער פלוצלונג שטעהן געבליבען. — איך האָב מיך אָן איהם אָנגעקלאַפּט. מיט אַ געלען פייערל האָבען זיינע ברייט אָפענע אויגען געפינקעלט. דעם ביקס האָט ער אין דער האַנד געהאַלטען און האָט זיך אונטער אַ בוים געלעגט. איך האָב איהם נאָכגעטהאָן. — מען געהט, — האָט ער שטיל, צו זיך אַליין געזאָגט.

ווער און וואו מען געהט האָב איך ניט געהערט, נאָר דעם רויש פון ירדן און דעם ברויזען פון ים המלח האָב איך געהערט, דאָס סוד'ען זיך פון די בלעטעלעך און צווייגען האָב איך געהערט און מעהר נישט. אונבעשטימטע קלאַנגען, שטראָמען, קרעכצען, שפּיע־לען האָט זיך געטראָגען אַרום אונז און פול געמאַכט די נאַכט. אָבער אַז מען געהט האָב איך דאָך ניט געהערט. פרעגענדיג האָב איך איהם אַ שלעפּ געטהאָן.

— מען געהט צום ירדן, — האָט ער מיר אָנגעוויזען אין דער זייט, פון וואַנען מיר זיינען געקומען, און פלוצלינג אַז ער אין די בוימער פערשוואונדען. מיך האָט זעהר פערדראָסען, וואָס ער האָט מיך איבערגעלאָזען אַליין, און אָבצוטהאָן איהם האָב איך מיך אָנ־געהויבען גנב'ענען אין די בוימער. איך האָב דערהערט שטימען און געבליבען שטעהן.

אויף דעם ריינעם, אָהן בוימער און טשערעט, ירדן־ברעג, וואו מיר זיינען פון וואַסער אַרויס, האָב איך שאָטענס דערזעהן. איינער פון זיי אין וואַסער אַריין און איך האָב געהערט, ווי זיי ריידען שטיל צווישען זיך. איך האָב געכאַפּט די צוויי ווערטער „דזאַמאַל"

(גמל) און „חאיאל״ (רייטער) און אויך דעם קול פון אבו־ראס האָב איך דערהערט. איך האָב פערשטאַנען, אַז דאָס זיינען נאַכט־רויבער פון עבר הירדן, וואָס געהען אויפ׳ן צווייטען זייט גנב׳ענען גמלים אָדער עפּעס אַנדערש. אַבו־ראַס קען זיי. און איך זעה ווי פון די בוימער געהען אַרויס מענשען און פאָהרען איבער דעם ירדן. איך האָב אָנגעצעהלט ביז פופצעהן פוס־געהער. און דאָ האָבען זיך אויך אָנגעהויבען ווייזען רייטערס. ווען זיי ווייסען, אַז איך זעה זיי!

איך האָב ניט געוואַרט ביז זיי וועלען אַלע איבערגעהן דעם טייך און האָב מיך אומגעקעהרט אויף מיין אָרט. איך האָב ניט געוואָלט אַבו־ראַס זאָל וויסען, אַז איך האָב זיי געזעהן. נאָר אין דער פינסטער האָב איך שוין ניט געקענט טרעפען דעם אָרט, וואו איך בין געשטאַנען, און שטיל אין די בוימער אַרומגעגאַנגען. איך האָב דערהערט אַ שאַרכען. אַבו־ראַס איז לעבען מיר אויסגע־וואַקסען.

— וואָס טהוסטו דאָ? — האָט ער מיך פאַרשעמדיג געפרעגט.

— דאָ איז פאַרביי־געלאָפען אַ חזיר, — האָב איך ניט לאַנג געטראַכט.

— יאַללאַ, מיר געהן, — האָט ער נאָך אַ קליין נאָכטראַכטען געזאָגט, און איך בין איהם ווייטער נאָכגעגאַנגען. יעדע צעהן טריט שטעלט ער זיך צו, הערט זיך איין און געהט ווייטער. פרעגען איהם האָב איך ניט געוואָלט. איך האָב ניט געוואָלט וועקען זיין פער־דאַכט.

שפּעט זיינען מיר צו די ביידלעך געקומען. אַלע זיינען שוין געשלאָפען, נאָר די הינט האָבען אונז מיט אַ שטאַרקען בילען בע־גענענט. איך האָב ניט געוואוסט וואוהין, צו וועמעס ביידעל פיהרט ער מיך. ווייל אין דער פינסטער האָב איך זיי ניט דערקענט.

— היי סבחיה! — איז ער שטעהן געבליבען אַרום ביידעל און געטרייסעלט די שטריק.

פון ביידעל איז אַרויס אַ הויכע פרויען־געשטאַלט. אין דעם שאָטען פון ביידעל האָב איך איהר געזיכט ניט געזעהן. די פרוי איז אַ ווילע געשטאַנען, זיך איינגעקוקט, און דאַן מיט אַ ברייטען ברוך

הבא צו מיין האנד צוגענאנגען און זי געקושט. איך האב זי דער־קענט: דאס איז געווען די ערשטע ווייב פון פערשטארבענעם אבו־בינאט.

— דו ביזט הונגעריג? — האט זי מיך נאך אלע בעגריסונגען געפרעגט.

— מיעד, — האב איך איהר געענטפערט, און אבו־ראס האט זיך שוין פערנומען מיט מאכען קאווע. איך האב מיך געוואונדערט אויף דער שטילקייט, וואס איז געווען אין די ביידלעך. קיינעם האב איך ניט געזעהן. די אראבער לעגען זיך ניט שלאפען אזוי פריה, ווייל אין אזעלכע נעכט האבען די אראבער לעב צו זיצען אין א קרייז, טרינקען שווארצע קאווע און הערען מעשיות דערצעהלען, גייעם און אויך טאקע א ביסעל רכילות טרייבען.

טוק־טוק, טוק־טוק... טוק־טוק־טוק... — האט אבו־ראס געקלאפט מיט דעם הילצערנעם אויבערשטויסעל, קאווע געשטויסען. פון אלע זייטען האט מען זיך אנגעהויבען צוזאמענגעהן, הערענדיג די קלעפ און דעם נעשמאקען ריח פון דער געברענטער קאווע, וואס די אראבער פיהלען דאס פאר א קילאמעטער. איך גלויב, ווען א געשטארבענעם אראבער. זאל מען באלד נאך זיין טויט אונטערטראגען א שאל שווארצע קאווע, וואלט ער זיך אויפגעהויבען, אויסגעטרונקען און ווייטער זיך געלעגט. קאווע!...

— וואס איז דא היינט אזוי שטיל? — האב איך געפרעגט די, וואס זיינען ארום מיר אין איין קרייז געזעסען, געקומען, הייסט דאס, דעם גאסט מקבל פנים זיין.

— דער שייטאן האט אונז בעהערשט, — האט איינער פון זיי געענטפערט.

— און אבו בינאט האט ער אויך צוגענומען, — האט נאך איינער אונטערגעהאלטען.

אלע האבען געשוויגען, מיט די גרויסע פיפקעס אין מויל גע־טרונקען די קליינע שאל קאווע, וואס אבו־ראס האט איינעם נאך דעם צווייטען געטהיילט, ווייל נאר איין קליינע שאל איז געווען פאר אלעמען.

— ווער האָט איהם געזעהן, דעם שייטאַן? — האָב איך ווייטער געפרעגט.

— איך! איך! איך! — האָבען זיך אייניגע קולות דערהערט.

— ווי זעהט ער אויס און וואו האָט איהר איהם געזעהן?

— דאָרט האָב איך איהם געזעהן, — האָט איינער מיט זיין האַנד אין דער זייט פון ירדן אַ מאַך געטהאָן. — נעכטען פאַרנאַכט בין איך דאָרט געוועזן, און פון צווישען די בוימער איז אויף מיר אַרויסגעלאָפען אַ גרויסע, ווייסע חיה, מיט גרויסע האָר בעוואַקסען. איך בין אויף אַ בוים אַרויפגעקלעטערט.

— איך בין פון מהאַמער דיאַב געגאַנגען — דאָס איז אויך פאַרנאַכט געוועזן, — האָט נאָך איינער געזאָגט, — און אַרויסגעהענדיג פון די בוימער אַרום גרויסען שטיין, האָב איך דערזעהן פאַרביילויפענדיג עפּעס אַ גרויסע, ווייסע חיה מיט אַן אָראָבגעלאָזענעם קאָפּ און עק. איך האָב מיך הינטער'ן בוים בעהאַלטען.

— ער איז גרויס ווי אַ בהמה... ער האָט פייערדיגע אויגען... ווי אַ דעבע... ער האָט שוין פיעל מענשען געביסען... — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטען — און מען האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען ווי, ווער עס האָט געקענט.

— פיעלייכט איז דאָס אַ משוגענער הונד? — האָב איך אַ סברה אַרויסגעזאָגט.

ברוגז זיינען זיי אַלע אַנטשווינגען געוואָרען און אָנגעבלאָזען געוואָרען. אייניגע זיינען אפילו אויפגעשטאַנען און אַוועק אין זייערע ביידלעך. מיר אַלע זיינען געזעסען די פיס אונטער זיך, פערוויעגט פון דער נאַכט, און האָבען קיין וואָרט גערעדט.

ווי גוט איז אין אַזעלכע נעכט צו זיצען אין אַט אַזאַ'ן אָרט, וואו עס ווייזט זיך דיר אויס, אַז דו זיצסט אין אַ טיעפער מורא'דיגער גרוב, וואו עס הויבען זיך ווי ווענט די בערג אַרום און אַרום; שטיל ברויזט דער ים־המלך, דער ירדן רוישט, דער ווינטעל קומט אָן פון ערגעץ, ברענגט מיט זיך דעם שטילען גערויש פון די בלעטער, דעם שאַרף פערדעמפּפטען באַסע־דופט און אַזעלכע ווייכע, שטילע, אונענדליכע שטימען. מען ווייסט ניט פון וואַנען, ניט ווען זיי קומען.

— דערצעהל אונז, וואס הערט זיך עפעס אין דער וועלט, — האט זיך צו מיר אן אלטער אראבער געווענדעט, צונעהמענדיג די לאנגע פיפקע פון מויל און טהוענדיג א גרויסען, הויכען שפיי, נאר גלייך האט ער דאס מיט'ן פינגער פערשארט; ער ווייס ווי מען האלט זיך צווישען מענשען.

— איך בין ביי אייך א גאסט, און דעם גאסט דארפט איהר אונטערהאלטען, דערצעהלט עפעס, — האב איך זיי געענטפערט.

— ער איז גערעכט, — האבען זיך מיטפיהלענדע שטימען געהערט.

— היי, אבו־ראס, דערצעהל עפעס, לאז אונז הערען דיין שטי־מע... דערצעהל פון דעם קאדי, — האבען זיך אלע געווענדט צו אבו־ראס'ען, וועלכען מען האט אפילו ניט געהערט, אזוי ווי ער וואלט ניט געווען.

ניט ריידענדיג קיין ווארט, איז אבו־ראס אויפגעשטאנען, אריין אין ביידעל און גלייך האט ער זיך אומגעקעהרט מיט דער רעבאבא אין דער האנד. דאס איז א ברעטעל אין דער פארם פון א פידעל, אויף וועלכער עס איז אנגעצויגען צוויי־דריי פאדים אדער האר פון א פערדען־עק און אנשטאט דעם סמיטשיק — אן אויסגעבויגט פייכט שטעקעלע, אויף וועלכען עס זיינען אויך פעדים אדער האר אנגעבונדען.

— זוממ... — האט זיך פלוצלינג אין דער שלאפענדער נאכט צוטראגען. — זוממם... זוממם... — האבען זיך איינע נאך די אנ־דערע געהערט טעמפע, אבגעריסענע זומען, און אזוי מאדנע האט דאס געקלונגען אין דער נאכט, אז איך האב ניט געקענט איינזיצען און האב מיך געדרעהט אין אלע זייטען.

זוממ... זוממ... זוממ... — האט ניט אויפגעהערט אלץ אבגע־האקטער זומען, אזוי ווי איינער וואלט אין א שרעקליכען מאכט־לאזען צארן מיט צונויפגעדריקטע צייהן געזוממט.

זוממ... זוממ... זוממ... האט נאך אלץ ניט אויפגעהערט איבער אונזערע קעפ צו שלאגען. מען האט זיך ביי אונז געבעטען און מען האט אונז געשאלטען און געווארענט. מיך האט דאס אזוי פער־

כאַפּט, אַז מיר האָט זיך שרייען געוואָלט פון ווערטאָג, פערשרייען, ניט הערען דעם זומען. אָבער אַלץ געשווינדער און אָבגעהאַקטער הערט זיך זומ... זומ... און דאָ איז שטיל געוואָרען. איך האָב מיך אומגעקוקט.

ווי פריהער זיינען געזעסען די אראבער אונבעוועגליך, ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. אַלע צו דער ערד געבויגען און זייערע בליקען געווענדט צו אבו־ראס׳ען, וועלכער איז לעבען מיר מיט דער ראַ־באַבאַ אין האנד געזעסען און אין הימעל געקוקט. און דאָ...

זומממ... זומ... זומ... האָט זיך אַ לאַנגער זומען צוטראָגען און גלייך אַ פערצויגענער אויסגעשריי צו דער נאַכט.

— אוף, אוף, אוף, דו נאַכט! — האָבען אַלע מיטגעקרעכצט.

— און גלייך נאָך דעם האָט ער אָנגעהויבען רוהיג דערצעהלען, רעציטאַטיוו, איינציגע ווערטער, און געזומט האָט די רעבאַבאַ, און געשאָקעלט האָט ער זיך אין אַלע זייטען, און זיין ערצעהלונג האָט ווי אַ ליעד געקלונגען. שטיל זיינען מיר אַלע געזעסען, נאָר אַ טיעפער קרעכץ פלעגט צייטענווייז איבעררייסען זיין ערצעהלונג.

גרויס איז די שטאָדט שאַם. גרויסע סוחרים פערמאָגט זי. נאָר גרעסער פון אַלעמען איז אבו־יוסוף אבו־אחאב. רייך איז אבו־יוסוף, נאָר גאָט האָט איהם געשטראָפט און זיין ווייב צוגענו־מען. אַ טאָכטער איז ביי איהם געבליבען.

שעהן איז דער חרמון ביי דעם זון־אויפגאַנג, שלאַנק זיינען די ציפּרעסען ביי טריפּאָלים, פלינק איז די אסילע (אראבישע שקאַ־פּע) פון אבו־נימער; אָבער שעהנער, שלאַנקער און פלינקער איז נעמי, די טאָכטער פון אבו־יוסוף. ליעב האָט ער זי געהאַט. פיעל צייט האָט אבו־יוסוף נאָך זיין ווייב געטרויערט, פיעל טעג און וואָ־כען האָט ער נדבות געטהיילט, קיינעם צו זיך ניט געלאָזען. נאָר איין מאָל איז פארביי איהם זיין טאָכטער צום וואסער געגאַנגען, און געשטילט איז זיין טרויער געוואָרען.

— צו דער טאָכטער איז אבו־יוסוף געקומען — זיין ווייב זאָל זי ווערען און דעם אָרט פון איהר מוטער פערנעהמען.

געווינט האט די טאכטער, געבעטען דעם פאטער אזא זינד ניט טהאן, די געשטארבענע מוטער ניט פערשעהמען.

געשווינען האט דער אלטער אבו־יוסוף.

מיט געוויין האט די טאכטער געזאגט: א בריעף פון דעם קאדי און זקנים זאלסט דו מיר ברענגען און דעם ארט פון דער מו־טער וועל איך פערגעהמען.

פרעהליך איז דער אלטער צו דעם קאדי געלאפען, די זקנים פערזאמעלט און געזאגט האט ער זיי: א מילגרוים האב איך אין מיין הויף פערפלאנצט. געפעסטעט האב איך איהם און געפוצט. די צייט איז געקומען, שוין פארטיג די פירות. קען איך די פירות רייסען?

— יא, — האבען די זקנים געענטפערט. — און דער קאדי האט א בריעף איהם געגעבען.

— דו ביזט מיין מילגרוים — איז ער מיט'ן בריעף צו דער טאכטער געקומען.

און געבעטען האט נעמי דעם פאטער:

לאז מיך, פאטער, א וואך צייט איבער מיין מיידעלשאפט טרויערען, מיט מיינע חבר'טעס פערברענגען, און כלה־געשאנק מאך מיר אין מיין צימער א גילדערנע בהמה, מיט וועלכער איך זאל זיך קענען שפיעלען.

געקליבען האט אבו־יוסוף זיין גאלד, געטראגען צום גאלד־שמיד און געהייסען א בהמה מאכען.

נאכגעשפירט האט דעם פאטער נעמי. מיט א גרויסען באקשיש צו דעם גאלד־שמיד געקומען, געבעטען, אין דער בהמה א טהירעל מאכען און איהר דעם שליסעל געבען. און אזוי האט דער גאלד־שמיעד געטהאן.

די בהמה איז פארטיג. אין צימער פון נעמי איז זי גע־שטעלט.

פארביי איז די וואך. אבו־יוסוף איז צו דער טאכטער גע־קומען.

— פערשליעס מיך ביז מארגען אין צימער, פאטער, און זאל נאט דיינע בלוטען שטילען, — האט איהם נעמי געבעטען.

פערשלאסען האט זי אבו־יוסוף אין צימער און אליין ביי דער טהיר זיך געלעגט.

גאנץ פריה האט אבו־יוסוף די טהיר געעפענט און קיינעם ניט געפונען. ליידיג איז דאס צימער. — פאר מיינע זינד האט אלאך מיך געשטראפט, און מיין טאכטער דעם שייטאן אבגעגעבען, — האט ער געשריען און די קליידער צוריסען.

פערשלאסען האט זיך אבו־יוסוף; קיין עסען, קיין טרינקען גענומען, קיין טרייסט. קיינעם צו זיך ניט געלאזען. גרייז־גראה איז ער געווארען.

פיעל צייט איז דורכגעגאנגען.

געטרייסט האבען איהם די פריינד, געקומען איז דער קאדי, גע־קומען דער מופטי.

— אין גאט'ס נאמען, עס איז דאך אן עבירה, — האבען צו איהם אלע גערעדט. — דיינע געשעפטען האסטו פערלאזען. צו שפאט און געלעכטער געווארען. וועסט א צווייטע ווייב נעהמען. ווארף ארויס די בהמה. דורך איהר איז דער שייטאן געקומען.

און געפאלגט האט זיי אבו־יוסוף.

פון זיין ארט איז ער אויפגעשטאנען, די קליידער געביטען, דעם קערפער געוואשען און גאט געלויבט. די בהמה האט ער אויפ'ן מארק פערקויפען געשיקט.

און אין דער צייט איז דער פרינץ פון חדיידע איבער שאם געפאהרען, די בהמה דערזעהן, געקויפט האט ער זי און צו זיך אין צימער געשטעלט. פער'כשופ'ט האט איהם דער שייטאן.

גרויס און מעכטיג איז דער פרינץ פון חדיידע. אלע שבטים צאהלען איהם צינז, אפילו די יהוד על חבר. פיעל שאף און רינ־דער ווערט צו זיין מאהלצייט געקוילעט, גילדענע און זילבערנע כלים צו זיין טיש דערלאנגט, שווארצע בעדיענען איהם און טענ־צערינס פערוויילען איהם.

אין זיין צימער האט מען איהם עסען געגרייט. און פלוצלינג

— א טומעל, א גערודער איז אין זיין פּאַלאַץ געוואָרען; די ווענט האָבען געציטערט, די קנעכט האָבען זיך אין די ווינקלעך בעהאַלטען, די שווארצע, די טיש־דינערס, האָט מען צום תליון געשיקט און די קעפּ זיי געשניטען: פון דעם פּרינץ׳ם טעלער האָט א פרעמדער געגעסען, פון דעם פּרינץ׳ם ברויט האָט א פרעמדער שטיקלעך געבראָכען, און אזוי אלע טאָג, אלע טאָג.

אלט איז געווען אם סאליעק, זיין מוטער. די צייט האָט אויף איהר צייכענס געלאָזען, ווי די זאמד ביי פּאלמירא איז איהרע האָר געווען, און זי אליין אם סאליעק האָט זיין טיש געגרייט.

מיט איהרע הענד האָט זי די גילדענע טעלער צושטעלט, די קריגלען מיט וואסער אָנגעפילט, די מצות געלעגט, די טהיר געשלאָסען און ארום טהיר זיך געלעגט.

געקומען איז דער פּרינץ, די מוטער געקושט, די טיהר געעפענט און... א פרעמדער האָט פון די טעלער געגעסען, פון די קריגלעך געטרונקען און פון די ברויט געבראָכען.

אין צאָרן האָט דער פּרינץ געשריען, די דיענער צום תליון געשיקט.

— מיין זוהן, בעננאדיג די דינער. איך האָב די טישען געגרייט, די טעלער צושטעלט, די קריגלען אָנגעפילט און ברויט געלעגט. די טהיר האָב איך פעררינגעלט און הינטער דער טהיר געלעגען. אונשולדיג זיינען די קנעכט, מיך צום תליון שיק. — אזוי האָט די מוטער פאר איהם געוויינט אויף די קניה.

געקושט האָט דער פּרינץ די מוטער און טיעף האָט ער דעם שטערן געקניימשט.

און ווייטער האָט די מוטער גערעדט: אונזער לעבען און טויט איז אין דיינע הענט. דעם טיש וועל איך מאָרגען גרייטען, די טעלער שטעלען און די מצות לעגען. ביי דער טהיר וועסט דו שטעהן און דעם פרעמדען היטען. און אללאה וועט הצלחה אונז שיקען.

אזוי איז געווען.

שטעהט דער פּרינץ הינטער דער טהיר, שפּיעלט זיך די זון

אין דער גילדענער בהמה, שעמערירען די שטראהלען אין די גילדענע געשיר, ניט געריהרט איז דער עסען.

געזיפצט האט דער פרינץ און געווארט. און ער זעהט:

א זייט האט זיך אין דער בהמה געשפאלטען, א טהיר האט די בהמה געעפענט, און א יונג מיידעל איז ארויס. צו די טישען גע־גאנגען, פון די טעלער געגעסען, פון די קריגלען געטרונקען און פון די מצות געבראכען.

געריסען האט דער פרינץ די טהיר, אין צימער געלאפען, די מיידעל געכאפט...

און אבו־ראס איז אנטשוויגען געווארען, נאר די רעבאבע האט ניט אויפגעהערט איהר זום... זום... און זיפצענדיג האבען די אראַ־בער צוגעגעבען „שאטער", „דעדא" (א וואוילער יונג). שטיל בין איך געזעסען אין דער נאכט, וואס האט גערעדט מיט איהרע הונ־דערטער פער'כשופ'טע שטימען און האב געקוקט אויף די אונבע־וועגליכע שאטענס, די צונויפגעדרעהטע, האלב ליגענדיגע אראבער, און אויף אבו־ראס, וועלכער האט ניט אויפגעהערט צו זומען מיט דער „רעבאבא" און מיט פערמאכטע אויגען געשאקעלט זיין אומ־געלומפערט גרויסען קאפ.

פלוצלונג, אזוי ווי ער וואלט זיך פון שלאף אויפגעכאפט, האט ער א ריס געטהאן איבער דער „רעבאבא".

זוממ... זוממ... האט זיך צארענדיג צוטראגען און גלייך האט ער ווייטער אנגעהויבען דערצעהלען:

אלעס האט איהם די מיידעל דערצעהלט.

און גערעדט האט צו איהר דער פרינץ: מיין זאלץ און ברויט האסטו געגעסען, מיין וואסער געטרונקען. אללא האט דיך צו מיר געשיקט, און מיינע וועסטו זיין.

— דיין גאסט בין איך... מיין לעבען איז אין דיינע הענט, און זינדיגען וועסטו פאר גאט, — האט נעמי געענטפערט.

— מיט דעם בלוט פון מיינע קנעכט האב איך פאר דיר בע־צאהלט, און מיינע זאלסטו זיין, — האט דער פרינץ געזאגט.

איינגעוויליגט האט נעמי און געזאגט צו דעם פרינץ: דו זינ־

דיגסט פאר גאָט, וועז דו נעהמסט מיך פאר דיין ווייב, און דיין זינד וועט אויך אויף מיר פאלען. אַ נדר פאר גאָט זאָלסטו מיר געבען: אין אונזער שטאָדט פאָהרען. מיין פאָטער וויל איך זעהן.

די מוטער האָט דער פּרינץ גערופען, די וויזירס פערזאַמעלט, זיי דאָס לאַנד פיהרען געלאָזען און אַליין מיט זיין ווייב אין שאָם געפאָהרען.

רייך איז שאָם מיט סוחרים, רייך איז אבו־יוסוף, אָבער רייכער פון אַלעמען איז דער פּרינץ. ווייט האָט זיך זיין נאָמען צו־טראָגען, זיין גאַסט־פריינדליכקייט האָט איבער דער וועלט געקלונגען, אין די קערקערס האָט מען איהם געלויבט און אָרימע האָבען פאַר איהם גאָט געבעטען. ניט געוואוסט האָט מען אין שאָם, אַז דאָס איז אַ פּרינץ. מיט אַלע גרויסע פון שטאָדט איז ער אַ פריינד געוואָרען, אין מידזשילים איז ער געזעסען און מיט דעם קאַדי דאָס פאָלק געמשפּט.

און פערבענקט האָט זיך דער פּרינץ נאָך זיין לאַנד. אַ גרוס פון זיין פאָלק האָט ער געוואָלט האָבען; ווי לעבט דאָרט די מוטער, ווי משפּט'ען די וויזירס. נעמי'ן האָט ער געלאָזען און אין זיין לאַנד געפאָהרען. און ניט געוואָלט האָט די מוטער דעם פּרינץ אָבלאָזען, און צו איהם האָט זי גערעדט:

— אַלט זיינען מיינע יאָהרען. די רוה בענקט נאָך מיר. די היימאַטה פערלאָזט דו, דער שייטאַן האָט דיך פער'כשופ'ט. די וויזירען קוקסטו ניט נאָך, איבער דיין פאָלק רעגיערסטו ניט, אַ סוחר אין שאָם געוואָרען. די שאַנד וועסטו אויף אונזער משפּחה ברענגען און אונזער נאָמען צו שפּאָט מאַכען, איבער אַ פרוי, וואָס אַ בהמה האָט געבראַכט. וואַרף אַרויס די בהמה, צוברעך זי אויף שטיקלעך און דער כשוף וועט זיך אָבטהאָן.

און אַ וויזיר האָט געזאָגט:

—קעפּען זאָל מיך דער פּרינץ ווען איך ליג. די טאָכטער פון דער בהמה איז אין איהר לאַנד געבליבען, אַ פרוי אָהן אַ מאַן. פריידען זאָל צו דעם פּרינץ זיין, און זאָל ער די בהמה־טאָכטער פּרובען. ניט עהרליך זיינען די טעכטער פון שאָם.

— מיט דיין קאָפּ וועסטו מיר בעצאָהלען, ווען דו וועסט די רייד ניט דערוויייזען.

איז דער פּרינץ אין זיין לאַנד געבליבען. נאָך שאָם איז דער וויזיר געלאָפען, פון דער מוטער אַ בריעף צו דער אַלטער דיענסט געפיהרט.

און אין דער בהמה האָט איהם די דיענסט בעהאַלטען און אין שלאָף־צימער געשטעלט.

געפאַלען איז די נאַכט אויף די גערטנער און טהאָלען פון שאָם, ווי שטענדיג איז נעמי אין איהר שלאָף־צימער געגאַנגען, און איינגעשלאָפען. ניט געפיהלט האָט זי דעם נאַכט־גנב, דעם שלאַנג ביי זיך צוקאָפּענס...

— אכאַכאַכאַ... אכאַכאַכאַ... יאַ אָמרי... יאַ געלבי... יאַ עני... (מיין לעבען... מיין הארץ... מיינע אויגען...) — האָבען די אראַבער געזיפצט און זעהר שנעל, אָהן אַן אויפהער, האָט די „רעבאַבע“ ענערגיש געזומט און געוויינט, און איילענדיג, מיט אַ טרויעריגען נגון, האָט אבו־ראָס ווייטער דערצעהלט:

אַלע זיינען געשלאָפען. די טהיר פון דער בהמה האָט זיך געעפענט און דער נאַכט־טהאָט איז אַרויס. אַלעם בעקוקט, די האַלב־נאַקעטע פרוי געזעהן, דעם מעסער, וואָס איז צוקאָפּען געהאַנגען, מיטגענומען, און אין בהמה אריין.

אויף מאָרגען האָט איהם די אַלטע אַרויסגעטראָגען. צוריק איז ער געפאָהרען און אַלעם דעם פּרינץ דערצעהלט, אַלעם געוויזען.

— פערשאָלטען פון גאָט זאָלסטו ווערען, — האָט דער פּרינץ דעם וויזיר פערטריבען.

שוואַרצע וואָלקענס האָבען דעם פּרינץ בעדעקט. ניט געפיהרט האָט ער דאָס לאַנד, די וויזירס ניט געזעהען, אין זיין הויז זיך פערשלאָסען, נאָך דער פרוי פון דער בהמה געטרויערט.

איין טאָג האָט דער פּרינץ זיין היימאַטה פערלאָזען, אין שאָם געפאָהרען, די פרוי זעהן געוואָלט.

און ווי פריהער אַ סוחר געוואָרען, און ווי פריהער מיט אַלע פריינד געוואָרען, און די פרוי נאָכגעשפּירט.

און אַן אומגליק האָט איהם געטראָפען:

רויבער האָבען זיינע קאַראַוואַנעס אין דער וויסטע בערויבט. זיין רייכטהום האָבען גנבים צוגענומען. די שטאָדט האָט געקאָכט, די שטאָדט האָט גערודערט, שאָם איז ניט געשלאָפען, צום קאַדי געלאָפען, פון'ם סוחר די געלד געפאָדערט.

זיין פריינדשאַפט האָט דער קאַדי פערגעסען, די זאַלץ און ברויט און די טובות ניט גערענקט, דעם סוחר געבונדען און אין קערקער געוואָרפען, צום משפט געשטעלט.

פריה האָט אויפגעוואַכט שאָם אין דעם טאָג, דעם משפט אויפ'ן סוחר זעהן...

געקומען איז דער קאַדי. געזעצט האָט זיך דער מופטי, דער היילינער קאָראַן איז פאַר זיי געלעגען, און געבראַכט האָט מען פאַר זיי דעם פרעמדען סוחר.

שטעהען די מאַנערם און טענה'ן:

א פרעמדער איז אין אונזער שטאָדט געקומען, מיט אונזער געלט געשעפטען געמאַכט, ביי אונז אין לאַנד רייך געוואָרען און אונזער געלט בעהאַלטען. א גערעכטען משפט פאָדערען מיר.

געשוויגען האָט דער פרינץ און ווייטער האָבען די מאַנערם גערעדט:

פיעל פרעמדע האָבען מיר אין שטאָדט. אונזער געלט האַלטען אַלע און זיי ווילען ניט צאַהלען, און די קינדער פון שאָם וואָס זאָלען טהאָן? משפט, דו קאַדי, משפט, דו מופטי, און איהר זקנים!

און אַזוי האָט דער קאַדי גע'משפט, און געפרעגט ווער עס וויל אויסלייז־געלט געבען.

— זאָל דער קאַדי לאָזען אין דער געגענוואַרט פון מענער א פרוי ריידען, — האָט נעמי אויסגעשריען. דערקאָנט האָט זי איהר מאַן.

— רעד! — האָט דער קאַדי געהייסען.

— דעם חוב פון דעם מענשען וועל איך בעצאָהלען. אָבער פאַר דעם א מעשה מוז איך פערצעהלען:

א מילגרוים האָט איינער אין זיין הויף פערפלאַנצט, געפעסטעט

האָט ער איהם און געפּוצט, געהאָפּט האָט ער די פּירות צו עסען. און אויך א בהמה האָט דער מענש געהאַט. אין א טאָג האָט די בהמה די פּירות אויפגעגעסען. אין צאָרן האָט ער די בהמה הרג'ע־נען געוואָלט. אָבער שעהן און טהייער איז די בהמה געווען, און אויפ'ן מארק האָט ער זי געשיקט. פון א וויטען לאַנד א מענש האָט זי געקויפט. פיעל יאָהרען איז פאַראיבער, די בהמה האָט נאָך איהר בעל הבית געבענקט, נאָך דער היימאטה און דעם בוים, פון וועלכען זי האָט די פּירות געגעסען. דער מענש האָט זי אין שטאָדט געבראַכט, זי געלאָזען אין זיין לאַנד אוועקפאָהרען. און די בהמה גיב איך אייך אויסלייז־געלט...

וואָס ווייטער איז געווען, האָב איך שוין ניט געהערט. דער ניט־אויפהערענדער זשומען פון דער „רעבאבא“ און די בעגלייטונג פון דעם אראבישען אוף.. אוף... האָט מיך ווי פער'כשופ'ט, פער־שלעפערט. מיט אָפענע אויגען בין איך געזעסען און געקוקט אויף די אראבער, וועלכע האָבען זיך געשאָקעלט נאָכ'ן טאקט פון דער ער־צעהלונג און אָהן אן אויפהער געקרעכצט.

זום... זוממ... זוממממ... האָט ניט אויפגעהערט די רעבאבא צו קלאָגען אַלץ גיכער און גיכער. עפּעס אַן אונרוהיגקייט בעהערשט מיך, אַן עפּעס ווילט זיך מיר דערמאָנען, אין מוח עקבערט מיר א געדאַנק, אז איך האָב דאָס שוין געהערט, נאָר נים מיט א קאָדי און נים מיט א שייטאַן און ניט מיט זיין בהמה...

אין אַלע זייטען קוק איך מיך אום, אזוי ווי איך וואָלט וועלען דערגעהן ביי די אראבער, וואו איך האָב דאָס געהערט.

און אזוי בין איך געזעסען א פערוויקעלטער אין דער נאַכט־שטילקייט. א קאַלטער ווינטעל האָט שוין געבלאָזען, דער טאָג קומט אָן. די בערג ארום אונז האָבען זיך עפּעס זעהר שארף געזעהען. א שווערער, נאַסער טהוי איז אויף אונז געפאַלען. די אראבער זיי־נען זיך צוגאַנגען.

— יאַללאַ, שלאָפען! — האָט אבו־ראַס מיך אין ביידעל גערופען.

איך האָב מיך אויסגעצויגען אויף דעם איבער־בעט. פאַר מיר האָט נאָך אַלץ די ערצעהלונג געשוועבט...

# דער מאטראס אויפן ים המלח



## דער מאַטראָס אויפ'ן ים המלח.

### א.

איך שטעה ביים ברעג פון ים המלח און גלויב זיך אַליין ניט.

איך שטעה, קוק אויף דעם ים, וועלכער זעהט זיך שווארץ, טויט און שטאַר, ווי אַן אויג פון אַ געקוילעטען אָקס, פון אונטער די גרויסע, גראָבע טונקעלע שטיקער, וואָס מאַהלען זיך אויס אין דער נאַכט דאָרט וויים אויפ'ן צווייטען ברעג, און גלויב זיך אַליין נים.

עפּעס זעהר בעקאַנט איז דאָס מיר.

איך שטעה, הער זיך איין אין דער טיעפער, אונגעשטערטער שטילקייט. קוק אין דעם מיטעל־פונקט פון דער איבערגעקעהרטער איבער מיין קאָפּ, ברייט־בויכיגער, האַלבער פאַס... און עפּעס זעהר בעקאַנט איז דאָס מיר, אַזוי ווי איך האָב דאָס שוין איין מאָל געזעהן.

אין אַלע זייטען קוק איך מיך אַרום און דער נעראַנק, אַז איך האָב עס שוין געזעהן, טרעט פון מיר ניט אָפּ. אפילו אַט די פּאָאָר ווייסע גרויסע הינט, וואָס דרעהען זיך לעבען מיר, האָב איך אויך געזעהן.

אויפ'ן ים, בערג, הימעל, אין אַלע זייטען וואַרף איך מיינע בליקען. דאָ בין איך קיין מאָל ניט געוועזן און דאָך איז עס מיר זעהר בעקאַנט. און פּלוצלונג, אַזוי ווי איינער וואָלט מיר געוויזען אַ בילד, איז פאַר מיינע אויגען ארויסגעשוואומען: איך בין אַ קליין אינגעל. איך לערן אין חדר. די מעשה פון סדום און עמורה לערן איך. דער רבי דערצעהלט אונז:

אויף דעם אָרט פון די איבערגעקעהרטע שטעדט איז איצט אַ געזאַלצענער ים, וואָס הייסט ים המלח, — אַ טויטער, אַ וויסטער, קיין לעבעדיגע בעשעפּענים געפינט זיך ניט, קיין פויגעל פליהט ניט דורך און וואו ביינאַכט בלאָנדזשען אַרום די נשמות פון די טויטע שטעדט. און אויף דער נאַכט, ווען איך בין געקומען פון חדר, האָב איך אין שלאָף געחלומ'ט פון ים, אַזוי ווי איך זעה איהם דאָ. און

איצט שטעה איך ביי דעם ברעג פון דעם ים, וואו איך בין געקומען ווערן א מאטראָס אויף דעם שיף, וואָס א איד מיט א טערק האַל־טען בשותפות.

מיט דעם טערק בין איך געקומען. ער דאַרף מיך מיט דער ארבייט און ארבייטער בעקאַנט מאַכען. ער האָט אויך געבראַכט פאַר מיר א גרויסען זאַק עסען: מעהל, צוקער, קאַווע, טהע, רייז און נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס מען דאַרף אין א וויסטע, ווייט פון א ישוב: א טאָפּ, לעפעל, גלעזער. נור זאַלץ האָט ער ניט געבראַכט.. זאַלץ, האָט ער געזאָגט, איז דאָ פאַראַן גענוג.

גלייך ווי מיר זיינען געקומען, איז ער אריין אין הילצערנעם שטיבעל, וואָס שטעהט ביים ברעג, און האָט זיך געלעגט שלאָפען. ער האָט מיך אויך גערופען, נור איך האָב זיך ניט געקענט אָב־רייסען פון דעם ים, וואָס איז אַנטלאָפען פון מיר אונטער דעם צפון ווינטעל. איינגעהילט אין שלאָף, האָט די נאַכט איהר קאָפּ אויף די ברעג אָנגעשפּאַרט.

שטיל ארומגעהענדיג האָב איך זיך אונבעמערקט דערווייטערט פון שטיבעל. דאָס גערויש פון דעם ירדן, וואָס פאַלט אריין אין ים, האָט מיך ווי פער׳כשופ׳ט און רוהיג, פּאַמעלאַך בין איך ביי דעם וואַסער געגאַנגען, די שטיינדלאַך האָבען אונטער מיינע פיס גע־שאַרכעט. די שיך האָב איך אויסגעטהאָן און, מיט די פיס אין דעם ווארימען וואַסער, אויפ׳ן ברעג ים זיך אויסגעצויגען.

אָהן א שום בעוועגונג בין איך געלעגען און פאַר מיינע אויגען איז ווייטער די מעשה פון די איבערגעקעהרטע שטעדט ארויסגע־שוואומען, און דער גאַנצער חדר, ווי מיר זיצען און לערנען אין קליי־נעם צימעריל, און דער רבי מיט אימפּעט דערצעהלט אונז די מעשה פון יציאת מצרים, און פון דעם בארג נבו, וואו משה האָט דאָס גאַנצע לאַנד געזעהן...

און איך ליעג ביים ים המלח. עס איז נאָך פּסח. עפּעס האָט מיך א צופּ געטהאָן, האָב איך זיך האַסטיג אויפגעזעצט און מיט מיין קוק האָב איך געוואָלט דורכבויערען די פינסטערניש, זעהן דעם בארג נבו.

מ׳זאָגט, אז דאָ זעהט מען איהם אָן, דעם בארג, וואו ער, דער וועלט־העלד, איז געשטאַנען, ווען ער האָט מיט זיין הייסער ליעבע צו זיין פאָלק און מיט קרבנות פון הונדערטער לעבענס, א גאַנצען דור אהער געבראַכט, און אליין נים אריין...

איך ווייס נים, וויפיעל צייט איך בין געלעגען, און עס האָבען זיך צוטראָגען שטאַרקע געשרייען.

— סאַלאָמאָן! סאַלאָמאָן! — האָט מען געשריען און גערופען.

ווי פון שלאָף האָב איך מיך אומגעקוקט. איך האָב נים בעמערקט, אז עס איז טאָג.

— סאַלאָמאָן! סאַלאָמאָן! — האָט מען נים אויפגעהערט צו שרייען. דאָס האָט מען מיך גערופען. אזוי האָב איך זיי מיין נאָמען געזאָגט. איך האָב זיך צום שטיבעל אומגעקעהרט.

— וואו ביזטו געווען? — האָט מיך דער טערק געפרעגט, ארויפרוקענדיג אויפ׳ן קארק דעם טאַרבוש. איך האָב גאָרנים געענטפערט.

— דאָס איז דער קאַפּיטאַן, — האָט ער מיר אויף א קורצען, אַלטען גריך אָנגעוויזען, וואָס איז געשטאַנען נעבען איהם אין א שמוציג העמדעל, פערהויבענע ביז די קניע הויזען, און דעם קאָפּ פארבונדען מיט א רוים טיכעל.

— אבו־ראַבאַך, — האָט מיר דער גריך דערלאַנגט זיין טרוקענע האַנד, וואו די אָדערען האָבען זיך געזעהען ווי שטריק.

— באכרי (מאַטראָס) — האָט ער מיט א שמייכעל אויסגערעדט, דריקענדיג מיין האַנד.

— דאָס איז דער מאַשיניסט — האָט דער טערק ווייטער אָנגעוויזען אויף א שיינעם, אין ברייטע, בלויע הויזען, פון וועלכען דער פאָרענט איז געווען פארשטעקט אין גאַרטעל, די הענד אויפ׳ן רוקען פערלעגט.

— סאַליעך — האָט ער מיר זיין האַנד געגעבען, איבערווינקענדיג זיך מיט דעם קאַפּיטאַן.

— און דאָס איז דער וועכטער חאדז מחאמער, — האָט דער

טערק אויף דעם מוגראבי אַנגעוויזען, וואָס איז געשטאַנען מיט דער ביקס הינטער די אַקסלען, מיט אַ ווייס טיכעל אַרומגעוויקעלט זיין פּנים, אָהן באָרד און וואָנצעס. זיינע צוויי גרויסע, ווייסע הינד — געבען איהם. ער האָט אַ ביסעל אַ טראַכט געטהאָן און געגעבען די האַנד. איך האָב פערשטאַנען, אַז איך געפין זיך אין אַ ציוויליזיר־טער געזעלשאַפט...

ווען די בעקאַנטשאַפט איז געשלאָסען געוואָרען, האָט אונז דער טערק אַריינגערופען טרינקען קאַווע. אַלע זיינען אַריין, געזעצט זיך אויף דער ערד. איך בין געבליבען שטעהן אין טהיר.

„איינער אַליין, אַ איד צווישען אַראַבער, אין אַזאַ ווילדער געגענד", — איז מיר אַ געדאַנק דורכגעלאָפען.

— איהר בלייבט דאָ אין פּיערען, — האָט דער טערק מיינע געדאַנקען איבערגעריסען — אויף אייך פערלאָז איך דאָס שיף מיט דער גאַנצער אַרבייט. דו, אַבו־ראַבאַך און סאַלאָמאָן דאַרפט אַכטונג געבען, אַז דאָס שיף זאָל זיין שטענדיג אין אָרדנונג, ניט שמוציג און קיין וואַסער זאָל אין איהם ניט זיין.

— דו, סאַליעך, גיב אַכטונג, די מאַשין זאָל ביי דיר זיין ריין און גרייט צו פאָהרען. און תאדוש־מחאמער דאַרף היטען דעם ברעג, ברייגנען זיסע וואַסער, און אויך, אַז מען וועט דאַרפען, פאָה־רען אין יריחו אָדער ירושלים. ער וועט דיך אויסלערנען באַקען ברויט. — האָט ער זיך צו מיר געווענדעט.

איך האָב ווייניג פערשטאַנען, וואָס ער האָט דאָ גערעדט, נאָר אויף אַלעמענס געזיכטער האָב איך געזעהען אַן איינגעהאַלטענעם שמייכעל.

דער טערק איז דעם איינענעם פריהמאָרגען אַבגעפאָהרען צו־ריק אין ירושלים. דער קאַפּיטאַן האָט מיר געהייסען נעהמען די זאַכען און פאָהרען צום שיף. פאָהרענדיג האָט ער מיך געלערנט רודערען און געוויזען, וואָס פאַר אַ קנופּ מען דאַרף מאַכען בעת'ן צובינדען דאָס קליינע שיפעל צום גרויסען שיף — אַ ים קנופּ.

ווען איך בין אַרויפגעקראָכען אויפ'ן דעק, האָב איך פאַר זיך דערזעהען אַ הילצערנע באַרושע, אָדער „מערקאַב", ווי די אַראַבער

רופען דאָס. אין איהר איז אריינגעשטעלט געוואָרען אַ פינף־און־צוואנציג־פערד קרעפטיגער מאָטאָר און צוגעמאכט אַ טרייב־שרויף (אַ ווינד) און פון פאָרענט אַ גרויסער מאסט־בוים.

— מיט דעם פומפּ, — האָט מיר דער קאַפּיטאַן פון שיף גע־וויזען — וועסטו דארפען אין דער פריה און פאַרנאַכט דאָס וואַסער אויספומפען און אויך אויסוואַשען דעם דעק מיט אַט דעם בעזים.

— דאָ שלאָף איך, — איז ער אריינגעשפּרונגען אין אַ לאָך נעבען מאסט־בוים, ווען ער האָט געענדיגט וואַשען, און גלייך צוריק מיט אַ פּעקעל ארויסגעקראָכען — און דו וועסט מיט דעם מאַשיניסט אין דעם צימעריל שלאָפען, — האָט ער מיר אויף אַ שמאָל צימעריל, אין דעם הינטערשטען טהייל פון שיף אָנגעוויזען — און איצט — צום ברעג!

דאָס אַלץ האָט ער מיר געוויזען און גערעדט, איילענדיג.

— סאַליעך, סאַליעך, — האָט ער אָנגעהויבען שרייען, אַז מיר זיינען צום ברעג צוגעפאָהרען — היינט וועט קיין ווינד ניט זיין, און איך געה אין „דער" (מאָנאסטיר). ניב אכטונג. אין אָבענד וועל איך קומען.

— טאַאיב (גוט) — האָט סאַליעך געענטפערט פון שטיבעל. דער קאַפּיטאַן איז אוועק אין „דער". איך בין געבליבען זיצען אין שיפעל.

— יאַלאַ, סאַלאַמאַן! קום אין שטיבעל — איז צו מיר סאַ־ליעך צוגעקומען. מיר האָבען דאָס שיפעל אויפ׳ן ברעג ארויסגע־שלעפּט און אריינגעגאַנגען אין שטיבעל, וואו צוליעב דעם גאַסט איז שוין געוועזען אָפּגעקאָכט אַ מיטאָג.

אין אַ גרויסער בלעכערנער כלי האָט דער חאדז אריינגעשאָטען רייז מיט בעבלאַך, געקאָכט אין בוימעל, און פלאַטשיגע גראָבע שטיקלאַך מצה, וואָס איך האָב קיינמאָל אין מיינע אויגען ניט געזעהען.

— גורם — האָט צו מיר דער חאדז געזאָגט, בעמערקענדיג מיין קוק — אַזאַ ברויט וועסטו אויך דארפען באַקען. איך וועל דיך

שוין אויסלערנען. איטפּאראַל (קום עסען) — און מיט די פינגער האָבען מיר פלייסיג אָנגעהויבען ארבייטען אין דעם רייז מיט די בעבלאַך.

מיר זיינען אַזוי פערטהאָן געווען אין דער ארבייט, אַז מיר האָבען נישט בעמערקט, ווי דער דרום־ווינד, וואָס האָט אָנגעהויבען בלאָזען נאָך פאַר מיטאג, איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער און די חוואַ־ליעס, איינע נאָך איינע, זיינען געלאָפען אויפ'ן ברעג און געקלאַפּט דאָס קליינע שיפעל, וואָס איז שוין געלעגען אויף א זייט פול מיט וואַסער.

— אָט א גריך! ער האָט געזאָגט אַז קיין ווינד וועט נישט זיין, — האָט סאַליעך מיט אַן אַראַבישער „ברכה" אויסגערעדט — מען דאַרף ארויסשלעפּען דאָס שיפעל, דער ים וועט עס צוברעכען, — האָט ער אונז געזאָגט. ביז די קני האָב איך פאַרבויגען די הויזען. זיי האָבען זיך אויסגעטהאָן הויל. מיר זיינען ארום צום שיפעל. נאָר אין דרייען האָבען מיר גאָר נישט געקענט מאַכען. עס איז געווען פול מיט ים־שטיינער און וואַסער.

מיט א שטאַרקען קלאַפּ, וואָס האָט גאַנץ ווייט אָבגעקלונגען האָבען אונז די חוואַליעס מיט ים־וואַסער בעשפּריצט. איך בין נאַס געוואָרען. דאָס וואַסער האָט מיין לייב געגעסען. די קליידער, אויסגעטריקענט פון דער זון, זיינען געווען ווי הילצערנע. קאַלט איז מיר, א צאָהן אויף א צאָהן ניט געטראָפען.

— דאָס שיף וועט ניט אויסהאַלטען? — האָט ווי זיך אַליין סאַליעך געפרעגט, זעהענדיג ווי עס וואַרפט דאָס גרויסע שיף!

— אויף דעם גרויסען אַנקער? — האָט דער חאַדזש געפרעגט.

— יאַ.

— און וויפיעל קייט אין וואַסער?

— א שליסעל.

— עס מאַכט ניט אויס, די קייט וועט אויסהאַלטען. ביז נאַכט וועט שטיל ווערען — האָט דער חאַדז געקוקט אין הימעל.

ווען מיר האָבען זיך אומגעקעהרט אין שטיבעל, האָט מיר דער חאַדז געגעבען א לאַנגע העמד און אַן אַבאַיע, און אויך געמאַכט

קאָווע. ביים קאָווע האָבען זיי אָנגעהויבען פרעגען: וואָס איך בין, ווער איך בין, פון וואַנען איך בין און פאַר וואָס וויל איך זיין א „באכרי?“

— א איד פון וולאַדימאָסקאָוו (פון רוסלאַנד), — האָב איך זיי אויף אַלע פראַגען געענטפערט.

— פריהער מיט איינינע יאָהר האָט דאָ אויך א איד געאַרביים — האָט דער חאַדז בעמערקט.

— און דו האָסט ניט מורא? — האָט סאַליעך געשמייכעלט זיצענדיג די פיס הינטער זיך.

— אַללאַ קערים! (גאָט וועט היטען!) — האָב איך איהם קורץ אָבגעהאַקט און ארויסגעגאַנגען פון שטיבעל. איך האָב געגעבען א וואָרט זיך אָבצורעכענען מיט איהם פאַר דער פראַגע.

דער ווינד איז געשטילט. נאָר דער ים, א שוואַרצער פון ניט אָבגעלאָשענעם צאָרן, האָט נאָך געטריבען גרויסע כוואַליעס און הינ־טער זיי האָט זיך געצויגען א ווייסער פאַס שוים, פאַרנעהמענדיג דעם גאַנצען ים. רוהיג האָט זיך דער פאַס געוויעגט, און וואו ער איז דורכגעגאַנגען, איז דער ים געוואָרען שטיל, אזוי ווי אונטער פאַרגאָסענעם בוימעל.

— מען דאַרף דאָס קליינע שיפעל ארייַנלאָזען אין ים, — איז גלייך נאָך מיר ארויסגעקומען דער חאַדז און סאַליעך.

מיר האָבען פון דער שיפעל דאָס וואַסער מיט די שטיינער ארויסגעוואָרפען, אָבער ריהרען זי פון אָרט האָבען מיר דאָך ניט געקענט, ווי דאָס וואָלט אין זאַמד איינגעוואַקסען. אפילו די קללות, וואָס סאַליעך און דער חאַדז האָבען ארייַנגעוואָרפען דעם קאַפּיטאַן האָבען אויך נישט געהאָלפען.

די הינד, וואָס זיינען ארום אונז געווען די גאַנצע צייט, זיינען פּלוצלונג אַנטלאָפען מיט א גרוים בילען. מיר האָבען זיך אומגע־קוקט און דערקענט דעם קאַפּיטאַן, וועלכער איז מיט א פלאַש אראַק (בראַנפען) אין האַנד געגאַנגען צו אונז.

— א קיבלי (דרום־ווינד) — האָט ער נאָך פון דערווייטען גע־שריען, — עס מאַכט נישט. יאַלאַ, אַרייַנוואַרפען דאָס שיפעל! —

איז ער צוגעגאנגען און איינער אליין אונטערגעהויבען איין זייט פון שיפעל. איך האב געשווינד דעם רודער אונטערגערוקט און מיר האבען דאס שיפעל אריינגערוקט אין ים. מיך האט זעהר געוואונדערט, וואס אזא אלטער גריך פון זיבעציג יאהר, האט אליין אויפגעהויבען דאס, וואס מיר, דריי געזונדע, יונגע חברה־לייט, האבען נישט געקענט אויפהויבען.

— יאלא, אויפ׳ן „מערקאב“! — דער ים וועט באלד שטארבען. קיין ווינד וועט שוין מעהר נישט זיין — איז ער אין שיפעל אריינגעשפרונגען.

— און דער מאשיניסט? — האב איך איהם געפרעגט.

— דער קאפיטאן און דער באכרי איז איינס — האט ער אביסעל צארנדיג געענטפערט,—דו זאלסט ניט הערען, וואס דער יפו׳ער וועט דיר זאגען. מיך דארפסטו פאלגען...

— נא, יפו׳ער! — האט ער פלוצלונג ארויסגעווארפען א האנט, ווי אן עזעל א פוס ווען ער בריקעט — נעהם די „מאגאדיף“ — האט ער צו מיר די רודער־שטאנגען איבערגעגעבען.

— גוט, — האט ער אויסגערעדט, זעהענדיג ווי איך רודער — דו וועסט זיין א גוטער מאטראס.

מיט דעם שכור וועל איך דארפען ארבייטען — האב איך געטריבען דאס שיפעל און מיין בליק האט זיך אינסטינקטיוו געווענדעט צו דער זייט פון הר נבו. ביים „מערקאב“ איז דער קאפיטאן, ארויסקריכענדיג, שיער אין וואסער ניט אריינגעפאלען.

---

— מיר וועלען מאכען שותפות, — האט מיר סאליעף פארגעשלאגען, ווען איך בין נאך איהם ארויסגעפאהרען. — מיר וועלען קאכען צוזאמען. עס וועט קאסטען ביליגער, עס וועט אויך זיין גרינגער... דו זאלסט ניט הערען, וואס דער שיכור, דער גריך, וועט דיר זאגען.

ווען מיר זיינען צוגעפאהרען צום „מערקאב“, האבען מיר דאס קליינע שיפעל אנגעבונדען אויף א לאנגען גראבען שטריק הינטער דער גרויסער שיף. אזוי טהוט מען יעדע נאכט.

עס איז נאַכט. שווערע וואָלקענס שווימען איבער דעם הימעל. דאָס וואַסער האָט זיך מיט אַ מאָדנעם, פעסטען קלאַפּ געשלאָגען אָן די ברעגעס. קיין ווינטעל. ווי אויף אַ שוואַרצען שפּיגעל שטעהט דאָס שיף מיט זיין איינציגען מאַסטבוים צום הימעל געהויבען.

אויפ'ן ברעג, אין דעם הילצערנעם שטיבעל, וואו דער חאַרז געפינט זיך, ברענט אַ פייעריל.

אָנגעשפּאַרט אויף דער פּאַרענטש פון שטראַנד, בין איך גע־שטאַנען אויפ'ן דעק. פון דער לאַך לעבען מאַסט־בוים, וואו דער קאַפּיטאַן שלאָפט, האָט זיך געהערט אַ ברומען. איך קוק אונטער'ן שיף, אָבער וואַסער זעה איך ניט. אַ שוואַרצע סמאָלע, צושמאָל־צענע גלאָז, אַ פינסטערען תהום זעה איך, און דאָס שיף וואַנקט אין דער לופט... אַ שטאַרקער קלאַפּ, אַ ברום, אַ קרעכץ האָט זיך אין דער לופט צוטראָגען. איך האָב דעם קאָפּ אויפגעהויבען און זעה, אַז דאָרט, אויף דעם צווייטען ברעג, פליהען אום פייערלעך...

„און דו האָסט נישט מורא?" — דערמאָן איך זיך סאַליעך'ס פראַגע, און ווייטער האָבען זיך מיינע אויגען געווענדעט צום הר נבו.

משה האָט זיין גאַנץ לעבען געשטרעבט, געשטרעבט אין דעם לאַנד צו קומען, אָן אונגעהויער גרויסען קאַמפּף געפיהרט, זיין וועג מיט אַ גאַנצען דור אויסגעשפּרייט — און איז אויף יענעם באַרג שטעהן געבליבען. נאָר זעהן האָט ער געקענט... און איך זעה, ווי ער שטעהט דאָרט, דער וועלט־העלד, און קוקט צו מיר, צו זיינעם אָן אור־אייניקעל און טרויעריג שאָקעלט ער מיר זיין קאָפּ...

איך בין אין לאַנד. איך בין דאָ. און וואָס? — אַ מאַטראָס אויפ'ן ים המלח בין איך...

## ב.

אַן אייביגער קאַמפּף הערשט אויפ'ן ים המלח און זיינע ברע־גען. אַ שטענדיגער שטרייט אין דער ריינער, אַביסעל פאַרנעבעל־טער לופט... אַ קאַמפּף אָהן אָן אויפהער, אָהן אָן אויסלאָז.

שטענדיג, שטענדיג רוישט ער, ברומט, קעמפּפט, האַלט

מלחמה... אייביג, זייט די בערג האבען זיך פון די וואסערעי אויפ־געהויבען און די הימלען האבען זיך רוהען געלעגט...

און די וואסערען?..

קעמפפט דער ירדן מיט׳ן ים המלח. ער לאזט זיך ניט פאר־גיסען, ווערען איינגעשלונגען פון איהם... עס קומט א צייט, ווען עס זעהט אויס, אז דער ירדן האט דעם ים גובר געווען. אפילו די גריבער ביי דעם ים־ברעג מיט זיסע וואסער אנגעפילט. אין דעם ארט, וואו ער מישט זיך צוזאמען מיט׳ן ים המלח, שפיעלען זיך שוין די פיש, אבער דאס איז נור א בעהאלטענער גאנג פון א געניטען שפיעלער. דער ים המלח שפיעלט זיך מיט׳ן ירדן.

דער ים ציטערט אויף, און דער ירדן א דערשראקענער אנט־לויפט, טרעט אפ הויך, הויך, ווייט, ווייט אזש ביז דעם ירדן איבער־פאהר. ווי פון שאנד איז די וואסער געל געווארען, און מיט א שפאטישען געמורמעל פערפאלגט איהם דער ים, ארויסווארפענדיג אויף די ברעגען די געטויטעטע פיש.

---

גאנץ פריה. עס איז שטיל, רוהיג. ווי א גרויסער שפיגעל ליגט אונבעוועגליך דער ים המלח מיט דעם הימעל אונטען. אין מזרח ווערט ליכטיגער. אין מערב אויף די בערג איז נאך פינסטער. ערגעץ אין דער הויך פליהען ווילדע ענטלעך צום ירדן־אריינפאל, דארט וואו ער צוגיסט זיך.

איבער׳ן ים איז א ציטער דורכגעלאפען. שווארצינקע חיה׳לעך האבען זיך איבער דער פלעכע געקייקעלט. דאס האט א בלאז גע־טהאן דער צפון ווינד. געלאסען קומט ער פון דעם ירדן־טהאל, בריינגענדיג מיט זיך א גרוס פון דעם ים־כנרת, מי־מרום און בע־ניאס. שמייכעלט דער ים אין שלומער.

אבער דער צפון ווינט ווערט שטארקער. דער ים ווערט צארנ־דיג. ער ווארפט זיך אוים כעס, וואס מען האט איהם אויפגעוועקט. אין רציחה שיקט ער א כוואליע נאך א כוואליע צום ברעג.

די זון איז שוין ארוים פון הינטער די בערג, אבער דער ים איז

נאָך שוואַרץ מיט ווייסע פּאַסען בעדעקט. און דאָ, פּלוצלונג, פערשווינדט דער צפון־ווינט.

דער צפון־ווינט האָט דערשפּירט דאָס אָנקומען פון'ם מזרח־ווינט. ער וויל זיך ניט אונטערגעבען און בלאָזט אויף צייטענווייז, נור ער מוז פערשווינדען און אויך דער ים ווערט שטילער, אויסגעלאָשען.

די זון איז גאַנץ הויך און דער דרום־ווינט האָט שוין זיינע ערשטע שלוחים געשיקט. אַ שוואַרצער פּאַס ציהט זיך צום ברעג איבער דער ברייט פון ים. דערשרעקט זיך דער מזרח־ווינט און אנטלויפט צוריק אין ירדן־טהאָל, בעהאַלט זיך אין די בוימער און היילען.

ברומט שטאַרקער דער דרום־ווינט, מעכטיג צושפּרייט ער זיך און בעהערשט דעם ים און שליידערט איהם צו די ברעגען אַזוי ווי ער וויל זיי דורכרייסען.

ווי מחנות ווילדע פערד אין דער צייט פון זייער זוכען אַ „זי“, טראָגט ער די כוואַליעס וואָס האָבען זיך שוין אפילו אויפ'ן ברעג ארויפגעכאַפּט און מיט אַ פרעהליכען געקרויש לויפען זיי ווייטער איבער איהם.

אָבער פּלוצלונג — אַ ברומען פון טויזענדער לייבען איז פון די בערג אראָפּגעפאַלען און אין ים פערזונקען. צושאָטענע וואָלקענדלעך היינגען איבער'ן ים. ווי אַן אָדלער אויף זיין רויב איז דער מערב ווינט בעפאַלען דעם דרום־ווינט און טרייבט איהם פון דער אויבערפלעכע, פּראָוווט זיך וועהרען דער דרום־ווינט. שטריינגט אָן זיינע לעצטע קרעפטען, אָבער אומזיסט. ער מוז פערלאָזען דאָס שלאַכטפעלד און טריט ביי טריט פאַרשווינדט ער ערגעץ אין די שטיינער פון „זערקע“ און „מאַדיב“.

די זון שטעהט שוין אויפ'ן צווייטען זייט ים אויף די בערג, און דער מערב־ווינט קען אויך ניט הערשען לאַנג איבער'ן ים. די נאַכט פאַלט באַלד צו און ברענגט מיט זיך דעם צפון־ווינט.

פּלוצלונג איז דער מערב־ווינט געקומען, אַזוי אויך פּלוצלונג פאַרשוואונדען און עס איז ווייטער ווי פריהער...

איך בין א מאטראָס אויף א שיף וואָס גענט איבער דעם ים המלח. עס איז גאָר נישט דאָס, וואָס איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, ווען איך בין געגאַנגען ווערן א מאטראָס. געטראַכט האָב איך פון א גרויסען, ווייסען, שעהנעם שיף. מאטראָסען ריינע אין בלאָהע העמדלעך מיט ווייסע קאַנטען ארומגענייהט. א קאפּיטאַן מיט גאָל־דענע קנעפּ און אויך גאָלדענע פאַסען אויפ׳ן היטעל און איך שטעה ביים שטייער־רודער, פיהר די שיף איבער׳ן ים, א מאטראָס...

אָבער גאָר אַנדערש האָב איך דאָ געטראָפען...

א הילצערנע בארזשע בלאָה אָבגעפּארבט. די ברעטער פון דעק, די שטריק און דער מאַסטבוים פון פאָרענט באדעקט מיט א קלעפּיגען שמוץ, אין די ווינקעלעך און שפּאַלטען פון שיף ווייסע פאַסיקלעך זאַלץ. דאָס איז דער אויסגעטריקענטער וואַסער־נעבעל.

דער קאפּיטאַן, אַן אַלטער גריך, די באָרוועסע פיס ווי העלצלעך. אָנגעטהאָן אין א שמוציגען העמדעל, און שטענדיג שיכור. דער מאשיניסט, א יפו׳ער אראַבער, שלאָפט דעם גאַנצען טאָג, און ווען ער איז וואַך, זיצט ער ביים חאדוש, טרינקט טהע און שעלט דעם ים אויף וואָס די וועלט שטעהט. אַזוי אַלע טאָג.

שווער איז געווען די ערשטע צייטען מיט דער געזעלשאַפט, איבערהויפּט דער „חאדוש", דער „מוגראבי" (אפריקאַנער), וועלכער איז אַנטלאָפען פון „קאיען" (א פראַנצויזישער אינזעל פאַר קאַ־טאָרזשניקעס), וואוהין די פראַנצויזען האָבען איהם פארשיקט פון אַלזשיר. א „חאוואדזשא" האָט ער ניט געקענט איבערטראָגען.

ווי נור איך בין געקומען אויפ׳ן שיף האָט זיך מיר גלייך גע־וואָרפען אין די אויגען, אַז די אַלע ביים ים המלח לעבען ניט בשלום צווישען זיך. מען קריגט זיך און איבערהויפּט ביי דער ארבייט. דער קאפּיטאַן וועט פאַר קיין פאַל ניט טהאָן די ארבייט פון „באַכ־רי" (מאטראָז), אָדער מאַשיניסט, און אויך פערקעהרט. מעסער פלעגט מען כאַפּען איינער צום צווייטען ווען עס האָט געטראָפען אַן ארבייט, וואָס מען האָט ניט געקענט צוטהיילען ווער דאַרף עס טהאָן. אָבער איך פלעג שטענדיג אָבטהאָן די ארבייט, מאַכען שלום. פלייסיג האָב איך געארביים. מיט׳ן פריהמאָרגען שטעה איך

אויף, דעם צעהן־גלעזערדיגען, בלעכענעם, שווארצען קאַכער־טהע, שטעל איך ארויף אויף דעם אייוועלע וואָס איז געמאכט געוואָרען פון א האלבען בלעך מיט ים־שטיינדלעך אָנגעשאָטען. אין דער זעלבער צייט פּאָמפּע איך אויס דאָס וואסער און וואש אויסביידע שיפען, ווי די גרויסע אזוי אויך די קליינע, באָד זיך אויס און זעץ זיך טרינקען טהע.

ליעב האָב איך דעם פריהמאָרגען אויף'ן ים המלח, וואו עס ווערט טאָג מיט א שעה פריהער ווי אין ירושלים. (אזוי זאָגען די אראבער). רוהיג שטעהט דאָס שיף אויף דעם קליינעם אנקער געבונ־דען, הונדערט מעטער פון ברעג. די זון ווייזט זיך פון הינטער די בערג, צוואוארפענדיג איהרע שטראהלען איבער'ן ים און יריחו'ער וויסטע. די בערג שפּיעגלען זיך אָפּ אין ים. און ווייט אין דרום און אויך דרומית־מערבית טונקלען זיך מואב'ער און סדום'ער בערג אין דעם בלאַה־טונקעלען נעבעל וואָס ליעגט אין יענעם זייט ים.

אליין זיץ איך און טרינק טהע. ביים ירדן־ארייגפאל, נעבען ברעג, שווימען אום שווארצינקע היהנדלעך. א גוטער מיטאג, טראכט איך זיך, אָבער דאָך געה איך ניט נעהמען דעם ביקס. עס ווילט זיך ניט שטערען דעם פריהמאָרגען אפילו צוליעב א גוטען מיטאג.

דער צפון־ווינט, וואָס בלאָזט דעם גאנצען זומער נאָר ביינאכט, האָט שטארקער א בלאָז געטהאָן, און דאָס שיף מיט'ן נאָז צום ברעג געקעהרט. אָבער דער מזרח־ווינט קומט אָן פון ירדן און ווי לאַנגע ארבעס אָדער באָב טרייבט ער די וואסער איבער'ן ים. טראכט דאָס שיף און קעהרט לאנגזאם איהר נאָז צו מזרח צו. פארשעהמט איז דער צפון־ווינט אנטלאָפען אין די ארנון־פעלזען. איך זיץ, טרינק טהע און קוק זיך צו ווי דער מזרח־ווינט איז שטארק אָדער שוואך, כדי צו וויסען ווי וועט זיין דער דרום־ווינט, ווייל אויף דעם ים ווייסט מען: איז שטארק דער מזרח־ווינט קומט נאָך איהם א שוואַ־כער דרום־ווינט, און אויך פארקעהרט.

פון דעם ערשטען טאָג פון מיין קומען, האָב איך געזוכט זיין מיט אלעמען גוט. דעם קאַפּיטאַן האָב איך געהאָלפען אין זיין אר־

בײם. ער האָט מיך געלערנט קענען דעם ים, די װינטען, װאו און װי אזוי פּעראַנקערען דאָס שיף. ער האָט מיך אויך געלערנט אויפ־ציהען דעם זעגעל, נײהען און קלאַפּען פּאַקליע אין שיף.

— „דו װעסט אלײן װערען קאַפּיטאַן" — פּלעגט ער צו מיר זאָגען, װײזענדיג מיר אַ קלײנעם תנך, און װען ער איז געװען באַזױפען, פּלעגט ער זיך קלאַפּען אין הארצען און שרײען: „איך פון אברהם, יצחק און יעקב... איך בין אַ איד... איך בין לוט... איך בין באחאר לוט (דער ים אויף אראביש) נאָ יאַפּער!"... פּלעגט ער ארויסװאַרפען זײן רעכטע האַנד װי אַן אײזעל זײן פוס, װען ער װיל אַ קלאַפּ טהאָן. שװער איז געװען הערען זײנע קולות. עס האָט ניט הארמאָנירט מיט דעם טױטען ים־המלח זײן שימפּפען. אָבער װאָס מעהר „אראק" ער האָט געטרונקען, אַלץ העכער האָט ער געשריען.

אײן מאָל איז ער טויט־שיכור געקומען פון דעם גריכישען מאַ־נאַסטיר און ניט אויפגעהערט צו שרײען, אַז ער איז פון אברהם, יצחק און יעקב. איך האָב איהם געבעטען שװײגען, און װען מיר זײנען צום שיף געקומען, האָט ער ארויסגעכאַפּט אַ מעסער און גע־װיזען, אַז ער װעט מיך שטעכען. איך האָב צו איהם געהויבען דעם שטײער־רודער. ער איז אין לאַף אַנטלאָפען.

„װאָס איז דאָרט געװען?" האָבען מיך דער מאַשיניסט און חאַדזש באַגעגענט, װען איך בין ארויסגעפאָהרען. איך האָב זײ ניט געװאָלט דערצעהלען.

„יהוד!" האָט דער מאַשיניסט געבורטשעט.

„װאָס יהוד?" האָב איך איהם איבערגעפרעגט.

„גאָר נישט!" איז ער אָפּ אַן אַ זײט, און איך האָב זיך געגע־בען אַ װאָרט אָבערבעכענען זיך מיט איהם. נאָך פון דער ערשטער נאַכט פון מײן קומען בין איך אויף איהם געװען אין כעס, און פון דאַן אָן האָב איך מיט איהם מעהר ניט געטרונקען קײן טהע. אפילו ברויט באַקען האָב איך אויך ניט געװאָלט.

ברויט פלעגען מיר באַקען יעדען טאָג. דאָס איז אַ „גורם", אַ גרויסער קוכען געמאַכט פון מעהל אָהן הײװען און געבאַקען אין די

קויהלען פון האַלץ. דעם ברויט קען מען עסען נור ווען ער איז פריש. ליעגט ער אַפּ איין טאָג אַזוי ווערט ער ווי גלאָז. מיר האָבען צו־זאַמען געבאַקען דעם ברויט. אז דער מאַשיניסט האָט געבראַכט האָלץ, פלעג איך פארקנעטען און אָפּבאַקען און אויך פארקעהרט. אָבער די לעצטע צייט האָט ער דאָס ניט געטהאָן.

ווען דער קאַפּיטאַן האָט דערזעהן, אז איך טרינק טהע אַליין, איז ער געוואָרען מלא שמחה און האָט מיך אָנגעהויבען צוריידען, אז איך זאָל ווערען מיט איהם שותפות.

— וואָס דאַרפסטו זיין מיט דעם יפו׳ער, — האָט ער מיר אויפ׳ן ברעג אָנגעוויעזען, — זיי מיט מיר; דער קאַפּיטאַן און דער „באַכרי" איינס... איך וועל דיך אַלעס אויסלערנען... אויפ׳ן ים המלח בין איך שוין 15 יאָהר... איך בין „באַכאַר לוט"... איך בין פון אברהם, יצחק און יעקב... האָט ער זיך געקלאַפּט אין הארצען. דער בחור האָט שוין אויסגעטרונקען.

— אין מיין גלויבען אריין אויב ער וועט דיך אָנריהרען, — האָט ער ניט אויפגעהערט שרייען. — איך האָב דאָ פיעל גרעקען, די פישערים פון „דער" (מאָנאַסטיר), דו וועסט מיט מיר געהן צו זיי... נאָ יאַפּער! האָט ער מיט זיין האַנד אַ בריק געטהאָן, אויס־דריקענדיג מיט דעם זיין פיינדשאַפט און מורא, און ווייטער גע־שריען:

— אַ מאַשין... מאַשיניסט... וואַרף זיי אריין אין וואַסער... מיר וועלען אַ צווייטען זעגעל אויפהויבען... צו וואָס טויג די מאַשין?.. און נאָך 1,000 לירעם אָבגעצאָהלט...

מורא פאַר איהר און פיינט האָט ער די מאַשין. דעם ערשטען מאָל זעהט ער אַ מאַשין אויף אַזאַ שיף. ביז איצט איז מען געפאָהרען מיט׳ן זעגעל. עס טרעפט אז די מאַשין בלייבט שטעהן און איבערהויפּט, ווען דאָס קומט פאַר אין מיטען ים, דאַן איז דער קאַפּיטאַן אויסער זיך. ער האָט מורא פאַר׳ן ים. עפּעס אַ מיסטישע מורא פאַר אַ זאַך, וואָס ער קען ניט בעגרייפען, פערשטעהן. דאָס איז אַ פּחד פאַר דער פערגאַנגענהייט און אויך פאַר דער צוקונפט, פאַר דער אונענדליכקייט...

אין אונזערע רייזעס איבער'ן ים, פלעגט ער שטעהן ביים שטייער רודער און דערצעהלען פערשיעדענע מעשיות, אנווייזענדיג מיט'ן האנד אויף די ברעגען.

— ביי דעם „ליסאן", (צונג) האט ער איינמאל דערצעהלט, — איז א קאפיטאן נעשטארבען. די ודי, — האט ער מיט'ן האנד בעוויעזען, — איז ודי על הראמיא" (דער טהאל פון גנבים). דא זיינען אונז בעפאלען אראבער און געוואלט טוידטען ווען איך מיט'ן באכרי זיינען געפאהרען איינמאל זוכען דאס שיף, וואס דער שטורם האט פון אנקער אבגעריסען און פערטראגען אין ים. דאס וואסער, וואס מיר האבען מיטגענומען אין דעם קליינעם שיפעל, איז אויסגעגאנגען. דריי טעג זיינען מיר געווען אהן וואסער. ווען מיר זיינען קוים לעבעדיגע געקומען אין דער ודי זיינען אונז בעפאלען אראבער, אבער מיר זיינען אנטלאפען אין ים...

איין מאל איז די מאשין געבליבען שטעהן, ווען דאס שיף איז געווען נים ווייט פון דעם „ארנון". דער שטראם האט אונז געטראגען אויף די שטיינער פון ברעג.

—ווארף ארויס דיין מאשין. וואו טויג זי... גיעב מיר נאך א זעגעל... — איז דער קאפיטאן אומגעלאפען און געשריען צו דעם מאשיניסט.

— דו וועסט שווייגען אדער איך ווארף דיך אריין אין וואסער... — איז דער מאשיניסט ארויסגעלאפען. דער קאפיטאן איז אנשווייגען געווארען, אבער פון דאן אן האבען זיי געשוויגען, ניט גערעדט איינער מיט'ן צווייטען ביז עס איז געקומען א טאג, וואס האט אונז אויף א ווייל אלעמען צוזאמענגעשטויסען.

אין א נאכמיטאג זיינען מיר, איך און דער קאפיטאן געפאהרען אין דעם קליינעם שיפעל צום ירדן־אריינפאל ברענגען האלץ. איך בין נעגאנגען מיט'ן ברעג, דער קאפיטאן האט געפיהרט דאס שיפעל. מיר זיינען שוין געקומען צו דער פערלאזענער פישער־ביידעל, ווי פון די ביימער זענען ארויסגעשפרונגען א זעקס בעוואפענטע אראבער און אנגעהויבען מיר טהיילען שטעקענס שרייענדיג:

— קוילעט דעם נצרי!

איך האָב געשריען אז איך בין א „יחוד" אָבער זיי האָבען ניט געגלויבט פאַרטזעצענדיג זייער אַרבייט, ביז איך האָב זיי דערוויזען מיין אידישקייט...

— גיב דאָס קליין שיפעל! פיהר אונז איבער! — האָבען זיי פון מיר געפאָדערט. אָבער דאָס שיפעל איז געווען אין מיטען ים. ווען דער קאַפּיטאַן האָט דערזעהן אז מען איז מיך בעפאַלען, האָט ער דאָס שיפעל געלאָזען לויפען מיט׳ן שטראָם און אליין געלעגט זיך אויפ׳ן דעק. דער שטראָם האָט דאָס שיפעל ווייט אין ים פערטראָגען.

— הײם ברענגען דאָס שיפעל! — האָבען די אַראַבער געפאָדערט. איך האָב גערופען דעם קאַפּיטאַן. ער האָט זיך ניט אָבגערופען. די אַראַבער האָבען געשאָסען אויף דעם שיפעל. איינער פון זיי האָט אויף מיר אָנגעשטעלט זיין ביקס און געדראָהעט מיך שיסען אויב דאָס שיפעל וועט ניט קומען. איך האָב געזעהען אז מיין שפיעל איז פאַר׳ן טייפעל און איך האָב זיי איינגעלאַדען געהן מיט מיר עסען וועטשערע און מאָרגען פריה וועל איך זיי איבערפיהרען. דערהערענדיג „וועטשערע" האָבען זיי גלייך צוגעשטימט.

עס איז שוין גוט פינסטער געווען ווען מיר זיינען געקומען צו דער ביידעל. מיט א שטאַרקען געביל האָבען אונז בעגעגענט די הינט. קאַלט האָט אונז דער מאַשיניסט מיט׳ן חאַדזש אויפגענומען. זיי האָבען ניט געוואָלט העלפען מאַכען עסען פאַר די געסט. פון דערווייטען האָבען מיר דערזעהען דעם קאַפּיטאַן אויף דעם גרויסען שיף. אויף מאָרגען אין דער פריה האָב איך זיי געמאַכט פריהשטיק און זיי זיינען אוועק צוזאַגענדיג אָברעכענען זיך מיט׳ן קאַפּיטאַן, פאַר וואָס ער האָט ניט געוואָלט ברענגען דאָס שיפעל. ווען דער קאַפּיטאַן האָט דערזעהען אז די אַראַבער זיינען אוועק, איז ער גלייך געקומען מיט זיינע פעקלעך און איז אוועקגעגאַנגען אין דעם נאָהענטסטען גריכישען מאָנאַסטיר, ער האָט מורא געהאַט דאָ צו בלייבען. דעם אייגענעם טאָג איז אָנגעקומען א בריעף פון דעם בעל־הבית אז מען זאָל פאָהרען אין „ער מזרעה" און ברענגען פון

דאָרט די תבואה און מענשען וואָס דאַרפען קומען פון „קרך“.

דער מאַשיניסט האָט געלאָזען לויפען די מאַשין און ווען דער חאַדזש, וואָס האָט אונז געהאָלפען אַרויפציהען דעם אַנקער, איז אַריינגעשפּרונגען אין ים שווימען צום ברעג, איז דער מאַשיניסט אַרויסגעגאַנגען פון דער מאַשין און האָט זיך געשטעלט ביים רודער פיהרען דאָס שיף, דעם קאַפּיטאַן׳ס אָרט פערנומען. מיר האָט ער געהייסען געהן צו דער מאַשין. איך האָב ניט געענטפערט, נאָר דעם אַנקער צוריק אין וואַסער אַריינגעוואָרפען. דער מאַשיניסט האָט אָבגעשטעלט די מאַשין און מיר זיינען אַרויסגעפאָהרען אויפ׳ן ברעג וואו איך האָב דערצעהלט דעם חאַדזש די גאַנצע מעשה און געהייסען פאָהרען אין ירושלים נאָך אַ קאַפּיטאַן. דער חאַדזש האָט עס איבערגעפרעגט דעם מאַשיניסט. יענער האָט עפּעס געענטפערט. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און זיי האָבען זיך ביידע צושלאָגען. דער מאַשיניסט איז גלייך געפאָהרען אויף דעם גרויסען שיף, געבראַכט זיינע זאַכען, און איז אַוועק אין יריחו. דער חאַדזש איז געפאָהרען אין ירושלים ברענגען אַ קאַפּיטאַן. איך בין געבליבען אַליין.

ג.

און ווייטער האָבען מיר זיך צונויפגעקליעבען. דער בעל חבית האָט דעם מאַשיניסט מיט דעם קאַפּיטאַן געבראַכט. אין ער־מזרעה האָט מען געדאַרפט פאָהרען.

פלייסיג, מיט דאָפּעלטער ענערגיע, האָבען מיר געאַרבייט, איינער דעם צווייטען געהאָלפען.

ווען מיר זיינען געקומען אין ער־מזרעה איז דער בעל־הבית אַרויפגעפאָהרען אין קרך אַראָפּשיקען די תבואה און די פּאַסאַזשירען. מיר האָבען ניט געוואוסט ווען ער וועט זיך אומקעהרען.

דער מאַשיניסט איז די גאַנצע צייט געווען ביים חאַדז אבדור־נעבי, וועלכער האָט דאָ אונזער שטיבעל געהיט, אַזוי ווי אין יענער זייט. איך מיט׳ן קאַפּיטאַן זיינען געזעסען אויף דעם שיף.

שרעקליך הייסע טעג און נעכט, אַזוי ווי אויפ׳ן ים המלח אין מיטען זומער. און פאַרנאַכט, ווען עס איז ניט געווען קיין ווינט

האָט מען ניט געקענט איבערטראָגען די קליינע פליגעלעך, — „פעם־פעם“, ווי די אראַבער רופען זיי.

גאַנצע טעג זיינען מיר געלעגען, גאָר גישט געטהאָן. גאַנץ אָפט בין איך מיט'ן מאַשיניסט געגאַנגען שפּאַציערען אין די בערג. מיר האָבען אויך דעם קאַפּיטאַן גערופען, נור ער איז ניט געגאַנגען. אומקערענדיג זיך האָב איך איהם שטענדיג געטראָפען זיצענדיג מיט'ן פּנים צו סדום.

זינט ער האָט זיך אומגעקעהרט איז דאָס מיט איהם געוואָרען. ער שרייט שוין ניט: „איך בין פון אברהם, יצחק און יעקב; איך בין לוט, באַחאַר לוט“, נור שטענדיג זיצט ער מיט'ן פּנים צו די סדום'ער בערג אַזאַ'ן איינגעהויקערטער, שוואַכער. און אַזוי טרויעריג איז זיין אויסזעהן. אָפט בלעטערט ער איבער דאָס קליינע חומש'ל, וואָס ער לאָזט ניט אַרויס פון האַנט. אַז ער דערזעהט אַ פרעמדען אויף דעם שיף, לויפט ער צו זיך אין לאָך אַריין. און שטענדיג פיהל איך אויף מיר זיינע בליקען, אַזוי ווי ער וויל מיר עפּעס זאָגען.

אַ פאַרנאַכט זיינען מיר ביי אבדו־נעבי'ן געזעסען. ער האָט געקאָכט ווילדע פויגעל, וואָס מיר האָבען געשאָסען. דער קאַפּיטאַן איז אויך געווען. מיט געוואַלד האָבען מיר איהם געבראַכט.

— סעליאַם אַלייקום! — האָבען מיר דערהערט אַ קול, און אין טיהר האָבען מיר אַ הויכען מענשען דערזעהען, דער קאָפּ און דאָס פּנים אין ווייסע לעפּע פערוויקעלט, אַזוי ווי די מוגראַבער טראָגען, פון אונטער'ן טיכעל האָבען אַרויסגעקוקט אַ פּאָר גרויסע, ברענענדיגע אויגען, אַ לאַנגער אויסגעבויגענער נאָז און אַ קליין שוואַרץ בערדיל. די ווייסע אַבאַיע איז נאַכלעסיג אַראָפּגעהאַנגען. אין האַנט אַ גרויסען שטעקען, ביי דער זייט אַ מעסער, אַ רעוואָל־ווער און אַ קליין טונקעל־רויט זעקעל.

— אַלייקום סעליאַם! — האָבען מיר געענטפערט.

דער חאַדז האָט זיך האַסטיג אָבגעוואָרפען פון פייער, אַ ווילדע געקוקט און געשווינד צוגעלאָפען צו דעם געקומענעם. ער האָט זיך מיט איהם צוקושט אויף די אַקסלען, אַריינגעפיהרט אין ביידעל, אונטערגעבעט אַ טעפּיך, אָנגעוואָרפען קישעלעך און געבעטען זיצען.

דערנאָך האָט ער געשיקט קויפען אַ קליין ציגעלע און געשאָכטען, צוגענומען ביי דעם אָנגעקומענעם אַלעס וואָס ער האָט געהאַט, אוי־סער דעם קליינעם זעקעל. מיט איין וואָרט, אויפגענומען איהם ווי אַ טהייערען גאַסט, אַ גרויסען עפענדי.

דער קאַפּיטאַן, דערזעהענדיג דעם מוגראַבי, איז געוואָרען זעהר בלייך און האָט גלייך פערלאָזען דאָס שטיבעל. שפּעטער האָב איך איהם געזעהען ארומלויפען אויף דעם שיף.

שווייגענדיג זיינען מיר געזעסען אונטער די שאַרף־פאַרשענדע בליקען פון גאַסט. אבדו־נעבי האָט איהם עפּעס דערצעהלט אויף אַ לשון, וואָס איך האָב ניט פערשטאַנען. ער האָט אויך מיין נאָמען מיט דעם קאַפּיטאַן׳ס דערמאָנט. דער גאַסט האָט אויף מיר זיינע אויגען אָנגעשטעלט. איך האָב אויף איהם ניט געקוקט.

דאָס עסען איז פאַרטיג. אבדו־נעבי האָט דאָס אין אַ גרויסער, בלעכענער שיסעל אריינגעשאָטען און צווישען אונז געשטעלט. איך פרישע מצות אָבגעבאַקען.

— וואו איז אבו־ראַבאַך? — האָט אבדו־נעבי געפרעגט.

— אויף דעם שיף.

— אבו־ראַבאַך, אבו־ראַבאַך! יאַלאַ, דאָס עסען איז פאַרטיג, — האָט אבדו־נעבי גערופען.

— אי־וואַר־אַה! — האָט זיך גלייך דערהערט אַן ענטפער. ער איז געקומען צופאָהרען. איך האָב איהם ניט דערקענט. אויף׳ן קאָפּ אַ שוואַרצע טוך אָנגעוויקעלט, אַ ריינע העמדיל און הויזען, אויף די פיס אַראַבישע שיך און אַליין זעהט ער אויס העכער אויס־געוואַקסען. נור דאָס געזיכט איז זעהר בלייך.

דער מוגראַבי און אבדו־נעבי האָבען זיך געשטעלט דאַווענען די נאַכט־תפלה.

— אַללאַ אקבאַר, אַללאַ אקבאַר (גאָט איז גרויס) — האָט דער גאַסט געענדיגט זיין תפלה.

— ווער איז ער? — האָב איך אבדו־נעבי׳ן געפרעגט, וועלכער האָט אויך אין דער צייט זיין תפלה געענדיגט.

— אַ חאדז, אַ מוגראַבי, נעהט פון מעקקאַ, — האָט ער קורץ געענטפערט און איז אריין איןביידעל. איך — נאָך איהם.

— איתפדל! — האָט זיך אבדו־נעבי נעבען שיסעל מיט עסען געזעצט. נאָך'ן עסען בין איך און דער קאַפּיטאַן ארויפגעפאָהרען אויפ'ן שיף. דער מאַשיניסט איז, ווי שטענדיג, געבליבען ביי אבדו־נעבי'ן. איך האָב מיר גלייך געלעגט שלאָפען און דורך'ן שלאָף האָב איך געהערט, ווי דער קאַפּיטאַן איז שפּעט אין דער נאכט אומגעגאַנגען איבער'ן שיף.

— וואו איז דער גאַסט? — האָב איך אבדו־נעבי'ן געפרעגט, ווען ארויספאָהרענדיג אין דער פריה, האָב איך דעם געקומענעם נים געטראָפען.

— ער איז ניט ווייט צו די אַראַבער געגאַנגען. פאַר נאכט וועט ער זיך אומקעהרען, — האָט ער אונבעשטימט געענטפערט.

דעם גאַנצען טאָג האָב איך דעם קאַפּיטאַן ניט געזעהען. ער איז געלעגען אין זיין לאָך. פאַרנאַכט, אַז פון ברעג האָט זיך דערהערט די שטים פון גאַסט, האָט ער זיין קאָפּ ארויסגעשטעקט און, איינהערענדיג זיך, שפּאָטיש געשמייכעלט.

אַזוי זיינען איינינע טעג אריבער. גאַנץ פריה געהט דער גאַסט אוועק און פאַרנאַכט קומט ער צוריק. דער מאַשיניסט האָט אונז דערצעהלט, אַז דער מוגראַבי האָט געוויזען אבדו־נעבי'ן אַ בוך, וואָס ער האָט פון דעם רימענעם זעקעל ארויסגענומען.

איין טאָג האָב איך דערזעהן פון שיף, ווי דער מוגראַבי, דער גאַסט איז פריהער ווי שטענדיג געקומען און גלייך האָט זיך אבדו־נעבי'ס קול דערהערט, וועלכער האָט אבו־ראַבאַך'ן גערופען. דער קאַפּיטאַן איז ארויסגעפאָהרען. איך האָב געשטעלט אויפקאָכען דעם גרויסען צעהן־גלעזערדיגען קאָכער. געמאַכט טהע.

ווי אַ ווייסער שוואַן מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלז און מיט'ן קאָפּ פערריסען אין דער הויך, איז דער קליינער „מערקאַב" (באַרזשע) געשטאַנען מיט דעם איין און איינציגען מאַסטבוים צום הימעל אויפגעהויבען און האָט זיך שטיל בעוועגט אויף דעם טונקעלען וואַסער, וואָו אונבעוועגליך, ווי קליינע בריליאַנטענע ליכטלעך, זיי־

נען שטערען טיעף אין דעם עמק צוואווארפען. עס איז שטיל, נאָר דער אייבינגער קריעג פון דעם ים מיט'ן „ליסאן" האָט זיך געהערט.

רוהיג בין איך געזעסען, געטרונקען טהע. פון ברעג האָב איך שטימען דערהערט.

— מיט גאָטס הילף, מאָרגען וועל איך אַלעס צוגרייטען — הער איך דעם קאַפּיטאַן'ס קול.

— טאיב (גוט), — האָט דעם גאַסט'ס שטימע געענטפערט.

— בינד צו דאָס שיפעל! — איז געשיקט דער קאַפּיטאַן צו־געפאָהרען צו מיר און צו זיך אין לאָך אריינגעלאָפען. דאָס קליינע שיפעל האָב איך געבונדען אויפ'ן לאַנגען שטריק און ווייטער טהע געטרונקען.

— איצט וועט שוין זיין רעכט, — איז דער קאַפּיטאַן פון זיין לאָך ארויסגעקראָכען און מיט דעם פּנים פון די סדום'ער בערג געשטאַנען. אין האַנט האָט ער געהאַלטען דאָס קליינע חומש'ל.

— סאַלאַמאַן, ווילסט רייך ווערען? ווילסט אַליין האָבען א שיף? — האָט ער ראַפּטום צו מיר אויסגעשריען.

— פאַר וואָס ניט. דו האָסט געפונען אַן אוצר? — האָב איך זיך געוואונדערט וואָס מיט איהם איז.

— אָט איז דער אוצר. — האָט ער א מאַך געטהאָן מיט דער האַנט איבער'ן ים און געקלאַפּט אין דעם חומש'ל.

איך האָב געשוויעגען און געוואַרט. איך האָב אָנגעהויבען פער־שטעהן, ניט אומזיסט איז געקומען דער מוגראַבי.

— מיר וועלען זיין רייך... איך בין פון אברהם, יצחק און יעקב. איך בין לוט... איך בין באַחאַר לוט, — האָט ער שוין ווײ־טער אָנגעהויבען שרייען מיט א פלאַש בראַנפען אין האַנט. ער האָט שוין אויסגעטרונקען.

— זעץ דיך טרינקען טהע — האָב איך איהם גערופען.

— טהע, — האָט ער די גלאָז איבערגעקעהרט, — אראַק טרינק!... א מאַטראָס דאַרף קענען טרינקען... איך און דו — איינס.. מיר וועלען רייך זיין, מיר וועלען אַליין האָבען א שיף! — און

פון גרויס גדולה האָט ער א פּאָאַר אַראַבישע ברכות אריינגעוואָרפען דעם ים מיט דעם בעל הבית אין איינעם.

מיט אונגעדולד האָב איך געוואַרט ער זאָל דערצעהלען, נור ער האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען: איך בין פון אברהם, יצחק און יעקב. איך בין לוט, איך בין באחאר לוט.

ער האָט נאָך א פלאַש געבראַכט. איך האָב געזעהען, ווערט ער גוט שיכור אזוי וועט ער ניט קענען דערצעהלען. האָב איך געוואָלט ביי איהם צונעהמען די פלאַש, נור ראַנגלענדיג זיך איז די פלאַש אריינגעפאַלען אין ים. אַן ערשטוינטער איז ער געבליבען שטעהן אויסשרייענדיג:

— טאיב! זעהר גוט... מאָרגען האָבען מיר פיעל ארבייט.

— וואָס פאַר אַן ארבייט? מען איז שוין געקומען פון קרך?

— וואָס, קרך — האָט ער געלאַכט. — מיר פאָהרען מאָרגען ביי נאַכט צו די בערג „אוסדום“, דאָס גאָלד מיט׳ן זילבער נעהמען... איך און דער מוגראַבי ווייסען וואו דאָס איז... ער האָט א בוך...

— געה שלאָפען, דו ביזט שכור! — האָב איך איהם קורץ אָבגעהאַקט.

— ווער, איך בין שכור?! חא חא... מיר וועלען זעהן ווער קען בעסער... ווער וועט בעסער גאָלד און זילבער נעהמען, איך צי די פרענדזש...

— איך געה שלאָפען, דו ביזט שכור — האָב איך זיך אויפגע־הויבען אַן אויפגערעגטער.

— זיץ, איך וועל דיר דערצעהלען, — האָט מיך דער קאַפּיטאַן אָנגעכאַפּט. — דו ווייסט, — האָט ער געלאַסען אָנגעהויבען, דרע־הענדיג דאָס חומש׳ל, — אַז איך הייס אבו־דאַבאַך, דאָס הייסט: דער טאַטע פון ים. דעם נאָמען האָב איך בעקומען, ווייל מיין גאַנץ לעבען בין איך אויפ׳ן ים. אויף דעם ים־המלח בין איך שוין אויך פופצעהן יאָהר. ווי מיינע פינף פינגער ווייס איך דעם ים. פיעלע מאָל בין איך איהם אין דעם קליינעם שיפעל אויסגעפאָהרען מיט די ענגלענדער, וואָס האָבען דאָ אויף די ברעגען געזוכט... איך אליין האָב געזוכט דאָס, וואָס די ענגלענדער האָבען געזוכט... זיי

האבען דאס גאלד מיט דעם זילבער, די בעגראבענע אוצרות גע־זוכט... אלע קאפיטאנען וואס האבען דא געארבייט האבען געזוכט... נור דאס איז פערשאלטען. קיינער קען דאס ניט נעהמען. דו זעהסט, — האט ער דעם חומש געעפענט און האט מיר עפעס א בילד געוויזען, נאר אין דער פינסטער האב איך ניט געזעהן וואס איז דארט — דאס איז סדום!... פון איין קאפיטאן צום צווייטען נעהט איבער דער חומש. ער איז פון דעם ערשטען קאפיטאן, וועל־כער האט אויך דאס גאלד מיט דעם זילבער געזוכט און פון דעם איז ער געשטארבען...

ער איז טרויעריג אנשוויגען געווארען און פערטראכט דעם חומש געבלעטערט. איך האב געשוויעגען און געווארט. אין אלע זייטען האט זיך דער קאפיטאן אומגעקוקט, זיין בליק אויף סדום אבגעשטעלט און שטיל דערצעהלט:

— דו זעהסט, — דו זעהסט די בוימער ביים ליסאן (צונג) — דא איז לאנד געוועזען. פאראן אראבער וואס געדענקען, אז זיי האבען דא געאקערט ,און איצט איז דאס מיט וואסער פערפלייצט. אלע יאהר ווערט דאס פערפלייצט אלץ מעהר און מעהר... איך גע־דענק דאס, וואס איך האב מיט מיינע אויגען געזעהען — האט מיט שרעק דער קאפיטאן אויפ'ן ים געקוקט, איבער וועלכען עס זיינען אזוי ווי פונקען געפלויגען. איך האב אויך אויף זיי פערוואונדערט געקוקט. דעם ערשטען מאל זעה איך זיי—דארט ארום דער „מלחה" (זאלץ גריבער), ניט ווייט פון „עין־זיהאיר" (א נאמען פון א קוואל) זיינען געוועזען קברים און א חורבה — פון די אמאליגע אידען. דער ים האט דאס אלעס פערשלונגען. מיט א פאאר יאהר צוריק האט מען נאך פון אונטער דעם וואסער געקענט זעהן דעם שפיץ פון הויכען מינארעט, וואס דארט איז געשטאנען, נור איצט איז דאס אלץ פערשוואונדען, ניטא קיין זכר — אלעס האט דער ים פער־שלונגען... און ער־אצפיה... — האט ער ניט אויפגעהערט ווי צו זיך אליין צו ריידען — די אראבער דערצעהלען, אז דער גאנצער ים ארום ער־אצפיה איז געוועזען לאנד, נור דער ים האט דאס לאנגזאם פערשלונגען... אלע יאהר קומט צו צום ים, אלע יאהר פערשלינגט

דער ים יבשה. און ווער ווייסט, צי ער וועט ניט גאַנץ ער מזרעה (טהאָל מזרעה) ביז די בערג פערטרינקען... פריהער מיט הונדערט יאָהר האָבען געדאַרפט קומען די ענגלענדער, דענסטמאָל וואָלטען זיי געפונען דאָס גאָלד מיט דעם זילבער, איצט האָט אַלץ פערשלונ־גען דער ים... איך האָב אויך מיט זיי געזוכט... אויף די ברעגען איז פיעל אוצרות בעגראָבען. מ'דאַרף וויסען ווי זיי צו נעהמען... מען דאַרף האָבען דעם „מאַרסול" (אזא בוך)... פערשאָלטען, שדים היי־טען דאָס, אָבער מיר וועלען איהם נעהמען!.. מאָרגען וועלען מיר פאָהרען.

מיט די ווערטער איז ער אויפגעשטאַנען און אוועקגעגאַנגען. איצט האָב איך שוין פערשטאַנען, וואָס דער מוגראַבי איז געקומען.

לאַנג בין איך געזעסען, איך האָב זיך אי געוואונדערט אי גע־לאַכט פון דעם, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט מיר דערצעהלט. איך האָב מיך דערמאָנט פון די מעשיות, וואָס מען דערצעהלט דאָ. גיט דען נאָך אַזאַ'ן אָרט ווי דער ים המלח, פון וועלכען מען זאָל אַזוי פיעל מעשיות און לעגענדעס דערצעהלען?...

---

ד.

— יאַלאַ, שטעה אויף... אַזוי שפּעט שלאָפען... שטעה אויף, מען דאַרף אַלעס צוגרייטען. דאָס שיפעל מיט „קוט־קוט" (פאַקלע) אַרומקלאַפּען, מיט סמאָלע אַרומשמירען. אויף דער נאַכט וועלען מיר דאָך פאָהרען, — האָב איך נעבען זיך דערהערט דעם קאַפּיטאַן.

— מיר פאָהרען טאַקי?

— ווי דען? — איז ער שוין פון מיר ניט אָבגעטראָטען. איך בין אויפגעשטאַנען, און נאָכ'ן טהעע טרינקען זיינען מיר אַרויסגע־פאָהרען אויפ'ן ברעג, אַרויסגעשלעפּט דאָס שיפעל, איבערגעקעהרט זי און אַלע שפּאַלטען פערקלאַפּט מיט „קוט־קוט" און פערגאָסען מיט פּעך. אָהן אָן אויפהער האָבען מיר דעם גאַנצען טאָג געאַרבייט. אין שיפעל האָבען מיר אָנגעלאָדען אַ פּאָאר לאָמען, קירקעס, אַ פיאש, אַ האַק, שטריק, דריי בלעכען מיט זיסע וואַסער, מעהל, ציבעלע, בוימעהל, זאַלץ, טייטלען, קאַווע, צוקער.

פאַרנאַכט איז דער מוגראַבי געקומען אויפ'ן שיף. איך האָב איהם ניט דערקענט. ביי דעם זונען־אונטערגאַנג האָט ער איינגעזאַנ־צען געשיינט. א שנעע־ווייסע אבאיע איז פריי אראָבגעהאַנגען ביז צו דער ערד. אין א ווייסער זיידענער „לעפע" (טיכעל) איז זיין קאָפּ פערוויקעלט. הויך, שלאַנק, זיינע אויגען האָבען אַזוי שאַרף געקוקט, אַז איך האָב זיין בליק ניט געקענט אויסהאַלטען. ווען ער איז אַרויף אויפ'ן „מערקאַב" האָט ער אַלעם אויפמערקזאַם בעקוקט, אומשפּאַצירענדיג מיט קליינע טריט. איך האָב געמאַכט קאַווע.

— פאַרטיג? — האָט ער קורץ דעם קאַפּיטאַן געפרעגט.

— יאָ. געוועהר נעהמען מיר אויך, — האָט דער קאַפּיטאַן געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— אָבער וואוהין פאָהרען מיר? און ווי אַזוי וועלען מיר איבערלאָזען דאָס שיף?... — האָב איך זיי געפרעגט ביים קאַווע טרינקען.

— מיר פאָהרען אין יענער זייט נעהמען דעם אוצר, — האָט דער קאַפּיטאַן אָנגעוויזען צו סדום — און אויף דעם שיף וועט אַכטונג געבען אבדו־נעבי.

— ווי אַזוי וועלען מיר איהם נעהמען?

— ביי איהם איז דאָ א בוך, — האָט דער קאַפּיטאַן אָנגעוויע־זען אויף דעם מוגראַבי.

— יאָ, איך ווייס וואו ער איז, און איך קען איהם נעהמען, — האָט דער מוגראַבי נאָך א קליינעם טראַכטען געזאָגט.

— דו קענסט די געגענד?

— ניין, — האָט ער געשמייכעלט.

— און דו ווייסט דאָס אָרט? — האָב איך ניט אויפגעהערט צו וואונדערען זיך.

— יאָ, איך האָב אַזאַ בוך, וואו אַלעס איז פערשריבען, — האָט ער אָבגעהאַקט.

— ווייז, ווייז, — האָב איך געוואָלט זעהן דעם בוך.

— איהר, פרענדזש, זייט אַלע כופר (אפיקורסים). איהר

גלויבט אין גאָר גישט — האָט ער געעפּענט צאָרנדיג זיין זעקעל. איך האָב אויפגעציטערט פון דער פיינדשאַפט, וואָס איז געלעגען אין זיינע ווערטער.

— דאָס איז דאָס בוך, — האָט ער פון זעקעל אַ בוך ארויסגענומען.

קיינמאָל האָב איך אזא בוך ניט געזעהען. אַ גראָבער, מיט בלעכענע טונקעל־גרינע טאָוולען, אויף וועלכע עס איז אויפגעצייכענט עפּעס שטערן, האלבע לבנות, שלאַנגען און נאָך אזעלכע חיות, וואָס איך האָב, אין דער אַנקומענדער פינסטערניש ניט געקענט פאַנאַנדערקלייבען. די בלעטער זיינען גראָבע, געלע, פון אַלטען פאַרמעט. די ווינקלען פון די בלעטער אָבגעריסען און די ווערטער — זעהר גרויסע.

מיט אַן אָפענעם מויל האָט זיך דער קאַפּיטאַן צוגערוקט, אַ בלאַט אַנגעריהרט, נור גלייך די האַנד צוגעכאַפּט, אזוי ווי ער וואָלט זיך אָבגעבריהט. דאָך האָט ער ווייטער אַ בלאַט אָנגענומען, איבערגעקעהרט, און אַלץ מוטהיגער געדרעהט די בלעטער. זיין פּנים האָט זיך פערקרימט און געציטערט.

— איצט וועל איך אַלעס דערצעהלען, — האָט זיך דער מוגראַבי אָבגערופען, אריינלעגענדיג דעם בוך צוריק אין זאַק אריין.

— ביי אונז אין „הארב" (אפריקא) ווייסען מיר אַלעס, — האָט דער מוגראַבי אָנגעפאַנגען — ביי אונז זיינען פאַראַן אזעלכע ביכער, וואו אַלעס שטעהט געשריבען... דאָרט איז אויך געשריבען פון דעם גאָלד און זילבער, פון די אוצרות וואָס דאָ איז פערגראָבען. איבערהויפּט ווייסען פון דעם די „חאדוש" (פּילגרימען), וואָס פאָהרען אין מעקקאַ. פיעל דערצעהלט מען פון די אוצרות... דאָס גאַנצע לאַנד איז בעדעקט מיט אוצרות. פערבאָרגען, פערבעהאַלטען זיינען זיי, פערפלוכט און פערשאָלטען... אַ סך מענשען האָבען גע־זוכט די אוצרות, אָבער זעהר ווינציג האָבען זיי געפונען. איך האָב פון דעם געוואוסט. מיינער אַ פעטער האָט דאָס מיר דערצעהלט. יאָהרען לאַנג האָט ער געזוכט דאָס גאָלד און זילבער. אַ יונגער איז ער אין אייער לאַנד געקומען, אַ זקן האָט ער זיך אומגעקעהרט. ער

האָט דאָס בוך געהאַט, און מיר איהם איבערגעגעבען, און אויך אויס־געלערנט לעזען איהם. און אין בוך שטעהט געשריבען, און אויך דער פעטער האָט מיר דערצעהלט, אז דאָ ניט ווייט, אין מערב־זייט פון דעם ים המלח, אויף זיינע ברעגען, איז אַן אוצר בעגראָבען. מיט'ן בוך אין האנד האָט מיין פעטער געפונען דעם אָרט, וואו דער אוצר איז בעגראָבען, אָבער ער האָט איהם ניט געקענט נעהמען אליין... אין בוך איז אויך דאָס געלעגען, — האָט ער פאַנאַנדערגע־לעגט א ווייסען שטיקעל לייוועגט מיט א טונקעל־רויטער צייכנונג.

— וואָס איז דאָס? — האָבען מיר ניט פערשטאַנען.

— דאָס איז די צייכנונג פון דעם אָרט, וואו דער אוצר ליעגט. מיט זיין בלוט האָט עס מיין פעטער אָנגעצייכענט, — האָט ער אונז ערקלערט. — דאָס איז דער ים המלח, — האָט ער געוויזען אויפ'ן טונקעל־רויטען האַלבען ראָד. — דאָס איז דער „ליסאָן", — האָט ער אָנגעוויזען אויף דעם לאַנגען פּאַס — דאָס פּאַסיקעל אין מיטען ים, דאָס איז א בוים. פון יענעם בוים ביז יענעם דריי־עק איז א שפּיץ בארג. ווען מען קוקט גלייך, זעהט מען אויפ'ן בארג צוויי קופּעס שטיינער, דאָס זיינען די צוויי פּאַסעקלעך ווי אַן אַראַ־בישע „ט", אָט די צוויי לאַנגע אויסגעבויגענע פּאַסען זיינען דער וועג, וועלכער פערענדיגט זיך ביי דער גרויסער הייל. און דאָס איז די הייל, — האָט ער אָנגעוויזען אויף דעם אויסגעמאָלטען ראָד, וואוביידע פּאַסען האָבען זיך פערענדיגט — די הייל געפינט זיך אויף א גרויסען פעלז, אָבגעזונדערט און מיט בערג ארומגערינגעלט. זי איז זעהר א גרויסע, א רייטער קען זיך אין איהר שפּיעלען מט'ן שפּיעז. און אין דער הייל איז בעגראָבען דער אוצר... ביי מיר אין בוך איז אַלעס פערשריבען און אויפ'ן אָרט וועל איך אייך לערנען וואָס צו טהאָן.

מיר האָבען געשוויגען. איך האָב געגלויבט און ניט געגלויבט. דער קאַפּיטאַן איז אַראָב אין שיפעל. עס איז נאַכט.

— פון וואַנען איז דאָרט דער אוצר?

— פון די אַמאָליגע אידען.

— פון די אַמאָליגע אידען! — האָט מיך שטאַרק פערדראָסען

אויפ'ן מוגראַבי. מיר האָט זיך געוואָלט צושטערען די רייזע, אָבער אין דער אייגענער צייט האָב איך דאָך געוואָלט פאָהרען; מיר האָט זיך געוואָלט צונעהמען דאָס בוך און איהם אליין פערטרייבען... ווי קומען זיי אהער?... וואָס פאַר א שייכות האָבען זיי מיט די אוצרות פון די אמאָליגע אידען?...

— שוין צייט פאָהרען! — האָט דער קאַפּיטאַן איבערגעריסען מיינע געדאַנקען — מיר וועלען דעם גרויסען אנקער אריינוואַרפען, טאָמער קומט א גרויסער צפון־ווינד, — און ער האָט עס גלייך געטהאָן.

— ווי וועלען מיר פאָהרען אָהן א ווינד? — האָב איך געפרעגט דעם קאַפּיטאַן, אריינקריכענדיג אין שיפעל.

— עס מאַכט ניט. ביז דעם „ראס על ליסאן" (קאָפּ פון צונג, א נאָמען) וועלען מיר פאָהרען מיט די רודער־שטאַנגען, און פון דאָרט מיט'ן צפון־ווינד, — האָט דער קאַפּיטאַן זעהר אויפמערקזאם בעקוקט דאָס קליינע שיפעל.

— בינד אָב! — האָט ער שטיל בעפוילען, און מיר האָבען גענומען די רודער־שטאַנגען. דער מוגראַבי איז געזעסען צונויפגעדרעהט אויפ'ן נאָז פון שיפעל. מיט א רודער־שטאַנג האָבען מיר זיך פון דעם גרויסען שיף אָבגעשטופט און פעסט געאַרבייט מיט די „מאַגאַדיף" (רודער־שטאַנגען), אום צו קומען ביז האַלבע נאַכט צום „ראס־על־ליסאן", וואו מיר וועלען קענען אויפהויבען דעם זעגעל.

איבער דעם אונבעוועגליכען ים, פאַרביי די איינגעשלונגענע בוימער זיינען מיר שטיל געפאָהרען. עס האָט זיך נים געוואָלט ריידען.

— ציה אויף דעם זעגעל, — האָט מיר דער קאַפּיטאַן געהייסען, ווען מיר זיינען צוגעקומען צום „ראס על ליסאן" און אליין האָט ער זיך ביים שטייער־רודער געזעצט. פון'ם ארנון־זייט האָט מען געהערט א גערויש. דאָס איז געווען דער צפון־ווינט, וואָס האָט שוין בעוועגט דעם ים.

— מיר וועלען קלאַפּען א „באַלטא" (האָט א זעגעל־שיף א געגען־

ווינט שניידט זי איהם מיט'ן זייט) אויף „טעל־על־פאדא" און פון דאָרט צו „מאסאדא" — האָט צו מיר דער קאפיטאן געזאָגט.

— בייטאָג וועלען מיר פאָהרען?

— ניין, מיר וועלען איבערנעכטיגען אויפ'ן צווייטען זייט ליסאן. די אראבער טאָרען אונז ניט זעהן.

איך האָב אויפגעצויגען דעם זעגעל און דאָס שיפעל איז געלאָפען צו „טעל על פאדא" צו. א האלב־טונקעלע שיין האָט זיך צוגאָסען איבער'ן ים, פון וועלכער די נאכט און דער ים האָבען פינסטערער און שווארצער אויסגעזעהען. א שווארצער נעבעל איז געהאנגען איבער די בערג. שטארקער האָט דער ווינט געבלאָזען. שנעלער האָט דאָס שיפעל די וואסער געשניטען. מיר זיינען ניט ווייט פון „טעל על פאדא".

— בינד איבער די „שקאטע" (די אונטערשטע זעגעל־שטריק). מיר וועלען זיך אומקעהרען — האָט דער קאפיטאן געהייסען. איך האָב זי איבערגעבונדען. דער ברעג האָט זיך אָנגעהויבען דערווייטערען.

ווי פריהער איז דער מוגראבי מיט'ן קאָפּ צווישען די קניע געזעסען. שטארק האָט זיך אונזער שיפעל געוויעגט און דאָרט הויך, ווי א נעלער האלבער טאז, איז די לבנה ארויסגעשוואומען, און געוואונקען דורך דער פערנעבעלטער לופט, אין'ם ים־אָבגרונד, וואָס האָט ווי מיט א שטילען, איינגעהאלטענעם גערויש געטריבען זיינע כוואליעס.

פלוצלונג איז דער צפון־ווינט פערשוואונדען, די שיפעל האָט זיך קוים, קוים געגליטשט, און געוויעגט אויף די קליינע ים־כוואליעס, וואָס האָט אויף דעם בעשטערענטען הימעל געשאָקעלט. ווי א שמאטע איז דער זעגעל געהאנגען, אונבעוועגליך איז דער קאפיטאן ביי דעם רודער געזעסען, אזוי ווי ער וואָלט מיט אָפענע אויגען געשלאָפען... שטיל האָט ווידער אויפגעבלאָזען דער צפון־ווינט, די שיפעל אונטערגעטריבען. איך האָב געקוקט אין וואסער און מיר ווייזט זיך אויס, אז מיר האָבען זיך פון ים אָבגעטהיילט, עס איז גאָר אין גאנצען קיין ים ניטאָ, נור עפּעס א טיעפע אונענדליכקייט

וואָס דאָס אויג קען ניט כאַפּען, דער מוח, דער געדאַנק ניט בענעה־מען. אויף וואָס מיר פאַהרען איז ניט קיין שיפעל, נור אַ לע־גענדאַרער ווייסער אָדלער וואָס טראָגט אונז איבער׳ן תהום צו יע־נעם בלויען טאַפּאַז, וואָס לייכט דאָרט ווייט, אין דער הויך...

— בינד שטאַרקער די „שקאָטע“ — האָט איבער׳ן ים געדו־נערט. אויטאָמאַטיש האָב איך עס געטהאָן און געבליבען זיצען, באַדענדיג זיך אין לבנה־שיין. איך האָב מיינע אויגען פערמאַכט.

אַ ברעגלאָזער ים. ווי בערג לויפען די כוואַליעס איינע נאָך דער צווייטער. אונזער שיפעל רייסט זיך, שניידט און קעמפּפט מיט רוישענדע וואַסערען. באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ טראָגען מיר זיך אין דער האַלב־פינסטערער נאַכט... געשרייען און קראַכען ברייגגט די נאַכט...

— מען טרינקט זיך! — האָט דער קאַפּיטאַן דאָס שיפעל גע־קעהרט. די געשרייען הערען זיך נעהענטער. מיר האָבען פאַר אונז דערזעהען אַ צובראָכען שיף, און הארט נעבען אונזער שיפעל האָבען זיך געוויעזען פון וואַסער צוויי ווייסע הענט און פערשוואונ־דען... צו זיי האָב איך זיך געוואָרפען.

— דו שלאָפסט?... האַלט זיך פעסט, דער ווינט איז שטאַרק, דו וועסט נאָך אַריינפאַלען אין וואַסער — האָב איך דערפיהלט ווי מען טרייסעלט מיך פאַר׳ן אַקסעל. איך האָב זיך אומגעקוקט.

טונקעל. אַ העלע טונקעלהייט הערשט איבער אונז. די לבנה איז אין וואָלקענס געלעגען. דער ווינט איז שטאַרק און ווי אַ פייל אוים בוינען, פליהט דאָס שיפעל איבער די ברויזענד־צאָרנדיגע כוואַ־ליעס, וואָס קענען ניט דעריאָגען איינע דער צווייטער. דאָס שיפעל ליענט אויף אַ זייט. דער קאַפּיטאַן שטעהט נעבען מיר.

— גיב אַכטונג — האָט מיך דער קאַפּיטאַן געוואָרענט, זעצענ־דיג זיך צוריק צום שטייער־רודער. אומרוהיג האָב איך געזוכט די פאָר ווייסע הענט וואָס האָבען נאָך געבליצט פאַר מיינע אויגען. ווי אין דער נאַכט האָט זיך צוטראָגען אַ ליעד, אויסגעצויגען, כאָרכ־לענדיג, — נור צוויי, דריי נאָטען האָט מען געהערט.

אַ שרעקליבער וועהטאָג און תפלה, צאָרן און געבעט, כעס און

שרעק האָט אין ליעד געקלונגען. ווי מיט שטריק האָט עס מיך גע־בונדען און גערריקט, געדריקט... הייזעריג טעמפּ טראָגט זיך דאָס ליעד איבער'ן וואַסער און פאַלט אַרום שיף אַזוי ווי די כוואַליעס וואַלטען עס געזונגען. ווי אַ פער'כשופ'טער בין איך געזעסען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ליעד? — האָב איך דעם קאַפּיטאַן געפרעגט, ווען ער איז שטיל געוואָרען.

— דאָס איז דאָס ליעד פון די אַלטע גריכישע פישערס — האָט ער אָבגעהאַקט נאָך אַ קליינעם שווייגען און געקוקט איבער'ן ים.

— דער ווינט — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעשטאַמעלט — הויבט אָן און הערט אויף און דער מאָרגענשטערן איז שוין הויך... געה בייט מיך איבער — איז ער פון זיין אָרט אויפגעשטאַנען. מיר האָבען זיך געביטען מיט די ערטער. דער ווינט האָט ווייטער אויפ־געבלאָזען.

— האַלט גלייך, דו וועסט אַרויפפאָהרען אויף די שטיינער — האָט מיך דער קאַפּיטאַן געוואָרענט ביים „ליסאַן“ און אַליין איז ער געזעסען אַ צוזאַמענגעדרעהטער אונטערן זעגעל און גאַנץ אָפט גע־טרונקען פון אַ פלאַש. דעם מוגראַבי האָט מען ניט געזעהן.

— טרינק! — האָט ער מיר די פלאַש געגעבען. איך האָב זיך אָבגעזאָגט.

שטיל האָט דער קאַפּיטאַן ווייטער געזונגען. שווערע זיפצען האָ־בען זיין ברוסט געהויבען. שרעקליך טרויעריג האָט זיין ליעד גע־קלונגען.

— עך, דער ים, דער ים! — האָט ער געזיפצט און פון פלאַש געטרונקען, און אויסגעלייזינטע פערוואָרפען אין וואַסער.

— איך בין פון אברהם, יצחק און יעקב, איך בין לוט, איך בין באַחאַר לוט! — האָט ער זיך פּלוצלונג צושריען, אָבער גלייך אַנט־שווינען געוואָרען. אַן אינערליכער וועהטאָג האָט זיין פּנים צו־קרימט. ניט דערקענט האָב איך דעם אַלטען קאַפּיטאַן דעם שכור. זיינע גראָהע, נעדיכטע ברעמען האָבען בעוויזען די אויגען, וועלכע האָבען געבלישצעט מיט אַ פייכטען גלאַנץ. זעהר מילד און גוט־

מוטהיג, ווי ביי אַן אַלטען זיידען, האָט אויסגעזעהען דער צוקנייטש־טער, מיט האָר בעוואַקסענער פּנים.

די לבנה איז איבער „עין־גדי" געשטאַנען. אין דעם הימעל־זעניט, גלייך איבער אונזערע קעפּ, איז געהאַנגען דער מאָרגענ־שטערן. מיט גאוה און דרייסט האָט ער אונז אַנגעזאָגט, אז דער טאָג קומט אָן.

— עך פופצעהן יאָהר, פופצעהן יאָהר... האָט זיך זיין פערשטיקטע שטימע געהערט — פופצעהן יאָהר אויף׳ן ים המלח!

— וואָס איז מיט דיר, אבו־ראבאך? — האָב איך שטיל גע־פרעגט.

— שווער, זעהר שווער — האָט ער נאָך אַ קורצען שווייגען גע־ענטפערט, די האנט ביים הארצען געהאַלטען — פופצעהן יאָהר גע־ווען איינער אליין... דריי און זיעבציג יאָהר אַלט, פאַהר איך נאָך׳ן אוצר... יענער קאַפּיטאַן האָט אויך געזוכט דעם אוצר... אין מיינע יאָהרען איז ער געשטאָרבען... איך האָב אויך געזעהען דעם „אַלטען קאַפּיטאַן".

פול מיט מיטלייד פון זיין שמערצליכען טאָן האָב איך געשוויגען. איך הער פון איהם דאָס ערשטע מאָל וואָס ער דערמאָהנט דעם „אַלטען קאַפּיטאַן". דאָס איז אַ לעגענדע, וואָס געהט אום אויף די ברעגען פון ים המלח, און ווערט איבערגעגעבען פון איין קאַפּיטאַן צום צווייטען.

אמאָל — דערצעהלט די לעגענדע — איז ביי דעם אריינפאַל פון ירדן אַ פישער געווען, וועלכער האָט שטענדיג געטרוימט פון די בעגראָבענע אוצרות. פון דעם ערשטען טאָג פון זיין קומען האָט ער זיי ניט אויפגעהערט צו זוכען אָבער ניט געפונען. איין מאָל איז ער געגאַנגען זוכען די אוצרות און איז נעלם געוואָרען. מען האָט איהם שוין מעהר ניט געזעהען. אין אַ שטיק צייט ארום איז דאָס שיף אין „ער־אצפיה" געפאָהרען. נעבען סדום איז דער קאַפּיטאַן פון שיף אראָפּגעגאַנגען אויפ׳ן ברעג. ער האָט אויך גע־זוכט אַן אוצר. נאָר ווען ער האָט געוואָלט ארויפגעהן אויפ׳ן בארג איז איהם פּלוצלונג בעפאַלען אַ ווילדע חיה, נאָכגעיאָגט און פער־

ווארפען מיט שטיינער. קוים א לעבעדיגער האט זיך דער קאפיטאן געראטעוועט אויפ'ן שיף. אין א קורצער צייט ארום איז ער געשטארבען. א שטורם־ווינד האט די אנקער־קייטען צוריסען און דאס שיף אויפ'ן ברעג ארויסגעווארפען.

פון דאן אן זאגט מען, אז פאר אן אונגליק אדער א טויט זעהען די קאפיטאנען פון שיף „איהם" און אז „ער", „דער אלטער קאפיטאן" היט אויף יענעם אוצר...

— דו הער נאר די באבע מעשות וואס מען דערצעהלט... דו ביזט דאך ניט קיין אראבער... דו ביזט אזוי געזונד, וועסט אונז נאך איבערלעבען — האב איך איהם געטרייסט.

— דער פאריגער קאפיטאן האט פאר זיין טוידט אויך געזעהען דעם „אלטען קאפיטאן" — האט ער שטיל אויסגערעדט.

מיט א פולען זעגעל איז רוהיג געלאפען דאס שיפעל. א גראהליכער טאן האט בעדעקט דעם ים. א וויסליכער נעפעל האט געשפארט פון די בערג־שפאלטען און טהאלען. א קאלטער ציטער האט מיך דורכגענומען. דער מוגראבי האט זיך שוין געזעהען אויפ'ן נאז פון שיפעל. שטיל האט דער קאפיטאן געמורמעלט: „איינזאם געלעבט, איינזאם שטארבען..."

— דו זעהסט, דו זעהסט!... — האט ער מיר איבער'ן ים אויף א ווייסען וואלקען אנגעציינט.

— דו זעהסט, „דער אלטער קאפיטאן" איז ווידער געקומען... עס וועט זיך שוין טרעפען אן אונגליק!...

איך האב געקוקט אויפ'ן ים, אבער דעם וואלקען האב איך ניט געזעהען. נאר א העלער שיין פון טאג האט דעם ים ארומגענומען. מיר זיינען פארבייגעפאהרען דעם „ליסאן" און פון צווייטען זייט געזוכט א גוטען ארט פאר'ן שיפעל און פאר אונז א הייל. ניט לאנג האבען מיר געזוכט. איך בין ארויס פון שיפעל און גלייך זיך געלייגט רוהען א מיעדער פון דער גאנצער נאכט ניט שלאפען.

## ח.

פאַרנאַכט־צו האָב איך זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט. דער מוג־ראַבי איז ניט געווען. דער קאַפּיטאַן איז נעבען שיפעל געשטאַנען.

— מיר וועלען באַלד פאָהרען, — האָט ער אויסגעשריען, ווי ער האָט מיך דערזעהען.

— וואו איז דער מוגראַבי?

— איך ווייס ניט, אַראַבער וועלען איהם דערזעהען, — האָט זיך דער קאַפּיטאַן געזאָרגט.

— וואו ביזטו געווען? — האָט ער פּלוצלונג אויסגעשריען. איך האָב דערזעהן הינטער זיך דעם מוגראַבי! — מיט'ן צפון ווינט וועלען מיר דאָך מוזען פאָהרען.

— איך האָב דעם בוים, וואָס אין מיטען ים, געזוכט.

— ווייז דיין קאַרטע, — האָט דער קאַפּיטאַן שפּאָטיש אויס־גערעדט, — דו האָסט מיך גענאַרט פרעגען. ווי מיינע פינף פינ־גער קען איך דעם ים. פּופּצעהן יאָהר קאַפּיטאַן, — האָט ער גדלות'־דיג צוגעגעבען. דער מוגראַבי האָט דעם שטיקעל לייווענד אַרויס־גענומען.

— טאַיב, איך ווייס דעם אָרט, אָבער פון אַ חייל האָב איך ניט געוואוסט.

— ביי די סדום'ער בערג? — האָב איך געפרעגט דעם קאַפּי־טאַן.

— ניין, ביי „סעבבע" (מאַסאַדאַ) — האָט ער קורץ געענט־פערט. דער מוגראַבי האָט זיך געשטעלט דאַווענען. דער קאַפּיטאַן האָט געגרייט דאָס שיפעל צו דער ווייטערדיגער רייזע. אַנשטאָט אַן אַנקער האָט ער צוגעבונדען אַ גרויסען שטיין צו אַ שטריק. איך האָב געמאַכט קאַווע. עס איז שוין געווען גוט פינסטער ווען מיר זיינען אָפּגעפאָהרען.

— עס וועט זיין אַ שטאַרקער ווינד, — האָט דער קאַפּיטאַן געקוקט אויפ'ן הימעל, — גיב אַכטונג, בינד צו די „שקאָטע".

דער קאַפּיטאַן האָט נאָך ניט געענדיגט זיינע ווערטער ווי דאָס

שיפעל האט א ריס געטהאן. דער זעגעל, אן אנגעבלאזענער, איז געווען געבויגען צום וואסער, און מיר זיינען געפלויגען אין דער ברייט פון ים.

— אויב דער ווינט וועט צו האלבע נאכט ניט ווערען שטאר־קער, וועלען מיר ניט קומען מיט'ן פריהמארגען, — האט זיך דער קאפיטאן צוגעהערט צום ווינט, וואס איז געווארען, פלוצלונג, זעהר שוואך.

— נעהם די רודער־שטאנגען, — האט מיר דער קאפיטאן באפוילען.

— רוף דעם מוגראבי, ער זאל דיר העלפען, — האט מיר דער קאפיטאן געהייסען, זעהענדיג ווי שווער איך רודער. דער מוגראבי איז געלעגען צונויפגעדרעהט אויף זיין ארט, און דא איז שוין דער טחוי אויך געפאלען. דער ים־המלח געבעל איז קלעפיג ווי האניג, גליטשיג ווי א פיש און שמוציג ווי צונויפגעמישטע בוימעל מיט סאזשע. די רודער־שטאנגען האבען זיך געגליטשט פון מיינע הענט. א קאלטע פייכטקייט האט אונז ארומגענומען, זעהר אונאנגענעהם האב איך זיך געפיהלט. איך האב אנגעטהאן וואס איך האב נאר געפונען אין שיפעל. דער ים איז אזוי שטיל געלעגען, אז מען האט ניט געהערט זיין אייביגען קאמפף מיט'ן „ליסאן“. ווי פון א קראמפ פלעגט דער ים ציים צו צייט אויפציטערען. נור פלוצלונג האט זיך דאס שיפעל אויף א זייט א בויג געטהאן. דער זעגעל, וואס איז גע־ווען ניט צוגעבונדען, האט געפלאטערט ווי אן אונטערגעשאסענער פויגעל.

— האלט, האלט! בינד דעם זעגעל, — האט דער קאפיטאן געשריען. געשווינד האב איך די רודער־שטאנגען אריינגעווארפען אין שיפעל, געבונדען דעם זעגעל.

ווי א געלויף פון א מחנה פערד, האט זיך געהערט רוישען אין דער ים־ווייטקייט. די פינסטערניש איז געווארען שיטערער.

— דער „שאמאלי“ (צפון־ווינט), מיט דער לבנה קומט ער, — איז דער קאפיטאן א צופריעדענער געזעסען ביים רודער.

נעבויגען אויף א זייט איז דאָס שיפעל פלינק געלאָפען איבער'ן ים, וואו עס האָט זיך שוין געזעהען ווייסע פאַסען שוים. די לבנה איז שוין ארויס, דורך א נעבעל האָט מען די בערג געזעהען אויף יענעם זייט. דאָס שיפעל איז געפאָהרען מעהר אין דער קרום, צו מאַסאדאַ צו.

— וואָס איז? — האָב איך געפרעגט דעם קאַפּיטאַן.

— וואָס קרימער אלץ נעהענטער וועלען מיר צו די שטיינער אויסקומען, — האָט ער מיר פערטייטשט פאַר וואָס ער האָט דאָס שיפעל געפיהרט אזוי.

— וואו זעהסטו די שטיינער?

— קוק גלייך, פאַר זיך!

איך האָב גאָר נישט געזעהען.

— לאָז, איך וועל דיר פערבייטען, — האָב איך איהם פאַרגעלייגט. דער קאַפּיטאַן האָט געשוויגען. עס איז קאַלט, דער צפון־ווינט האָט געשפּריצט מיט וואַסער, און מיינע אראבישע שיך אויף די פיס זיינען געוואָרען הארט ווי האָלץ. די פיס האָב איך אין א זאַק איינגעדרעהט. איך ווייס ניט וויפיעל איך בין געלעגען... און איך זעה:

דער ים הויבט זיך אויף און וואַקסט אלץ העכער און העכער. ער פערטרינקט שוין דעם „ליסאַן", ער דערגרייכט די בערג און זידט ווי א קעסעל. פון דעם בוים, דאָרט, אין מיטען ים, האָט זיך אויפגעהויבען א שאָטען און רוקט זיך גלייך מיט אונז צו דעם באַרג, וואו עס זעהט זיך א גרויסע הייל. דער מוגראַבי שטעהט אויפ'ן נאָז פון שיפעל און זאָגט עפּעס פון זיין בוך. דער קאַפּיטאַן, בלייך ווי א מת, מיט אויסגעשטאַרצטע אויגען, מאַכט, אין טויט שרעק, מיט די הענט. דאָס שיפעל פליהט גלייך אין הייל, דער שאָטען רוקט זיך מיט.

— נעהם די רודער־שטאַנגען, העלף דעם ווינט, מיר מוזען פאַר „איהם" קומען, — דונערט דער קאַפּיטאַן א דערשראָקענער. איך רודער, דער מוגראַבי הערט ניט אויף צו זאָגען פון זיין בוך,

אבער דער שווארצער שאטען טראגט זיך גלייך מיט אונז. ער איז שוין הארט ביי דער שיפעל, אט־אט איז ער אין הייל... נור פלוצ־לונג איז אנגעפלוינען א שטורם און, ווי א בליץ אונז אריינגעטרא־גען אין הייל, דער מוגראבי איז אראבגעפאלען און...

— מיר זיינען געקומען, — טרייסעלט מיך דער קאפיטאן. איך האב זיך אומגעקוקט.

דער מוגראבי זיצט מיט׳ן געזיכט צו די בערג. דער קאפיטאן זעהט אויס גרא. דער ווינד בלאזט שוואך, דער זעגעל איז אראב־געלאזען און די שיפעל וויעגט זיך אין דער שיטער־גראהער העלקייט, וואס איז צוגאסען איבער׳ן ים.

מיר קענען ניט צופאהרען מיט דעם שיפעל צום ברעג, די כוואליעס וועלען זי צוברעכען, — האט דער קאפיטאן געזוכט אן עצה און צוגעגעבען:

— ווארף ארויס דעם שטיין, איך וועל ארויסשווימען, — און גלייך טאקע האט ער פון זיך די קליידער אראבגעווארפען, שטיל זיך אראבגעגליטשט אין ים. דער ים האט איהם צום ברעג געטראגען. דער מוגראבי האט זיך אויף איין ארט געדרעהט און יעדע ווייל אבגעגעבען דעם ים זיין ציגז...

די זון איז ארויס פון הינטער די בערג. העל־ראז האט דער ים אויסגעזעהען. זעהר ניעדריג צום וואסער זיינען איינינע פויג־לעך געפלויגען. פרעהליך האבען זיך די בערג געשפיעגעלט אין וואסער. אונרוהיג האב איך געקוקט צום ברעג וואו דער קאפיטאן האט געדארפט זיין. — „טאמער וועלען איהם טרעפען אראבער, וואו וועלען מיר געפינען בעהאלטען דאס שיפעל?“ — האב איך זיך געטראכט, ווען איך האב דערהערט דעם קאפיטאנ׳ס רופען.

— סאלאמאן, ווארף ארויס א שטריק!... איך האב געפונען!...

איך האב צוגעבונדען אן עק שטריק צו א האלץ און אריינ־געווארפען אין ים, דעם צווייטען האב איך צוגעבונדען צום שיפעל. דעם אנקער האב איך ארויסגעשלעפט. דער קאפיטאן האט אונז

פאַר׳ן שטריק צוגעצויגען צום ברעג. ווי אַ קאַץ איז דער מוגראַבי אַרויסגעשפּרונגען פון שיפעל.

— גיכער טראָגט אַריין די זאַכען אין יענעם לאָך! אונז קענען נאָך דערזעהען אַראַבער, — האָט אונז דער קאַפּיטאַן גע־איילט. שנעל האָבען מיר דאָס שיפעל אויסגעליידיגט. איין בלעך האָבען מיר געמוזט אַרויסוואַרפען. די זיסע וואַסער איז אויס־גערונען.

דער אָרט, וואו מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט, איז מיר געווען אומבעקאַנט. קיין מאָל בין איך דאָ ניט געווען. פון דער ווייטען האָב איך דעם באַרג סדום געזעהן, פון דער צווייטער זייט עין גדי, און דאָ, אין מיטען, דאַרף ערגעץ זיין מאַסאַדאַ. דעם בוים, וואָס די קאַרטע האָט אָנגעוויעזען, האָט מען ניט געזעהן.

— וואו זיינען די שטיינער? — האָב איך אין אַלע זייטען געזוכט.

— מיר שטעהען נעבען זיי, — האָט דער קאַפּיטאַן אָנגעוויזען, וואו איך בין געשטאַנען. צו אַראַבישע טית׳ן האָבען זיי געהאַט אַ קליינע עהנליכקייט. דאָך האָט מען דערקענט, אַז מענשען האָ־בען עס צוזאַמענגעלעגט — עס האָט זיך געזעהן אַ סימעטריע.

— יאַלאַ, מען דאַרף דאָס שיפעל בעהאַלטען, — האָט אונז דער קאַפּיטאַן אונטערגעטריבען. דאָס געוועהר האָבען מיר אָנגעטהאָן אויף זיך. ווען מיר האָבען אַלעס אַריינגעטראָגען אין דער קליינער הייל — אין דער לאָך פון די שטיינער — האָט זיך דער מוגראַבי געשטעלט דאַווענען. איך מיט׳ן קאַפּיטאַן האָבען געטראַכט, ווי אַזוי בעהאַלט מען דאָס שיפעל, אַז די אַראַבער זאָלען עס ניט זעהן, אַז די זון זאָל עס ניט צוטריקענען, אַז דער ים זאָל עס ניט צוקלאַפּען, און מיר זאָלען עס האָבען אונטער׳ן האַנד.

ענדליך איז ביי אונז געבליבען אַז מיר זאָלען עס אַרויסשלעפּען אויפ׳ן ברעג און אַרומלייגען מיט שטיינער. די זון האָט שטאַרק געברענט, ווען מיר זיינען שוין פאַרטיג געוואָרען מיט אונזער אַר־בייט. דעם מוגראַבי האָבען מיר ניט געזעהן.

— אראבער ווע‍לען איהם זעהן, — האָב איך געקוקט אויפ׳ן ים, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי בוימעל.

— יעצט קומען ניט קיין אראבער אין דער געגענד, — האָט מיך בערוהיגט דער קאפּיטאן. מיר האָבען איבערגעביסען און גע־לעגט זיך אויסרוהען. אָבער איך האָב ניט געקענט איינליגען. פון׳ם אוצר האָב איך ניט געטראכט, נאָר עפּעס א מאָדנע אונרוהיגקייט האָט מיך בעהערשט. איך האָב זיך געזעצט אין שאָטען פון דעם בוים, וואָס איז נעבען הייל געשטאנען.

קיין ווינד. א ווייסער ים האָט גערוהט אונטער די פייערדיגע זונן־שטראהלען. ווי אַן אויסגעצויגענער מת, אָנגעטהאָן אין תכריכים, איז געלעגען דער „ליסאן". אונבעוועגליך בין איך גע־זעסען און געקוקט אויף די רויטליך־שווארצע בערג, וואָס זיינען געשטאנען בלויזע, אָהן שום סימן פון געוואוקס. איבער מיין קאָפּ האָט אַן אָדלער גרויסע רונד־קרייזען געפיהרט, געמיינט אז איך בין טויט. מיט האלב־צוגעמאכטע אויגען בין איך געזעסען אין דער היץ, וועלכע האָט אויף מיר פון אלע זייטען געבלאָזען, און געזעהען, אז דער ים איז ווי א קעסעל אויסגעבויגען און פערשיעדענפארביגע פונקען פליהען איבער איהם.

— דער מוגראבי איז נאָך ניט געקומען, — האָב איך נעבען זיך דערהערט. מיט געוואַלד האָב איך מיינע אויגען אויפגעריסען.

— וואו קען ער זיין, דער מוגראבי ?... ער קען נאָך פאר־בלאָנדזשען... — איז דער קאפּיטאן געווען בעאונרוהיגט.

די זון האָט זיך שוין הינטער די בערג אראָפּגעלאָזען און מיר זיינען געשטאנען אין דעם שווארצען שאָטען וואָס זיי האָבען גע־שפּרייט איבער׳ן ים און באדעקט די פרעהליכע זונען־שיין. דער מוגראבי איז נאָך אלץ ניט געווען.

— מען דארף איהם געהן זוכען — האָט דער קאפּיטאן ניט געקענט רוהען.

— איך האָב ארויפגעקלעטערט אויף א בארג, פיל‍ייכט וועל

איך איהם זעהן, נור גלייך אראָפּגעני־ערט, ווייל דאָס געוועהר האָב איך ניט מיטגענומען.

— וואָס טהוט מען? — האָט דער קאַפּיטאַן ניט גערוהט. מיר האָבען מורא געהאט, אז ער וועט פארבלאָנדזשען. וואסער האָט ער נים געהאט מיט זיך. מיר זיינען אריין אין הייל, מיטגענומען וואסער און א פּאָאר מצות, דאָס געוועהר, דעם לאָך פון דער הייל פארלייגט מיט שטיינער, געמאכט א סימן און מיר זיינען געגאַנגען זוכען דעם מוגראבי.

אונבעמערקט איז געוואָרען נאכט און זעהר א מאָדנע נאכט. אזא נאכט האָב איך נאָך ניט געזעהן... אונבעוועגליך ליעגט דער ים, ווי פונקען בליהען איבער איהם די שטערען־שטראַהלען. א העלע פינסטערניש הענגט איבער'ן וואסער. קיין קול, קיין קלאנג, אפילו די דעבע שווייגט, אפילו דעם שאקאל הערט מען ניט, צו וואָס מען איז דאָ גאָר ניט געוועהנט געוואָרען.

אין דער פינסטער, ניט זעהענדיג קיין וועג, געפיהרט פון דעם אינסטינקט, זיינען מיר געגאַנגען אויפ'ן בארג. גאַנץ הויך זיינען מיר געבליבען שטעהן. ווי אין א טיעפער גרוב איז אונטען געלעגען דער ים מיט א צווייטען הימעל און שטערען.

— וואו קען ער זיין? — האָט דער קאַפּיטאַן געמורמעלט.

— מען דאַרף שרייען, — האָב איך פאָרגעלעגט.

— שריי, דו האָסט א שטאַרקען קול, — האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט.

איך האָב אויסגעשריען, אָבער גלייך אָבגעהאַקט. מאָדנע האָט מיין קול געקלונגען. זעהר טויב האָבען די בערג געענטפערט און אויך אָפּגעהאַקט, אזוי ווי זיי וואָלטען זיך געוואונדערט, וואָס מען שטערט זיי די רוה.

— שריי! — האָט מיר דער קאַפּיטאַן נאָך אמאָל געהייסען.

— ניין, שריי דו, — האָב איך זיך אָבגעזאָגט.

— היי־יאָ־יאָ־היי־היי־! — האָט ער געשריען.

איך האָב איהם אָנגעכאַפּט, ער זאָל שווייגען. אזוי משונה'דיג ווילד האָט דער געשריי אָפּגעקלונגען.

— אָבער וואָס טהוט מען ? — איז ער געווען אויפגערעגט.

— קום, מיר וועלען זוכען דעם וועג צו דער הייל, — בין איך געגאַנגען ווייטער.

— אהא ! — האָט זיך דער קאַפּיטאַן א כאַפּ געטהאָן — איך וויים, ער איז געגאַנגען זוכען די הייל. אַט א מיגראַבי !

מיר האָבען זיך אומגעקעהרט צו אונזערע שטיינער, אָבער אין דער פינסטער האָבען מיר ניט געקענט געפינען. מיר זיינען געבליבען שטעהן זוכענדיג אין אַלע זייטען. פון באַרג האָט זיך א שטיין אַראָפּגעקייקעלט.

— ווער איז עס ? — האָב איך דערפיהלט דעם קאַפּיטאַן'ס פראַגע — א מענש ?

— פיליי כט א דעבע, אָדער דער מוגראַבי, — האָב איך זיך צו איהם צוגערוקט.

א דריקענדע, פעסטע שטילקייט איז געהאַנגען איבער אונז.

— קום, מיר וועלען געהן, — האָט זיך דער קאַפּיטאַן ווייטער געריהרט.

פאַרזיכטיג, מיט שטילע טריט זיינען מיר אַראָפּ אין א טהאָל. איך האָב געוואָלט וויסען ווי שפּעט עס איז, אָבער פון טהאָל האָבען מיר נאָר א קליין שטיקעל הימעל געזעהן און איך האָב ניט געקענט וויסען, וואו די נאַכט האַלט.

ווי פערשאָלטענע נשמות פון גלגולים זיינען מיר לאַנגזאַם ארומגעגאַנגען. פון טהאָל זיינען מיר ווידער אַרויף אויף א באַרג און דאָ האָבען מיר דערפיהלט אזוי ווי מען איז אונז נאָכגעגאַנגען.

— ששש... — האָט זיך דער קאַפּיטאַן געזעצט הינטער א שטיין. זיינע אויגען האָבען געלויכטען אין דער פינסטער. איך האָב זיך געזעצט נעבען איהם, האַלטענדי' דעם ביקס, גרייט צו שיסען.

דו הערסט ? — האָט ער מיך דורך די צייהן געוואָרענט.

געהערט האָב איך ניט, אָבער געפּיהלט האָב איך, אַז אין די בערג געפינט זיך נאָך אַ מענש. איך ווייס ניט, פון וואַנען דאָס געפיהל האָט זיך צו מיר גענומען. מיר זיינען געזעסען, איינגעהערט זיך, און דאָ האָבען מיר זעהר שאַרף דערהערט מענשליכע טריט. מיר זעהען, אַז פון באַרג, טריט ביי טריט, פאַרזיכטיג, לאָזט זיך אַראָפּ אַ ווייסע פיגור. איך האָב דערקענט דעם מוגראַבי. דער קאַפּיטאַן האָט איהם אויך דערקענט. מיר זיינען איהם געקומען אַנטקעגען.

— וואָס טהוט איהר דאָ? — איז ער צוגעקומען, ניט פרעגענדיג אפילו, ווי דער מנהג איז, ווער איז דאָס...

— איך האָב געפיהלט, אַז עס זיינען דאָ נאָך מענשען, — האָט ער מיר ערקלעהרט אויף מיין פראַגע, וואָס ער איז ניט פאַרזיכטיג.

— אפשר האָט איהר ברויט? דעם גאַנצען טאָג האָב איך ניט געגעסען...

מיר האָבען אַרויסגענומען אַלעס וואָס מיר האָבען מיטגענומען, און זעצענדיג זיך אויף די שטיינער, וואו מיר זיינען געשטאַנען, האָבען מיר זיך אַלע גענומען צו דער אכילה. מיר זיינען אויך געווען הונגעריג.

מיר האָט זיך זעהר געוואָלט וויסען, וואו איז געווען דער מוגראַבי, נאָר איך האָב געוואַרט ביז ער וועט אָפּעסען.

— איך בין געווען אין דער הייל, — האָט אונז געזאָגט דער מוגראַבי, גלייך נאָך׳ן עסען, אַזוי ווי ער וואָלט פערשטאַנען וואָס מיר וואַרטען.

— זעהר וויים? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט שנעל.

— ניט זעהר... אויבען, אין די בערג.

— דעם גאַנצען טאָג ביזטו געווען אין דער הייל? — האָט אייפערזיכטיג איבערגעפרעגט דער קאַפּיטאַן.

— איך האָב פערבלאָנדזשעט, — האָט דער מוגראַבי קורץ געענטפערט איינהערענדיג זיך.

אַ שטיין האָט זיך פון באַרג אַראָפּגעקייקעלט. מיט די ביקסען אין די הענד האָבען מיר זיך ניט געריהרט פון אָרט.

— מענשען ? ! — האט דער מוגראבי ארויסגערעדט.

— דא קומען ניט קיין מענשען, — האט דער קאפיטאן פאר־זיכערט.

— א דעבע, — האב איך זיך אפגערופען.

— יאלא צו די זאכען, מארגען דארפען מיר זיך איבערטרא־גען, — איז דער קאפיטאן אויפגעשפרונגען. מיר זיינען איהם נאכ־געגאנגען. מיט'ן טאג זיינען מיר געקומען וואו אונזערע זאכען זיי־נען געווען בעהאלטען.

---

ו.

און אויף מארגען זיינען מיר געגאנגען אין הייל. ביז נאך האלבען טאג האט ביי אונז געדויערט צו בעהאלטען די זאכען וואס מיר דארפען ניט מיטנעהמען. א זאק מיט עסענווארג האט געטרא־גען דער קאפיטאן, איך — צוויי בלעכען זיסע וואסער און דער מוגראבי — א לאמ, א פיאש, א קירקע און אויך א שטריק. דער מוגראבי איז נעגאנגען פאראויס איינגעבויגען. אונטער אונזערע פעקלאך, האבען מיר געשוויצט ווי די ביבערס. די זון האט אונז געשניטען אין די אויגען, אין דער טויטער בערגשטילקייט האבען זיך הילכיג געהערט אונזערע טריט.

— וואן איז דער וועג ? — האב איך געפרעגט דעם קאפיטאן, ווען מיר האבען זיך צוגעזעצט אפרוהען.

— דער מוגראבי וויים, — האט ער געענטפערט קורץ. מיר זיינען ווייטער נעגאנגען. די זון איז ניט געווארען און עס האט אנגעהויבען צו נאכטען. עס איז פינסטער. נור דער מוגראבי געהט מיט זיכערע טריט פאראוים.

— אט איז די הייל, — איז דער מוגראבי שטעהן געבליבען, אנווייזענדיג אויף א גרויסען, בעזונדער שטעהענדען פעלז, וואו מיר האבען געזעהען א גרויסע לאך אין שפיץ. ווי שומרים האבען איהם די בערג ארומגערינגעלט. מיר האבען געקלעטערט אויפ'ן פעלז.

שפּעט אין דער נאַכט זיינען מיר צוגעקומען צו דער לאַך. דער מוגראבי האָט אונז ניט געלאָזען אריינגעהן. מאָדנע פארענדערט איז ער געוואָרען. אַן ערלע, מאַיעסטעטישע רוהיגקייט האָט אויף איהם גערוהט, און יעדע בעוועגונג זיינע איז געווען שטיל, געלאַסען. נים אומקוקענדיג זיך אויף אונז, איז ער אריין אין הייל. איך האָב אויך אריינגעקוקט, אָבער פאַר מיר איז געווען אַ שווארצע פינס־טערניש. מיט גרויסע, שטאַרע אויגען האָט דער קאַפּיטאַן נעקוקט אויפ'ן קליינעם וואָלקענדיל, וואָס איז געשוואומען איבער אונז.

— וואָס איז מיט דיר? — האָבען מיר זיך אומגעקוקט אויף זיין קאַלך־בלאַסען געזיכט.

— דו זעהסט, דו זעהסט — האָט ער מיר געוויזען דאָס וואָל־קענדיל, — דו זעהסט — „דער אַלטער קאַפּיטאַן"...

— וואו איז דער אַלטער קאַפּיטאַן"? — האָב איך געשטוינט, זעהענדיג ווי ביי איהם פאַלען איין די באַקען און די אויגען. אָט־אָט קריכען זיי אַרויס פון די אויגען־לעכער.

— דער „אַלטער קאַפּיטאַן" — האָט איהם געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן.

די גרויסע אָנגעבלאָזענע בערג און פעלזען פון אַרום האָבען נאָך געדיכטער געמאַכט די פינסטערניש אונטער אונזערע פיס. ווייט, אויף דעם שפּיץ פון באַרג האָט זיך דערהערט אַ הילכיגער אָבקלאַנג פון אַ שטיין וואָס האָט זיך געקייקעלט באַרג אַראָפּ. דער מוגראבי איז אַרויסגעקומען פון הייל און דאָ האָבען מיר אויך דער־הערט טריט, מען קלעטערט צו אונז.

— אין הייל! — האָט דער קאַפּיטאַן פון שרעק געהייסען. אונזערע זאַכען האָבען מיר אריינגעשלעפּט אין הייל. דער מוגראבי איז געבליבען שטעהן אין דעם אריינגאַנג מיט'ן ביקס אין האַנד.

— ווער קען דאָס זיין? — האָבען מיר איינער דעם צווייטען אָנגעקוקט.

— היי יאַ אַבן־ראַבאַך! יאַ סאַלאַמאַן! — האָט אַ רופען אין די בערג אָבגעקלונגען. מיר האָבען געשוויגען.

— אבו־ראבאך! סאלאמאן! — האט ניט אויפגעהערט צו שרייען.

— היי! — האב איך אונערוואַרטעט פאר זיך אליין געענט־פערט, אזוי שווער איז מיר געוואָרען דער שווייגען. מיר זיינען אלע ארויסגעגאנגען און געבליבען זיצען ביי דעם אריינגאנג פון הייל.

— סעליאם אלייקום, — האבען מיר אויטאָמאַטיש געענט־פערט צו א מענשען וואָס איז צוגעקומען צו אונז מיט א בעגריסונג, ניט פערשטעהענדיג פון וואנען ער האט זיך גענומען. ווי דורך אן עלעקטרישען שטאָרם האבען מיר זיך אין דרייען איבערגעקוקט. דער קאַפּיטאַן האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ „ניין". מיר האבען זיך פערשטאַנען.

— וואָס מאכט אבו־ראבאך? — האט דער ניי־געקומענער געפרעגט אבו ראבאך'ן מיט א טאָן פון א גוטען בעקאַנטען. דער קאַפּיטאַן האט עפּעס געמורמעלט. אויפמערקזאם האב איך בע־טראכט דעם אראבער. מיך האט זעהר געוואונדערט זיין קומען, ווייל אפילו היגע אראבער, וואָס ווייסען יעדע שטעגעל און וועגעל, ווען דאָ ניט געהן, איינער אליין ביינאכט. און צו דעם קען ער נאָך אי מיך, אי דעם קאַפּיטאַן און איז צוגעקומען, ניט קוקענ־דיג אויף דעם וואָס מיר קענען איהם דאָ טויטען, וואָס דער מוגראבי האט אונז טאַקע געפרעגט מיט זיין בליק.

שאַרף בעטראכט איך איהם פון אלע זייטען, אָבער איך קען ניט טרעפען ווער איז ער, און איך קען דאָ אלע אראבער וואָס זיצען ביי די ברעגען פון ים המלח. איך וועל דערקענען תעמרה, קעבנה, גורנה, חמידה, סחר, דזשעש. זיי אונטערשיידען זיך איינער פון צווייטען מיט זייער טראָגען דאָס געוועהר, די קאָפּ־געשיער און אויך מיט זייער אויסזעהן און אויסשפּראַכע.

א סחורי איז הויך, געוויקסיג, פריי ווי אן אָדלער קוקט ער מיט זיינע גרויסע אויגען, טונקעלע פּנים און שווארצען בערדעל. פון אונטער דעם טיכעל הענגען אראָפּ פיער לאַנגע, געגרייזעלטע פּאות, וואָס גיט צו אזא חן און שאַרפקייט זיין געזיכט. ווען ער

בעפאָלט ווערען אין וועג, וועט ער ניט בערויבען אלעס וואָס מען האָט, נור ער וועט איבערלאָזען די העמד און אַ צודעק פאַר'ן קאָפּ. די אויסשפּראַכע איז מעהר אַ ווייכע.

די דזשעש פון קיבלי (דרום) — שמוציגע, טרוקענע, מיט אַ ווילדען קוק, בעהאַנגען מיט געוועהר. אַ חוץ „רעאַל זינגאַ" (אַזאַ געלד) און „דאַהאַב" (גאָלד) ווייסען זיי ניט פון קיין געלד. ווען זיי בעפאַלען ווערען, נעהמען זיי צו אלעס וואָס מען האָט, טהוען אויס אפילו די אונטערשטע העמד, לאָזען נאַקעט. זייער אויסשפּראַך איז אַ שניידענדע, אָבגעהאַקטע, געהט ארויס פון גאָר־גאָל און עס קלינגט אָהן אַן אויפהער דער „קמץ" און „גימעל". די אראַבער דערצעהלען, אַז איין מאָל האָט אַ דזשעש דערזעהען פון ווייטען אַן אראַבער און איהם דערשאָסען, און ווען ער האָט איהם געוואָלט בערויבען, האָט ער געפונען ניט מעהר ווי אַ ציבעלע פאַר־בונדען אין דעם שפּיץ פון זיין אַרבעל. „אַן עבירה דעם שאָס", האָט ער איבערגעלאָזען דעם הרוג און איז אַוועק.

און די „גורנה" (פון די טהאָלען) זיינען אויסגעדאַרטע, מיט אַ בליק פון אַ דערשלאָגענעם הונד, אָבגעריסענע, שמוציגע פּחדנים. פאַר אַ שטיקעל צוקער, זייף אָדער אַ מעשענעם פינגעריל, וועלען זיי פערקויפען זייערע ווייבער, שוועסטער און מוטערס. איינער אליין וועט אַ „גורנה" ניט געהן אין וועג, נור גאַנצע קאָמפּאַניעס. העל־שוואַרצע געזיכטער, געוועהר פון אדם הראשון'ס צייטען, אָדער, ווי די אראַבער לאַכען: „פון איבראַהים פּאַשאַ'ס צייטען". ביי די אראַבער טראָגען זיי דעם מיאוס'ען נאָמען „נאַוואַר", „מייעטין" (שלעפּערס, גע'פּגר'טע).

עס איז זעהר שווער אויסצורעכענען די קליינינקייטען מיט וואָס איין שטאַם אראַבער שיידעט זיך אונטער פון צווייטען, נור אַ געניטער מענש קען עס באַלד דערקענען נאָכ'ן גאַנג, נאָכ'ן פּנים, קעפּיע, אַבאַיע, ביקס, פּאַטראָנען־פּאַס און עהנליכע קליינינקייטען. אָבער דעם דאָזיגען אראַבער האָב איך ניט געקענט דערקענען. פון די הינע אָרטיגע אראַבער איז ער ניט. די דזשעש האָבען דאָ ניט וואָס צו טהאָן. עס קען זיין, אַז ער איז פון „שאַמאַל" (צפון)...

היינט ווי קומט ער וויסען אונזערע נעמען?... די אלע פראגעס האב איך זיך געשטעלט, פרעגענדיג מיט'ן בליק דעם קאפיטאן. יענער האט נור געקוועטשט מיט די אקסלען, מיט א פערוויקעלט פנים איז דער מוגראבי געזעסען אונבעוועגליך.

— וואס מאכסטו סאלאמאן? — האט דער צוגעקומענער מיינע געדאנקען איבערגעריסען.

— חאמדראלאילאי, קיף אינטי? — (דאנק, וואס מאכסטו?) האב איך איהם געענטפערט, און מיר האבען ווייטער געשוויגען.

— מען דארף עסען ווערשערע, — האב איך פארגעלעגט, איבעררייסענדיג די שטילקייט וואס איז געווארען אזוי שווער, אזוי ווי עס וואלט זיך עפעס געטראפען, ווייל דער מוגראבי האט זיין ביקס ניט ארויסגעלאזען פון האנד. און ניט ווארטענדיג אויף קיין ענטפער האב איך געבראכט וואס מיר האבען געהאט און אויך גע־בעטען דעם נייעם עסען מיט אונז. גאנץ רוהיג האט ער זיך צווי־שען אונז געזעצט און אבגעבונדען זיין טיכעל פון פנים.

— אבו יעקוב, וואס טהוסטו דא!? — האט דער קאפיטאן אויסגעשריען.

— דאס וואס איהר — האט ער קורץ געענטפערט.

איצט האב איך איהם אויך דערקענט. דאס איז א איד, א וועג־ווייזער אין די בערג, געהט צוזאמען מיט זיינעם א „סאכעב" (פריינד) פון די בן־רעשיירע.

— וואו איז אחמעד? — האב איך זיך נאכגעפרעגט אויף זיין פריינד.

— ער איז געבליבען מיט די טוריסטען אין מאסאדא, איך האב אייך נאך נעכטען געזעהן, ווען איהר זייט געוועזען ביים „לי־סאן"...

— אבער וואס טהוסטו איז דער געגענד? — האט דער קאפיטאן איבערגעפרעגט.

— איך זוך דעם אוצר, — איז געווען זיין ענטפער.
דער מוגראבי איז אריין אין הייל.

— ווי אַזוי האָסטו געוואוסט, אַז מיר זיינען אין הייל? — האָב איך זיך געוואונדערט.

— פון מאַסאַדאַ האָב איך אייער שיפעל געזעהען. איך האָב געמיינט, אַז איהר פאָהרט מיט די טוריסטען. אחמד איז געגאַנגען מיט די טוריסטען ווייטער און איך בין געגאַנגען אייך זעהן. פון באַרג האָב איך געזעהן ווי איהר האָט בעהאַלטען דאָס שיפעל. דעם גאַנצען טאָג בין איך געלעגען איבער אייך. איך האָב געזעהען דעם מוגראַבי ווען ער איז אוועק און געקומען. נאָך איהם האָב איך פערשטאַנען אַז איהר זוכט דעם אוצר. די אַראַבער האָבען מיר אויך דערצעהלט פון דעם מוגראַבי. איך בין אייך נאָכגעגאַנגען און געקומען אַהער, — האָט ער רוהיג געגעסען.

— אַללאַ אַקבאַר (גאָט איז גרוים) — איז דער מוגראַבי אַרויסגעקומען פון הייל. ווי עס ווייזט אוים האָט ער אַלעס געהערט. — באַלד איז שוין האַלבע נאַכט. גאָט האָט אונז צוגעשיקט אַ פערטען און ער וועט זיין מיט אונז. גאָט איז איינער און מחמד איז זיין שליח, — האָט ער אונז אַלעמען בערוהיגט, און מיר האָבען זיך גענומען גרייטען אַרויסנעהמען דעם אוצר.

אין דעם הייל־אַריינגאַנג האָט דער מוגראַבי אַרויסגעשפּרייט זיין ווייסע אַבאַיע, אויף איהר אַרויסגעלייגט זיין אָפען בוך און אַ גרין, חלב'ען ליכטעל אָנגעצונדען. נאָך דעם האָט ער צוזאַמענגעלייגט די הענד אויף דער ברוסט און מיט'ן געזיכט צום הימעל שטיל געריערט, ווייזט אוים אַ תפילה. נאָך דעם האָט ער אַרויסגענומען פון זיין זאַק אַ ווייסען, וואָלענעם שטריק, איהם צושפּרייט לעבען בוך און האָט ווייטער געקוקט אין הימעל, אַזוי ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס ערוואַרטעט אַ צייכען. מיט איינגעהאַלטענע אָטהעמס האָבען מיר איהם נאָכגעקוקט. און דאָ זעהען מיר ווי ער האָט זיך איינגעבויגען, גענומען אַן עק פון ווייסען שטריק און געגעבען דעם קאַפּיטאַן. דער קאַפּיטאַן האָט אָבגעטראָטען אייניגע טריט אויף הינטער. אַבו־יעקוב האָט זי איבערגענומען און איך האָב געהערט ווי ער האָט עפּעס געשעפּטשעט אין אַראַביש.

— שטעה דאָ, — האָט דער מוגראַבי אַוועקגעשטעלט אַבו־יעקוב׳ן אויף דעם אָרט פון בוך, וועלכען ער האָט צוריק אַריינגע־לייגט אין זעקעל. אין אַ שטיינדעל מיט אַ גריבעל אין מיטען האָט ער אָנגעגאָסען אַביסעל בוימאויל, אַריינגעלייגט אַ שמאַטע, אָנגע־צונדען, אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל און ווידער זיך געשטעלט אין דעם הייל־אַריינגאַנג.

איבער דעם קליינעם אויל־פייערעל איז די פינסטערניש אין הייל נאָך געוואָרען געדיכטער, און עפּעס שאָטענס האָבען אין איהר געשוועבט. ווי געלעהמטע זיינען מיר געשטאַנען.

— דאָ! — האָט דער מוגראַבי צוגערופען אַבו־יעקוב׳ן, — ווען עס האָט זיך געוויזען אַ קליין שטערענדעל, אויף דעם שפּיץ באַרג, געגען דעם הייל. דער מוגראַבי אַליין איז אויף אַלע פיער מיט׳ן שנור אין האַנד, אַרומגעקראָכען איבער דער הייל, געפּלאָכ־טען אַ נעץ, ניט אויפהערענדיג צו פליסטערען עפּעס. ווען ער האָט אַזוי אויסגעדרעהט דעם גאַנצען שטריק האָט ער דעם צווייטען עק שטריק געבראַכט צו אַבו־יעקוב׳ן. מיר זיינען אַלע געשטאַנען אין אַ ווייסער נעץ פון פערשיעדענע אוזאָרען: קוואַדראַטען, דריי־ווינקלעך, קרייזען.

אַ מאָדנע מרה־שחורה האָט אויף אונז אָנגעוואָרפען זיין גע־מורמעל. שטיל האָט זיך די פינסטערניש בעוועגט פון זיין אומ־פויזען אויפ׳ן פאַל. און ווי אַן אויג, פון אַן אונבעקאַנטער חיה, האָט דאָס פייערל געברענט. דער מוגראַבי האָט אונז אַריינגעטראָ־גען דעם לאָם, פיאַש און קירקע וואָס מיר האָבען מיט זיך געבראַכט און אונז צוטהיילט.

ווידער האָט דער מוגראַבי געמורמעלט און איך זעה ווי ער קריכט אַרום איבער דער נעץ מיט אַ שטיק גלאָז אין האַנד, פאַלט צו יעדער ווייל׳ע צום שטריק און קוקט דורך איהר צום אַריינגאַנג, אַזוי ווי ער וואָלט פון דאָרט אויף עפּעס געוואַרט...

— דאָ איז עס! — האָט ער אויסגעשריען ווען אַ שטערען־שטראַל פון דרויסען איז געפאַלען אויפ׳ן גלאָז. מיט אַ שטיקעל קרייד האָט ער געמאַכט אַ סמן, אַ קליינעם רעדעל.

ניט אָבפיהרענדיג מיין בליק האָב איך אויף דעם ווייסען סמן געקוקט און מיר האָט זיך אויסגעוויזען ווי ער וואַקעלט זיך, ציטערט. קאָפּ צו קאָפּ, ווי שעפּסען זיינען מיר געשטאַנען.

— דאָ דאַרף מען גראָבען — האָט אונז ווידער דער מוגראַבי איבערגע'חזר'ט.

— אָבער איהר זאָלט וואַרטען ביז איך וועל אייך הייסען... איהר טאָרט ניט ריידען... וואָס איהר וועט הערען און זעהען, זאָלט איהר ניט מורא האָבען און שווייגען. — און איז ארויסגעגאַנגען פון הייל.

—דו הערסט? — האָט מיר דער קאַפּיטאַן אָנגעוויזען אין ווינקעל פון דער הייל. פאַרשפּיצט פון שרעק זיינען געווען זיינע אויגען. איך האָב גאָר ניט געזעהען.

און דער מוגראַבי האָט זיך געשטעלט א באַרוועסער אויף זיין אבאיע ביי דעם אריינגאַנג. האָט ליכטעל צוגעקלעפּט צו א שטיין אָן אָנגעצונדענע. געעפענט דאָס בוך.

— איהר זאָלט ניט ריידען און ניט אומקוקען זיך, — האָט אונז ווידער געוואָרענט דער מוגראַבי, — און אַז איהר וועט דער־הערען ווי איך זאָג דריי מאָל: „אללא אקבאר!" זאָלט איהר אָנ־הויבען גראָבען.

אונבעוועגליך זיינען מיר געשטאַנען אין הייל און געשוויצט. אונזערע הענד האָבען זיך אָנגעצויגען און פעסט געהאַלטען די גע־צייג צום גראָבען. יעדער פון אונז איז געווען גרייט. דער ווייסער סמן האָט אונז גע'כשפ'ט.

— דו הערסט? — האָט מיך ווידער דער קאַפּיטאַן א שטופּ געטהאָן. ער האָט געציטערט.

עפּעס ווי א זיפץ, א קרעכץ האָט אין אונזער הייל אָבגעקלונ־גען. אינסטינקטיוו האָבען מיר זיך צוזאַמענגערוקט און געוואַרט. און ווידער האָט עמיצער אָבגעזיפצט אין אונזער הייל — אַזוי ווי א שוואַר־געפּייניגטער מענש בעט יאָמערליך רחמים...

און דאָ האָט די שיין פון דער לבנה שטיל געפּויזעט אין דעם אריינגאַנג, געצויגען זיך צו אונז.

— ווען וועט ער שוין זאָגן? — האָבען מיר געוואַרט אונ־געדולדיג. איך האָב געפיהלט אז די הענד נעהמען מיר אָב. מיר האָט זיך געוואָלט שרייען, קלאַפּען, צורייסען די שטילקייט און צושטערען דעם קרעכץ, דעם זיפץ, וואָס וויקעלט זיך אזוי טרויעריג אַרום אונז. איך האָב געפיהלט אז מיינע האָר הויבען זיך מיר אויפ׳ן קאָפּ. דער קאַפּיטאַן האָט זיך פּעררוקט אין א זייט און שטיל געשעפּטשעט...

— אַללאַ אַקבאַר! אַללאַ אַקבאַר! — האָבען מיר דעם מוג־ראַבי׳ס קול דערהערט.

אין א שרעקליכער אויפרעגונג, איילענדיג איינער איבער דעם צווייטען, האָבען מיר דעם סמן געקלאַפּט. אין דער פינסטער האָבען מיר זיך אָפּט מיט אונזערע לאָמען און פיאַשען פערטשעפּעט. האַס־טיג, ניט אַרומקוקענדיג זיך, האָבען מיר געאַרבייט. מיט רציחה און רוגזה האָט דער קאַפּיטאַן הויך זיין לאָם געהויבען און גע־קלאַפּט. אָט האָט ער איהם אויפגעהויבען הויך איבער׳ן קאָפּ, אַראָבגעלאָזען און — א שרעקליך געשריי, א רעווע, א קריץ מיט די צייהן האָט די הייל אָנגעפילט. דער קאַפּיטאַן איז אַבגעשפּרונגען און דעם לאָם אַוועקגעוואָרפען. ווי צודולטע זיינען מיר געשטאַנען, ניט וויסענדיג וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. מיר האָבען געשווידערט.

די לבנה־שיין האָט זיך געצויגען ווייטער, די פינסטערניש איז נאָך געדיכטער, טעמפּער געוואָרען. די לופט איז פּלוצלונג פול געוואָרען מיט „רוחות"... מיר הערען ווי זיי פּאַכען מיט די פליגלען... דער קאַפּיטאַן האָט מיך פעסט געהאַלטען פאַר׳ן האַנד... א קאַלטער פליגעל האָט מיין קאָפּ פערטשעפּעט. מיינע האָר האָבען זיך געשטעלט קאַפּויר... ווי א שיכור איז אַבו־יעקוב גע־שטאַנען און געשאָקעלט זיך. נור דאָ האָבען מיר ווייטער דעם מוגראַבי׳ס זאָגען דערהערט. מיט׳ן פּנים צו אונז האָט ער עפּעס אַרויסגעזאָגט פון זיין בויך און זיין קול איז געווען טויב, דומפּף, הייזעריג. דאָס האָט אונז בערוהיגט. אין הייל איז שטיל.

מיט מעהרער קראַפט און ענערגיע האָבען מיר ווייטער געגראָ־בען. הילכיג האָט געקלונגען ווען אונזערע געצייג האָבען זיך פער־

משעפּעט. בערוהיגנדער־טרויעריג האָט זיך געהערט דעם מוגראַבי׳ס קול. צייטענווייז פלעגט דער קאַפּיטאַן אויפהערען אַרבייטען און מיט אויסגעשטאַרטע אויגען נעבויערט די פינסטערניש און פּלוצ־לונג — אַ מיש־מאַש פון קולות האָט די הייל אָנגעפילט. דער קאַפּיטאַן האָט געוואָרפען אַרבייטען. איך האָב מיינע אויערען פערשטאָפּט. נור אַבו־יעקוב האָט אָהן אַן אויפהער געקלאַפּט מיט דער קירקע און די קולות האָבען ניט אויפגעהערט צו דונערען. עס לאַכט די דעבע, וויינט דער שאַקאַל, חרוקען חזרים, שיפּעט אַ שלאַנג און מיט זיי אויך דער מוגראַבי.

אַ חאַ־חאַ־חאַ! — האָט מען ווילד געלאַכט.

אַ חאַ־חאַ־חאַ! — האָט ניט אויפגעהערט צו דונערען. אַבו־יעקוב האָט נאָך אַלץ געאַרבייט.

אַ־חאַ־חאַ... — האָט מיך עפּעס אַ שטויס געטהאָן צו אַבו־יעקוב׳ן און מירביידע זיינען אומגעפאַלען.

— אַ־חאַ־חאַ־חאַ! — שטיקט און דריקט און לאַכט איבער אונז. אין טויט־שרעק האָבען מיר זיך געדרעהט אויף דער ערד, ניט געקענט אויפשטעהן. נור אָט האָבען זיך די קולות דערוויי־טערט. מיר זיינען אויפגעשפּרונגען און אַרויסגעלאָפען פון הייל. און מיר זעהען: דער קאַפּיטאַן לויפט אַרום אַהין און אַהער און הערט ניט אויף צו שרייען. דער מוגראַבי ליגט אויף דער ערד און קרעבצט, צוהאַלטענדיג די פוס. דער בוך און ליכטעל זיינען ערגעץ פערשוואונדען. . .

ווען מיר האָבען זיך אַביסעל בערוהיגט, האָט אונז דער קאַפּי־טאַן דערצעהלט אַז דער „אַלטער קאַפּיטאַן" איז איהם בעפאַלען און האָט איהם געוואָרגען...

— אַך, דער קאַפּיטאַן, — האָט זיך געקלאָגט דער מוגראַבי, — מיר האָבען שוין געהאַלטען נאָהענט צום אוצר, איז ער שרייענדיג אַרויסגעלאָפען פון הייל, מיך אומגעוואָרפען און עפּעס האָט מיר געביסען אין פוס.

עס טאָגט. דער מוגראַבי קען ניט שטעהן. זיין פוס איז

געשוואָלען. מיר האָבען זיך געקליבען געהן צוריק. איך בין אריין אין הייל נעהמען אונזערע זאכען און האָב געזעהען אז אויף דעם אָרט וואו מיר האָבען געגראָבען איז געלעגען אַ צושמעטערטע בלעך. דער טאָפּ, וואָס מיר האָבען געקאָכט, אויך צו צושמעטערט. דער פּיאָש צוהאַקט און צוקלאַפּט ווי אָן אַ גרויסען שטיין. — דאָ האָב איך פערשטאַנען וואָס עס האָט געדונערט.

אָהן קיין בעזונדערע געשעהענישען זיינען מיר געקומען צום ים. דער קאַפּיטאַן איז געוואָרען גרייז־גראָה און די באַקען איינ־געפאַלען, בלאַס ווי אַ טויטער. דעם גאַנצען וועג האָט ער ניט אויפ־געהערט מורמלען „דער אַלטער קאַפּיטאַן", „דער אַלטער קאַפּיטאַן". אבו־יעקוב האָט געפיהרט דעם מוגראַבי. ביים ברעג האָבען מיר זיך צוזעגענט, און נאָך האַלבע נאַכט זיינען מיר אָנגעקומען צו אונזער שיף. דער צפון־ווינד איז געווען זעהר שטאַרק. דאָס שיף איז שוין אָנגעלאָדען גרייט צו פאָהרען. דער בעל הבית איז גע־בליבען אין קרך. דעם מוגראַבי האָבען מיר ארויסגעפיהרט אויפ'ן ברעג. און אויף מאָרגען זיינען מיר אָבגעפאָהרען.

דעם גאַנצען וועג האָט דער קאַפּיטאַן ניט גערעדט קיין וואָרט. שטייף מיט אַ פינסטערען פּנים איז ער ביים רודער געשטאַנען. און ווען מיר זיינען צום צווייטען ברעג געקומען איז ער גלייך אוועק אין „דער" און אין איינינע טעג ארום איז מען געקומען פון „דער" אָבנעהמען זיינע זאכען.

דער קאַפּיטאַן, ווי נור ער איז געקומען אין „דער", האָט ניט גענעסען, ניט געטרונקען, געלעגען, און דעם „אַלטען קאַפּיטאַן" דער־מאָנט, און נעכטען איז ער געשטאָרבען...

---

## ז.

און איך ווער קאַפּיטאַן. מיר איז ניט אַם בעסטען, ווייל די צייט געהט צו ווינטער און דאָס איז די ערנסטע צייט אויפ'ן ים המלח, איבער די ווינטען, וואָס בלאָזען דאָ.

זומער ווייס מען : מיט'ן פריה־מאָרגען קומט דער צפון־ווינד,

פאַר מיטאָג דער מזרח ווינד, נאָך האַלבען טאָג דער דרום ווינד און פאַרנאַכט דער מעריב־ווינד. אזוי בייטען זיי איינער דעם צווייטען. זומער, לויט די סמנים, קען מען אויך וויסען פריהער די שטאַרקייט פון די ווינטען. אַט צום ביישפּיעל וויסען מיר אז דער דרום־ווינד, ווען ער הויבט אָן בלאָזען אין אָנהויב אָדער סוף מאָנאַט, אָדער נאָך האַלבע נאַכט, מוז זיין זעהר שטאַרק . אָבער ווינטער בלאָזען די ווינטען אָהן אָן אויפהער וואָכען לאַנג, איבער הויפּט דער דרום־און צפון־ווינט, וואָס קומען אָן פון „ודי על אראב" און „עמק הירדן", און רייסען זיך אריין מיט אזא אימפּעט, און שליידערן אזוי די בליי־שווערע וואַסערען, אז די קלעפּ פון וואַסער אָן ברעג הערט מען זעהר ווייט. אפילו דער מזרח און מעריב ווינט, וואָס קענען זיך נים צושפּרייטען, ווייל די בערג לאָזען ניט, בלאָזען אויך שרעקליך שטאַרק. גרויסע שטיינער הויבען זיי אין דער לופט און שליידערן זיי אין אַלע זייטען. און אין אזא צייט בין איך געוואָרען קאַפּיטאַן און געטהאָן אַלעס וואָס א קאַפּיטאַן דאַרף טהאָן.

צום ערשטען האָב איך זיך אריינגעקליבען וואו דער פריהער־דיגער קאַפּיטאַן איז געשלאָפען, נעהענטער צו די אַנקערס. נאָכדעם האָב איך באַקוקט אַלעס אויפ'ן שיף, אויב עס רינט ניט, אָדער צו די זעגלען און די שטריק זיינען גאַנץ — אַזוי ווי א קאַפּיטאַן!...

אַלע אין דער פריה, קוק איך אין הימעל. דער פריהערדיגער קאַפּיטאַן האָט מיך אויסגעלערנט קוקען אין הימעל און טרעפען די ווינטען, אָבער שטענדיג איז אויסגעקומען קאַפּויר ווי איך האָב גע־זאָגט. מיט אונגעדולד האָב איך געוואַרט, ווען איך וועל שוין מאַ־כען מיין ערשטע רייזע אַלס קאַפּיטאַן. און די צייט איז געקומען. פון ירושלים האָט אונז דער בעל הבית צוגעשיקט א בריעף, אז מיר זאָלען פאָהרען אין „ער מזרעה" און וואַרטען אויף די רייזענדע און משא וואָס מיר דאַרפען אריבערפיהרען אהער. איך זאָל אויך מיט־נעהמען די צווייטע קליינע באַרזשע וואָס דאָרט איז געשטאַנען. איך זאָל זי אָנלאָדען מיט תבואה. און אויך האָט ער געשריבען, אז מיר זאָלען פאָהרען מיט'ן „שאמאלי" (צפון ווינט). איך מיט'ן

מאשיניסט האבעןביידע געקוקט אויפ'ן הימעל, וויסען וואס פאר א ווינד עס וועט זיין.

— נאך האלבע נאכט וועלען מיר ארויספאהרען — האט ענד־ליך דער מאשיניסט געזאגט. — דער ווינד וועט האלטען א גאנצע נאכט.

עס איז נאכט. א דורכזיכטיגער נעבעל האט בעדעקט די ים־פלעכע. פון די זאלץ־גריבער, וואו די טערקישע שומרים שטעהן, הערט זיך א שטילער קול און עס ברענט א פייערל. דער מאשיניסט שלאפט און איך האב געקוקט אין מעריב זייט, וואו עס האבען זיך בעוויזען פאסען וואלקענס, וואס האבען זיך ווי אויסגעצויגענע פינ־גער איבערגעווארפען איבער'ן ים. איך האב ניט פערשטאנען וואס דאס בעדייט. ווען דאס וואלט געווען פאר'ן זון אונטערגאנג, און די וואלקענס מעהר שווארץ, וואלט דאס געוויזען אויף א שטארקען דרום ווינט. אבער איצט?... אונגעדולדיג האב איך געווארט אז דער צפון־ווינט זאל ווערען שטארק. ער האט נאך אנהויב אבענד אנגעהויבען בלאזען.

די וואלקענס האבען זיך איבערגערוקט אין צפון. דער „שא־מאלי" בלאזט שוין גאנץ שטארק. דער עק פון דער „עגלה" האט אנגעריהרט די בערג. עס איז האלבע נאכט. איך האב אויפגעוועקט דעם מאשיניסט.

— האלבע נאכט?

— יא!

— א גוטער ווינד, — האבען מיר אבגעבונדען די שטריק פון דעם גרויסען און אויך פון דעם קליינעם זעגעל, אויפ'ן נאז פון שיף, וועלכער הייסט אויף אראביש „פליאק". נאכדעם האבען מיר זיך גענומען ארויסשלעפען דעם אנקער.

אויף גרויסע שיפען, זאגט מען, שלעפט מען ארויף דעם אנקער מיט דאמפף. מיר אבער שלעפען איהם מיט א „פאלאנגא". דאס איז צוויי גרויסע הילצערנע בלאקען, אינווייניג מיט רעדלעך, דורך וועלכע די שטריק זיינען דורכגעלאזען. איינער פון זיי ווערט צו־געבונדען צו א האקען פון שיף, דעם צווייטען בינדט מען צו צו דער

אנקער קיים. מען שלעפּט צוזאַמעןביידע בלאָקען און אַזוי, ביס־לעבוויז, שלעפּט מען אַרויס דעם אַנקער.

אין צווייען האָבען מיר אַרויסגעשלעפּט דעם אַנקער. אום ער זאָל זיך ניט שאָקלען, האָט איהם דער מאַשיניסט צוגעבונדען. איך האָב צולאָזען ביידע זעגלען און געשטעלט זיך ביי דעם רודער־ראָד. נאָך דעם פערשטאַרקטען וואַסער־געוויש האָב איך פערשטאַנען, אַז מיר שווימען.

— האַלט אויף יענעם שטערן — האָט מיר דער מאַשיניסט אויף די מואַב'ער בערג אָנגעוויזען און איז אַוועק שלאָפען.

שנעל, אָהן שום גערויש, ווי א ים־געשפּענסט, האָט זיך גע־גליטשט די שיף איבער די גרויסע כוואַליעס וואָס האָבען זי נאָכ־געיאָגט, נור מיט א ביזען רוישען געבליבען פון הינטען. איינער אַליין בין איך געשטאַנען ביי דעם שטייער־ראָד. און דורך דער פינסטערניש געפיהרט דאָס שיף אויפ'ן שטערן. אין דער ריכטונג בין איך נאָך ניט געפאָהרען ביי נאַכט. און איך האָב זיך אָנגע־הויבען צו דערמאָנען און שטודירען אַלעס, וואָס דער פערשטאָרבע־נער קאַפּיטאַן האָט מיך דאָ געלערנט, אַלע מעשות און געשיכטעס וואָס איך האָב פון איהם געהערט. אַלץ האָב איך זיך דערמאָהנט.

אָט זעה איך איהם מיט א פערבונדענעם קאָפּ. עס שמעקט פון איהם מיט וויין־קעלער. ער קלאַפּט מיך אין האַרצען און שרייט: „איך בין פון אברהם, יצחק און יעקב!... איך בין לוט!... איך בין באחאר לוט!..“ און אָט פאָהרען מיר נאָכ'ן אוצר. און ער דערצעהלט מיר טרויעריג ווי ער האָט געזעהען דעם „אַלטען קאַ־פּיטאַן“. „פאַר'ן טויט זעהען איהם די קאַפּיטאַנען“ — קלינגט אין מיינע אויערען זיין גראָב־הייזעריגע שטימע. איך דערמאָן זיך אין זיין שטענדיגען פחד פאַר'ן ים און קוק מיך אום אין אַלע זייטען. איך געה זעהן אויב די צעהן בלעכען זיסע וואַסער זיינען גאַנץ...

מיר שווימען. דער ווינט ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. די בערג מאָהלען זיך אויס גאַנץ נאָהענט און איבער זיי האָט זיך בעוויזען דער מאָרגען שטערען און זיין בלאָהען שיין געוואָרפען איבער'ן ים. עס וועט באַלד טאָגען און מיר זיינען שוין אין דער

הויך פון ארנון און עין־גדי. האלב וועג איבערגעפאָהרען. און דער צפון־ווינט, אזוי ווי ער וואָלט געפיהלט דעם טאָג אָנקומען, האָט אָנגעהויבען פלוצלונג בלאָזען שטיל, פער׳חלש׳ט און קוים מיט׳ן אויג בעמערקען רוקט זיך די שיף...

פון דער זייט, פון די סדום׳ער בערג האָט זיך געוויזען א וואָלקען, א פיערקאנטינער, א גראָבער, און אין מיטען ווי א גרויסער בויך ארויסגעשטעלט. איך האָב ניט געוואוסט וואָס איבערטראַכטען. פון אזא וואָלקען האָט מיר דער קאַפּיטאַן ניט דערצעהלט. און דער וואָלקען האָט זיך מיט זיין גאַנצער גרעב אויף די שפּיץ בערג געהויבען און איבער׳ן ים געצויגען. דער ווינד איז אין גאַנצען פערשוואונדען. דאָס שיף איז אויך געשטאַנען, ניט געריהרט זיך פון אָרט. און דער וואָלקען איז פון גראָה געוואָרען טונקעל מיט אַן אש־קאָלירענעם עק. איך בין פון אָרט אויפגעשפּרונגען.

פון דעם וואָלקען האָט אויף מיר געקוקט א שלאָפעדיג געזיכט, די אויגען צוגעמאַכט, דאָס מויל פערפּרעסט, איבער׳ן הארצען א לאַנגע באָרד צוּוואָרפען. נור ביסלעכווייז איז דאָס צושוואומען געוואָרען. דער וואָלקען איז געשטאַנען איבער׳ן שיף. א גראָה־קייט האָט דעם ים בעדעקט. עס טאָגט. איך האָב אויפגעוועקט דעם מאשיניסט ער זאָל לאָזען לויפען די מאשין, און מיט דער מאַשין זיינען מיר שוין געקומען אין האר.

— וואו איז אבו־ראבאך? — האָט אונז באגעגענט פרעהליך דער חאדזש אבו־נעבי. ער האָט פאַר אונז געמאַכט קאווע און געשאָכטען א הון.

— „ראך“ (געשטאָרבען) — האָב איך איהם געענטפערט.

די אראבער מיט דער תבואה האָבען שוין געוואַרט אויף אונז און גלייך טאקע האָבען מיר אָנגעהויבען אָנלאָדען די קליינע באַרזשע. עס זיינען אויך געוועזען אראבער מיט בהמות און שעפּסען, אָבער דאָס וועלען מיר אָנלאָדען צוזאַמען מיט די פאסאַזשירען אויף דאָס גרויסע שיף. דער מאשיניסט האָט זיך אומגעקעהרט אויפ׳ן שיף רייניגען די מאשין און זעהן זי זאָל זיין פאַרטיג צום פאָהרען. עס איז געוואָרען נאָך האַלבען טאָג. די תבואה איז שוין אָנגעלאָדען, די קליי־

נע באַרושע האָבען מיר געדאַרפט צובינדען צום צווייטען שיף, ערשט דער מאַשיניסט איז אַרויסגעפאָהרען צו אונז און האָט אונז געגעבען צו וויסען אַז די מאַשין וויל ניט געהן.

— וואָס הייסט? — האָב איך ניט פערשטאַנען.

— זי וויל ניט געהן און פאַרטיג. איך האָב זי צונומען, אויס־גערייניגט, צוזאַמענגעשטעלט און געפּרובט צו לאָזען געהן, וויל זי ניט — האָט ער מיר דערצעהלט. איך בין מיט איהם אריין אין שיף און צוזאַמען געפּרובט לאָזען די מאַשין. זי געהט ניט. אפילו די קללות און קלעפּ וואָס דער מאַשיניסט האָט איהר איינגעטהיילט האָבען אויך ניט געהאָלפען. און אַזוי האָבען מיר זיך אָפּגעמאַטערט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אויף מאָרגען האָבען מיר אויך מיטגענומען דעם חאַרוש, און אין דרייען האָבען מיר זיך גענומען צו דער מאַשין. עס העלפט ניט, די מאַשין געהט ניט.

— ניט גוט, — האָט זיך דער חאַרוש אָבגערופען, — מען דאַרף פאָהרען, מענשען וואַרטען און די מאַשין געהט ניט.

— געה, איך בעט דיך!... מישאַן איללא! (אום גאָטעס נאָ־מען) — האָט זיך דער מאַשיניסט געבעטען ביי דער מאַשין.

— געה, איך בעט דיך, פערשעהם מיך ניט!... טהו מיר אַ טובה... דו ווילסט ניט! — האָט ער זי געקלאַפּט מיט'ן פויסט. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען.

— מען דאַרף שעכטען אַ קרבן פאַר די „וואַליאד על באַחאר" (די ים־מענשען), מען דאַרף זיי געבען אַ ביסעל בלוט — האָט אונז גע־זאָגט דער חאַרוש.

— וואָס פאַר אַ „וואַליאד על באַחאר?" — האָב איך ניט פער־שטאַנען.

— די „וואַליאד" פון באַחאר לוט. יעדער ים האָט זיך זיינע „וואַליאד" (מענשען) און ווען מען גיט זיי ניט קיין קרבן, פערדריסט זיי און זיי שטערען דאָס פאָהרען.

— מען דאַרף שיקען אין קרך נאָך אַ „מהאַנדעס" (אינזשע־ניר) — האָב איך געזאָגט דעם מאַשיניסט.

— עס מאכט ניט! איהר וועט זעהן, אז איהר וועט אריינ־לאזען אין ים אביסעל בלוט, אזוי וועט די מאשין גלייך אוועקגעהן.

איך האב ניט געענטפערט. דער מאשיניסט האט געהייסען קויפען א קרבן א קליין שעפעלע.

— נעהם דאס מעסער, — האט דער חאדזש מיר געהייסען, נעהענדיג מיט דעם שעפעלע צום נאז פון שיף. איך האב ניט גע־וואלט. דער מאשיניסט האט עס גענומען.

— דער חאדזש האט דאס שעפעלע איבערגעהאנגען מיט'ן קאפ צום וואסער.

— קוילע! — האט ער בעפוילען דעם מאשיניסט.

מיט א פערפרומט געזיכט, וואס איך בין ניט געוועהנט געוועזען זעהען ביי איהם, האט דער מאשיניסט געמאכט א ברכה „באיסאם אללא אלרחמן ואלרחים" (אין דעם נאמען פון דעם בארמהערציגען און דעם לייטזעליגען גאט) און געקוילעט א שעפסעלע און געוואלט געהן גלייך צו דער מאשין. דער חאדזש האט איהם אפגעהאלטען.

— מיר וועלען פריהער אפעסען דעם קרבן...

דער מאשיניסט האט ניט געפאלגט. די מאשין איז ניט גע־גאנגען.

— איך האב דיר געזאגט! — האט דער חאדזש אויסגערופען מיט נצחון. מיר זיינען ארויסגעפאהרען אויפ'ן ברעג, אפגעקאכט דאס שעפעלע. עס זיינען צוגעקומען נאך אראבער, וואס האבען דערשמעקט געקאכטע פלייש, און מען האט געמאכט א סעודה. איך האב ניט געקענט עסען. נאך דער סעודה זיינען מיר אויפ'ן שיף ארויף און געפרובט דרעהען די מאשין. זי וויל ניט געהן, גלייך ווי מיר וואלטען קיין קרבן ניט געשאכטען.

— דאס איז איבער איהם. ער האט ניט געוואלט עסען פון קרבן — איז דער חאדזש אנטלאפען אין כעס. איך האב געשיקט אין קרך נאך אן אינזשעניר.

מיט'ן אינזשעניר איז אויך אראפגעקומען דער טערק, דער בעל הבית, וואס איז צופעליג געוועזען אין קרך.

— דער עלעקטרישער דראט איז צוריסען, — האט גלייך

אויסגעפונען דער אינזשעניר — פאַר וואָס די מאַשין איז ניט גע־נאַנגען. מען האָט איבערגעביטען די דראָטען און די מאַשין ארבייט. ווי א דערשלאָגענער איז געשטאַנען דער מאַשיניסט. צוויי טאָג איז ביי אונז ניט געגאַנגען די מאַשין. דער בעל הבית האָט גע־הייסען אָנלאָדען אין שיף די בהמות, ארויפנעהמען די פּאַסאַזשי־רען, — מיר וועלען גלייך ארויספאָהרען. — איך האָב ניט געוואָלט, ווייל ביינאַכט קען מען ניט פאָהרען מיט דער מאַשין און מיר וועלען מוזען בלייבען נעכטיגען אין וועג און צו דעם איז דער צפון־ווינט געווען גוואַלדיג שטאַרק.

— איך וועל יאָ ארבייטען ביינאַכט, — האָט דער מאַשיניסט מיר אויף להכעיס געזאָגט, ווען איך האָב אָנגעוויזען דעם שייך די אורזאַכען, פאַר וואָס איך וויל ניט פאָהרען.

א צאָרנדיגער האָב איך זיך גענומען צו דער ארבייט. מיט דער הילף פון די איבעריגע פּאַסאַזשירען ארויסגעשלעפּט די אַנ־קערס. צוזאַמענגעבונדען מיט שטריק ביידע שיפען. דאָס צווייטע שיפעל איז געווען אַזוי איבערגעלאָדען מיט תבואה, אַז נור איין ברעט איז געשטאַנען העכער פון וואַסער, און איך האָב זעהר מורא געהאַט, אַז דער ים וועט עס פארגיסען, אַזוי שטורעמדיג איז ער גע־ווען.

דער מאַשיניסט האָט געלאָזען לויפען די מאַשין און מיר זייי־נען אָבגעפאָהרען. איך בין געשטאַנען ביים רודער און געפיהרט דאָס שיף וואָס נעהענטער צום ברעג, אום דער דרוק פון דעם שטורמדיגען ים זאָל זיך ניט פיהלען אַזוי שטאַרק.

זעהר שווער איז געגאַנגען דאָס שיף, נאָכשלעפּענדיג נאָך זיך דאָס צווייטע, מיט תבואה. יעדע ווײַלע איז עס אויף אונז אָנגעלאָפען, און איך האָב מורא געהאַט אַז די אָבגעשוואַכטע שטריק זאָלען ניט איינדרעהען זיך אין דעם טרייב־שרויף, וואָס האָט זיך טאַקע גע־טראָפען ביים רעכטען ארויספאָהר פון „ליסאן“.

ווי מיר האָבען נור געמינערט דעם „ליסאן“ איז דער ים גע־וואָרען אונגעהויער שטאַרק. די כוואַליעס האָבען זיך געטראָגען אויף אונז ווי בערג, אַזוי, אַז פיעל מאָל האָט זיך דער טרייב־שרויף גע־

דרעהט אין דער לופטען, ווען דאָס שיף איז נעשטאַנען אויף דעם רוקען פון א כוואַליע. דאָס שיף האָט געקרעכצעט. די פּאַסאַזשירען זיינען געלעגען ווי טויטע, ווען עס איז אָנגעקומען א גרויסע כוואַליע, וואָס האָט פריהער צוזאַמענגעשלעפּט און נאָך דעם מיט איין ריס איבערגעריסען די אייזערנע שטריק. עס האָט זיי גלייך טאַקע פּאַרדרעהט אין טרייב שרויף און דאָס שיפעל מיט דער תבואה גע־טראָגען צום ברעג, אויף די שטיינער. די מאַשין איז געבליבען שטעהן.

— מען מוז כאַפּען דאָס קליינע שיפעל! — איז צוגעלאָפען דער טערק, דער בעל הבית, וואָס האָט זיך ביז איצט אין גאָרנישט גע־מישט, — ווען ניט וועט זי צובראָכען ווערען.

מיר זיינען געוועזען ביי „טעל־על־פּאַרא". עס האָט שוין אָנגע־הויבען ווערען פינסטער. מורא האָבענדיג פאָהרען ווייטער, און זייענדיג ניט ווייט פון ברעג, האָבען מיר פעראַנקערט און איך מיט'ן מאַשיניסט זיינען אַרויסגעפאָהרען אין דעם קליינעם שיפעלע ברייי־גען דאָס צווייטע שיף מיט תבואה. עס איז אונז אָנגעקומען ניט לייכט. מיר האָבען זי געדאַרפט שלעפּען, אַרבייטענדיג מיט די רודער שטאַנגען.

מיעדע, הונגעריגע, דער'הרג'עטע, האָבען מיר זי קוים צוגע־שלעפּט, צוזאַמענגעבונדען מיט דעם גרויסען און נידערגעפאַלען שלאָפען. מיר האָבען זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף די אראבער, וואָס זיינען מיטגעפאָהרען און האָבען געבעטען מען זאָל זיי אַרויס־פיהרען אויפ'ן ברעג.

מיט'ן בעגינען האָבען מיר זיך גענומען צו דער ארבייט בע־פרייען דעם טרייב־שרויף פון די אייזערנע שטריק. מיר האָ־בען אַלע פּאַסאַזשירען אַרויסגעפיהרט אויפ'ן ברעג און געשטעלט זיי קאָכען ווייץ פאַר אונז, ווייל די גאַנצע עסענוואַרג, וואָס מיר האָבען מיט זיך געהאַט, איז נעכטען פערגאָסען געוואָרען פון ים וואַסער, און מיר האָבען דאָס ניט געקענט נוצען. נור די בוימעל איז געבליבען אונבעשעדיגט. גאַנץ גאַקעט זיינען מיר אריינגעקראָ־כען בעפרייען דעם טרייב־שרויף. די זון האָט געברענט געפעהר־

ליך און די הויט איז אָבגעקראַכעו פון לייב און פון די ים־וואסער האָט עס גנפעהרליך געשמארצט. די וואסער איז געווען קאַלט, אַז מיר האָבען אַ צאָהן אין אַ צאָהן ניט געטראָפען.

— יאַלאַ, די ווייץ איז פארטיג! — האָט מען אונז גערופען פון ברעג שפעט נאָך האַלבען טאָג, ווען מיר האָבען שוין געענדיגט אונזער ארבייט. מיר זיינען ארויסגעפאָהרען אויפ׳ן ברעג, אָבגעוואַשען זיך מיט זיסע וואַסער, און אנשטאָט אַ העמדעל אָנגעטהאָן אַ ליילעך, ווייל מיינע קליידער, פערגאָסען פון זאַלץ־וואסער און אויסגעטריקענטע, זיינען געוואָרען שטייף ווי האָלץ.

דער מאשיניסט האָט געגעסען מיט גרויס אַפעטיט די געקאָכטע ווייץ מיט בוימעל, אָבער איך האָב זיך ניט געקענט צוריהרען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס איך בין געווען שרעקליך הונגעריג. די ווייץ איז געווען האַרטליך און געהאַט דעם טעם, ווי געקאָכט אין ריצען־אויל.

די זון האָט זיך שוין בעהאַלטען הינטער ירושלים. איינינע בערג־שפיצען זיינען נאָך געווען בעקרוינט מיט פורפור־רויטע קרוינען, נור גלייך בלייבען זיי און ווי שטרענגע ים־שומרים, שטעהען די טונקעלע בערג, ארום ים.

קליינע, טונקעלע, וואָלקענדלעך זיינען געשוואומען איבער׳ן הימעל. מאָרגען וועט זיין אַ שטארקער דרום־ווינט. עס איז סוף חודש און דער צפון־ווינט בלאָזט שוין די דריטע נאכט. דער דרום וועט איהם שוין אָבצאָהלען, און מיר האָבען נאָך ניט געענדיגט אונזער ארבייט. מיר האָבען נאָך געמוזט איבערלאָדען אביסעל תבואה אין שיף אום עס זאָל ניט זיצען אזוי טיעף אין וואַסער. מיר האָבען עס צוגעצויגען צו דעם גרויסען שיף און מיט זעק איבערגעלאדען די תבואה. עס איז שוין גוט שפעט געווען ווען מיר האָבען דאָס אויך געענדיגט. די פּאסאזשירען זיינען שוין געשלאָפען און איך בין געגאַנגען בעקוקען דעם אנקער ווי אונזער שיף האָט אזא קעהר געטהאָן, אַז איך בין שיער ארייננעפאַלען אין ים. איך האָב געקוקט אויפ׳ן ים און נים געגלויבט מיינע אויגען.

עס איז שטיל, רוהיג, קיין ווינט. די נאכט א האלב טונקעלע. אויפ'ן הימעל קיין וואלקען און איבער'ן שווארצען ים טראגען זיך, אהן שום גערויש, איינע נאך דער אנדערער, גרויסע, שווארצע כוואליעס און קלאפען אין בויך פון שיף. זיי בויגען דאס שיף דא אויף דער רעכטער, דא אויף דער לינקער זייט אזוי נידעריג אז עס שעפט אן וואסער מיט איהר שטראנד (בארט).

קיין מאל האב איך ניט געזעהן אזא ים. איך האב געקוקט אין צפון־זייט פון ים, פיליכט הערשט דארט א שטורעם, נור עס איז שטיל. און דאס שיף ווארפט, בוינט פון איין זייט אויף דער צווייטער, אט, אט קעהרט עס זיך איבער.

עס קלינגען די קייטען, עס קלאפען די ליידיגע בלעכען, אי־בערפליהענדיג פון איין זייט אויף דער צווייטער, און די מענשען אין שיף הערען ניט אויף צו וויינען און קלאגען אז „מען זאל זיי ארפלאזען אויפ'ן ברעג, זיי ווילען ניט פאהרען מיט'ן שיף". און דאס אלעס האט נאך מעהר אונטערגעשטריכען די שטילקייט. מען האט אפילו ניט געהערט, ווי די כוואליעס זיינען צונעפאלען.

איך האב ניט געוואוסט וואס צו טהאן. און דא האב איך דערזעהן אז דאס צווייטע שיפעל שטעהט ביי אונזער זייט. און אט, אט פערטשעפען זיי זיך מיט די מאסט־בוימער. איך האב אויפגעוועקט דעם מאשיניסט:

— וואס טהוט מען?

— אללא קערים! — (גאט איז א בארעמהערציגער), מען מוזווארטען אויפ'ן טאג.

— לאז די מאשין לויפען, — האב איך איהם געבעטען.

— מען קען נישט איינשטעהן אויף די פיס.

— פון וואנען איז עס? — האב איך איהם אנגעוויזען אויף די גרויסע און שווערע כוואליעס וואס האבען אויסגעזעהען ווי פון בוימעל.

— מן אללא, (פון גאט).

איך בין געגאנגען אויפוועקען דעם טערק. ער איז געלעגען

מיט אָפענע אויגען און האָט מיר דאָס איינגענע געענטפערט וואָס דער מאַשיניסט.

איך האָב זיך אומגעקעהרט צום מאַסט־בוים און געטראַכט, וואָס זאָל איך טהאָן מיט די פּאַסאַזשירען. דאָס שיף קען זיך נאָך איבערקעהרען — דאָ האָט אָנגעהויבען טאָגען. דער הימעל אין מזרח איז געוואָרען אַלץ העלער און ליכטיגער און דער מזרח־ווינט האָט זיך, ווי צושאָטענע גרויפּען, אויף די כוואַליעס גע־שפּיעלט. מיר האָבען געוואַרט אויפ'ן דרום־ווינט, וואָס וועט איינשטילען די שטומע כוואַליעס. און דאָ איז שוין די זון אויך אַרויסגעגאַנגען.

בלייכע און דערשראָקענע איז דער טערק און פּאַסאַזשירען געשטאַנען לעבען מיר און געפאָדערט אַז מיר זאָלען זיך אומקעה־רען, זיי ווילען ניט פאָהרען מיט'ן שיף. איך האָב זיי איינגערעדט, אָנגעוויזענדיג אויפ'ן דרום־ווינט, וואָס איז אָנגעקומען פון די מואב'ער בערג. איך האָב זיך געשעהמט אומקעהרען. דעם ערש־טען מאָל געפאָהרען אַלס קאַפּיטאַן און ניט דערפאָהרען... איך האָב בעשטאַנען אַז דער מאַשיניסט זאָל לאָזען לויפען די מאַשין. אויף דעם צווייטען שיפעל, מיט דער תבואה האָבען מיר פון אַ גרויסער ברעט געמאַכט אַ שטייער רודער און דער טערק האָט זיך געשטעלט ביי איהם.

רוהיג זיינען מיר געפאָהרען. די אַראַבער זיינען געזעסען נעבען מאַשיניסט און איך האָב דערהערט, ווי ער דערצעהלט זיי, אַז אין אַלץ וואָס דאָס שיף איז ניט געגאַנגען, בין איך שולדיג, — אַ איד־קאַפּיטאַן.

— וואָס איז? — בין איך צוגעקומען. ער האָט געשוויגען.

— ווען ניט דו וואָלט גאָר נישט געווען! — האָב איך אָנ־געהויבען שרייען. — אויך מיר אַ מאַשיניסט! — פאַר וואָס האָסט דו ניט געלאָזען לויפען די מאַשין ביינאַכט... מיר האָבען זיך דאָך געקענט איבערקעהרען? וואַרף אַרויס דיין מאַשין, דו יאַפּער!... ניט אומזיסט האָט אַבו־נאַבוט אָנגעשריבען אויף אַ יאַפּער טויער אַז: פערשאָלטען זאָל זיין דער, וואָס עס וועט אַפילו

נאָך פערציג יאָהר קאַנטשאַפּט האַלטען אַ יאָפּער פּאַר אַ פריינד!...

— עש פי (וואָס איז?) — איז צו מיר צוגעקומען דער מאַשיניסט. איך האָב איבערגע׳חזר׳ט מיינע ווערטער מיט אַ צוגאָב פון אַ פּאָר אַראַבישע „ברכות“. ער האָט זיך געוואָרפען שלאָגען, אָבער די אַראַבער האָבען איהם אָבגעהאַלטען.

אַ גאַנצען וועג האָבען מיר זיך געזידעלט און געשימפּפט וויפיעל מיר האָבען נור געקענט, אָבער גאָר פרעהליך איז געוואָרען ווען מיר זיינען געקומען צום ברעג. דער מאַשיניסט האָט געפאָדערט פון טערק, דעם בעל הבית, אַז נאָר איינער פון אונז זאָל בלייבען, אָדער איך, אָדער ער. איך האָב זיך געמאַכט ניט וויסענדיג און אָנגעהויבען אויסלאָדען דאָס שיף, צופיהרענדיג צום ברעג. איך האָב געפאָדערט אַז דער מאַשיניסט זאָל אונז העלפען.

— סיי ווי סיי טויג ניט די מאַשין. מיר וועלען אַ צווייטען זעגעל מאַכען! — האָב איך געשריען.

— דיך דאַרף מען אַרויסוואַרפען! אויך מיר אַ קאַפּיטאַן! — איז ער צו מיר צוגעשפּרונגען און אויפגעהויבען זיין האַנד, שטעהענדיג ביים ראַנד פון שיף. איך האָב זיך פון איהם אָבגעוואָרפען און צופעליג אַ שטופּ געטהאָן און איהם אַריינגעוואָרפען אין ים. איך אַליין האָב זיך אויך ניט געקענט איינהאַלטען און בין איהם נאָכגעפאַלען.

— איך בלייב דאָ ניט מעהר! — איז ער אַרויסגעקראָכען פון וואַסער.

— איך בלייב דאָ ניט מעהר! — האָב איך אויך געשריען. ביידע האָבען מיר פערנומען אונזערע פּעקלעך און מיר זיינען אוועקגעגאַנגען אין יריחו פערלאָזענדיג דאָס שיף.

אַזוי בין איך געוואָרען אויס קאַפּיטאַן און פערלאָזען דעם ים המלח.

# אכט זײַנען מיר געווען



## אכט זיינען מיר געווען

אכט זיינען מיר געווען. אכט האבען מיר ביי די טאטשקעס געארביים. אכט געזונטע, פול לעבען און פרייד, האבען מיר ביי דעם זאמד געארביים, בערג נעגראבען. אכט מונטערע, פרעהליכע חברה, האבען מיר זיך פון אלע עקען וועלט פערזאמעלט, אינאיינעם געארביים. א גר, א תימנ׳ער, פוילישע און ליטווישע אידען, אונז אלעמען האט די ארביים פעראייניגט.

אלע אכט האבען מיר א גרויסען בארג געגראבען און נאך א גרעסערע גרוב פערשאטען. דאס ארט פערגלייכט פאר הייזער און גאסען, וואו מיר וועלען נים וואוינען און נים זיין.

פלייסיג האבען מיר די ארביים געטהאן, פלינק זיינען מיר מים די טאטשקעס, איבער די שמאלע ברעטער, געלאפען. איינער דעם צווייטען טרייבט אונטער, מען לאכט, מען שוויצט, מען פאלט אראב, מען שטעהט אויף און מען לויפט ווייטער, און אזוי אלע טאג, אלע טאג.

נאר איין טאג, ווען מיר האבען געארביים, איז צו אונז א מיידעל צוגעקומען; א יונגע, א הויכע, ווי מען זאגט: בלוט און מילך; אויף איהר רונדיגען, פולען געזיכט האבען זיך צוויי גרויסע אויגען געזעהען. אויגען וואסערדיגע, נאר פונקען פלעגען צייטענ־ווייז דורכשפרינקלען אין זיי.

שלום! — איז זי ארום אונז שטעהן געבליבען.

— שלום, שלום! — האבען מיר אלע ארבייטענדיג געענט־פערט.

— גים, איך וועל אייער טאטשקע פיהרען, — איז זי צו שמעונ׳ען צוגעגאנגען.

— פיהרט, — איז מיט א שמייכעל אויף זיין טונקעלען, מאגערען פנים שמעון אבגעטראטען. נאר זי האט די טאטשקע נים געקענט ריהרען פון ארט.

— מיינע איז גרינגער, מיינע איז גרינגער! — האָבן מיר אַלע מיט אַ געלעכטער אויפגעהויבן אונזערע טאַטשקעס.

— מיינע איז גרינגער פון אַלע, — האָט נחמן זיין טאַטשקע אויסגעשאָטען און אַ לעדיגע צו דער מיידעל צוגעפיהרט. מיט אַ שמייכעל איז זי אַבגעגאַנגען און געשטאַנען פון דער וויטען.

אַלע האָבן וויטער געאַרבייט, איבער די ברעטער געלאָפען... און טראַך... שמעון איז מיט זיין טאַטשקע אַראָבגעפאַלען.

— אי, אי, אי, פערשעהמט די גאַנצע קבוצה. וואָס וועט מען איצט זאָגען? — האָבן אַלע געלאַכט.

פערשעהמט האָט שמעון זיין טאַטשקע אויפגעהויבען און מעהר האָט ער שוין ניט געפיהרט ביז דאָס מיידעל איז אוועק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַלע טאָג קומט זי צוגעהן. מיר ווייסען ניט, מיר פרעגען ניט, ווער זי איז און ווי זי הייסט. אפילו אייניגע מאָל האָבען מיר זי יאָ געוואָלט פרעגען, נאָר עפּעס ניט געקענט. מיר האָבען אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס.

— זהובה! — האָט איינמאָל דער תימנ׳ער אויסגעשריען, זעהענדיג ווי די זון האָט אָבגעשיינט אין איהרע בלאָנדע האָר, און פון דאַן אָן האָט זי ביי אונז קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט. און ווען איינער פון אונז האָט געזאָגט אַז זי הייסט שפּרינצע, זיינען מיר אַלע אויף איהם שטאַרק ברוגז געווען.

דעם תימנ׳ערס אַראַביש ליעדעל און שמעון׳ס פערטיעפען זיך אין דער אַרבייט — האָט אונז שטענדיג וועגען איהר קומען אָנגע־זאָגט.

מיט פרעהליכע געשרייען האָבען מיר זי שטענדיג בעגעגענט. יעדער פון אונז איז צו איהר מיט דער טאַטשקע געלאָפען, פיהרען זי אַביסעל. נאָר מעהרסטען טהייל איז זי געזעסען אָן אַ זייט און געקוקט ווי מיר שוויצען אונטער דער שווערער אַרבייט. איין מאָל האָט זי מיט זיך אַ נאָדעל און פאָדעם געבראַכט — פער־נעהט ביי איינעם אַ צוריסענע העמד.

פלייסיג, מיט צווייענדיגער ענערגיע, האָבען מיר דאַן גע־

ארבייט. מיר האָבען אליין ניט געוואוסט וואָס איז מיט אונז. די פיאַשען האָבען קענען דער זון געבלישטשעט און אָהן אברוה זייגען מיר מיט די טאטשקעס געלאָפען. ווען איינער איז אראָבגעפאלען, איז דאָס פאר יענעם געווען די גרעסטע שאַנד. און מען איז טאַקע ניט אראָבגעפאלען. און זי זיצט אויף דעם גאָלדענעם זאמד־בערגעל, וועלכער רינגעלט זי ארום ווי א שטראַלען־קראַנץ.

— פארוואָס טהוט איהר ניט אָן קיין הוט? איהר וועט נאָך א זונען־שטאָך בעקומען, — האָבען מיר זי געוואָרענט. זי האָט נאָר מיט איהר האַנד געמאַכט און איהרע אויגען האָבען אויף אונז מיט אַזאַ מילדקייט געקוקט, און אין זיי איז עפּעס געווען נאָך אַזוינס, וואָס האָט אונז ווי דער האַלב־טאָגיגער ים־ווינטעל ארומגענומען און געקיהלט אונזערע צוהיצטע קערפּערס. עס האָט זיך געוואָלט צו איהר צוגעהן, זעצען זיך נעבען איהר און דערצעהלען אַלץ, אַלץ: פון וואַנען יעדער איז און וואָס יעדער פון אונז טראָגט בעהאַלטען טיעף אין האַרצען.

---

איין טאָג איז זהובה ניט געקומען. מיר האָבען פויל געאַרבייט איבערטראַכטענדיג פאַר וואָס איז זי ניטאָ. אַזוי איז דורכגעגאַנגען עטליכע טעג.

שמעון האָט איינגאַנצען ניט געאַרבייט. די גאַנצע צייט איז ער געזעסען, דעם שטרויענעם הוט אויפ׳ן פּנים אָנגערוקט און געשוויגען. און אַז מען האָט געוואָלט אָבגראָבען דעם בערגעל זאַמד, וואו זהובה פלעגט זיצען, האָט ער אַלעמען אָבגעשטופּט. פריה האָבען מיר די טעג געוואָרפען די ארבייט.

א נאָכמיטאָג האָט זיך דער תימנ׳ער צוזונגען.

— וואָס זינגסטו? — זיינען מיר איהם אַלע בעפאַלען; נאָר ער האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג. מיר האָבען זיך אומגעקוקט און דערזעהן זהובה׳ן, וועלכע איז צו אונז געגאַנגען מיט לייכטע טריט. האַסטיג האָבען מיר זיך צו דער ארבייט א וואָרף געטהאָן. דער אוטעם איז ווי מיט דער האַנד אוועקגענומען גע־

ווארען. די טאטשקעס לויפען איינע נאך דער צווייטער און מען זינגט, מען שרייט, מען יאגט איינער דעם צווייטען; נאר שמעון איז יעדע ווייל אראבגעפאלען מיט זיין טאטשקע.

— וואס איז מיט דיר? — שוין דעם פינפטען מאל אראב־געפאלען, — האבען מיר אלע געלאכט.

— אדיר הא, אדיר הא, אדירים עמך ישראל! — האט דער גר געזונגען און אזוי שעלמיש אויף שמעונ׳ען צוגעוואונקען, אז מיר האבען זיך שטארק צולאכט.

— שלום! — איז זהובה פרעהליך צוגעקומען.

— שלום, שלום! וואס האט מען דאס אייך ניט געזעהן? — האבען מיר אלע געשריען.

—איך בין געווען אין קאלאניע. און וואס איז מיט איהם? — האט זי אנגעוויזען אויף שמעונ׳ען, וועלכער האט זיין טאטשקע אנגעשאטען, כאטש קיינער פון אונז האט ניט געפיהרט. די ברע־גען פון דעםברייטען הוט פערדעקט זיין פנים.

— שלום! — איז זי מיט א שמייכעל צו איהם צוגעגאנגען.

מיט ברייט־אפענע אויגען האט שמעון אויף איהר געקוקט. זיין געזיכט האט ווי א קראמף געצויגען.

— איהר זייט ניט געזונד, שמעון?

— ניין, — האט ער קוים אויסגערעדט און געווארפען א צארנדיגען בליק אויפ׳ן גר, וועלכער האט ווידער געזונגען.

— פיהרט מיך אביסעל! — האט זי מיט א לייכטען געבעט אויף דער טאטשקע אנגעוויזען.

— ער וועט אייך איבערקערהען. איהר האט דאך געזעהן, ווי ער פאלט אראב יעדע ווייל מיט דער טאטשקע. קומט אין מיינער! — האט נחמן געשריען. מיר אלע האבען איהם אונטער־געהאלטען און אלע א כאפ געטהאן אונזערע טאטשקעס און גע־פיהרט צו זהובה׳ן.

א צוטומעלטער איז שמעון געשטאנען אונטער דעם גערודער. זיין געזיכט איז געווארען גראה און זיינע באקען־מוסקולען האבען געציטערט.

— נו, וואו איז אייער טאטשקע? — האט זהובה מיט אונ־געדולד געזאגט צו איהם.

שמעון האט א כאפ געטהאן זיין טאטשקע, גוט אויסגעטריי־סעלט, פערשפרייט דעם ראק און זי האט זיך אריינגעזעצט.

— ער וועט אייך איבערקעהרען... גיט אכטונג... דארטען ביי דער וועטקע, ביים סוף פונ'ם קרש... — האבען מיר איהם נאכ־געשריען. מנחם האט ניך אנגעשאטען א טאטשקע און האט זיך געלאזט לויפען נאך שמעונ'ען, שרייענדיג:

— היט די פיס! היט די פיס!

שמעון איז גאנץ קאלטבלוטיג געבליבען שטעהן, געכאפט נחמנ'ס טאטשקע, זי איבערגעקעהרט און אומגערן זיין העמד צוריסען. אליין איז ער ווייטער געפאהרען.

— גערעכט! גערעכט! — האבען מיר אלע אויסגעשריען צו דעם פערשעהמטען נחמן. שמעון איז שוין צוריקגעפאהרען.

— איהר האט גארניט מורא געהאט? — האבען מיר זי גע־פרעגט.

— מיט איהם האב איך ניט מורא, — האט זי מיט א שמאלץ געשמייכעלט.

— קומט אלע טאג, מיר אלע וועלען אייך פיהרען! — הא־בען מיר איהר נאכגעשריען.

דעם טאג האט שמעון מעהר ניט געפיהרט אויף זיין טאטשקע. אונז האט ער געזאגט, אז דאס רעדעל פאלט ארויס.

נחמן איז זעהר ניט צופרידען געווען, וואס זהובה פאהרט שטענדיג מיט שמעונ'ען און מיר האבען פון זיי געלאכט:

— היי, נחמן, זינג דיין ליעדעל, זהובה געהט... שמעון, טריי־סעל אוים די טאטשקע, דו זעהסט דען ניט ווער עס געהט... האסט דו געבראכט א בצלאל־טעפיך אונטערצובעטען?... מיר וועלען היינט איהר בערגעל אונטערגראבען...

איין טאג האבען מיר אזוי פיעל געשריען און געלאכט, אז שמעון האט געווארפען די ארבייט און איז אוועקגעגאנגען, נאר גלייך האט ער זיך צוריק אומגעקעהרט. עפעס אן אומעט, א

מרה־שחורה האָט געוואָרפען אויף אונז זיין אוועקגעהן און אומקערעו זיך. די שטענדיגע פרעהליכקייט איז פערשוואונדען געוואָרען. מען הערט קיין געלעכטער און אַז מען רעדט, איז אַזוי ווי ברוגז, אַנגעלאָדען און אַלעמענס געזיכטער זיינען פערזאָרגט. אַהן אַן אויפהער פאַלען אַראָב די טאַטשקעס פון די ברעטער און, דאָס זאַמד, ערגער איידער שטענדיג, שמייסט און שניידט אין פנים, פילט אָן די אויערען און קנאַקט אין די צייהן. יעדע מינוט שטעלט מען זיך, מען פרעגט וויפיעל אַ זייגער. מיט אונגעדולד וואַרט מען, אַז דער טאָג זאָל זיך ענדיגען.

---

און אַזוי איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג. איבער די גרויסע היצען האָבען מיר אָנגעהויבען אַרבייטען פון פינף אין דער פריה ביז צעהן פאָרמיטאָג און פון דריי נאָכמיטאָג ביז זעקס פאַרנאַכט. זהובה האָט אויך די צייט פון איהר קומען געביטען. זי קומט שוין פאַרנאַכט פאַר'ן אוועקלעגען די אַרבייט.

פלייסיג האָבען מיר געאַרבייט דעם ערשטען האַלבען טאָג, איידער זהובה האָט געדאַרפט קומען. אָבער נאָר אַנדערש איז געווען דער צווייטער האַלבער טאָג.

ווי נאָר מיר האָבען זיך געשטעלט אַרבייטען, ביי די ערשטע טאַטשקעס, אַזוי פלעגט נחמן גלייך אָנהויבען זינגען זיין אַראַבישען ליעדעל און מיר האָבען שוין געוואוסט אַז דאָס קומט זהובה.

— פינף טאַטשקעס אָבגעפיהרט און רוהען, — בורטשעט שמעון.

מען אַרבייט ווייטער. אָבער די אַרבייט געהט ניט. יעדע ווייל־ע פאַלען אַראָב די טאַטשקעס. די ברעטער פערשיטען זיך מיט זאַמד און מען איז איינער אויף דעם צווייטען ברוגז. די שיטער קענען ניט שיטען, די פיהרער — ניט פיהרען.

— עה, נעהמט דער טייוועל די גאַנצע אַרבייט! — שרייט אויס נחמן, מאַכענדיג פון זיין טאַטשקע אַביידעל. אַלע נאָך איהם, און מען ליעגט שוין אין דעם וואַרימען זאַמד.

די זון ברענט נאָך געפעהרליך. אָבער דער מיטאָג־ווינטעל

בלאָזט און פריידלעך שמייסט ער אונז מיט דעם זאַמד־שטויב, וואָס ער פערכאַפּט מיט זיך פון די שפּיצען זאַמדיגע בערג.

אַלע ליגען רוהיג. נאָר נחמן הערט ניט אויף צו ברומען אונטער׳ן נאָז זיין אַראַביש לידעל. שמעון ליגט אַן אַ זייט, ווייט פון אַלעמען, מיט׳ן געזיכט אויף די הענט אָנגעשפּאַרט און קוקט ערגעץ אין דער וועלט אַריין און איבער זיין געזיכט איז אַזאַ מילדע רוהיגקייט צוגאָסען, אַז מיר זיינען איהם מקנא.

— האָב קיין מורא, זיי ניט פערטראַכט! — ווענדט זיך צו איהם נחמן אויף אַראַביש, און פּלוצים שרייט ער אויס מיט אַ גרויס געלעכטער: — אָט נעהם זי!

— וואו? וואָס? עס איז נאָך פּריה, — זיינען מיר אַלע פון אונזערע ערטער אויפגעשפּרונגען. נאָר איין שמעון איז געבליבען ליגען, קוקענדיג אין דער לענג פון דער גאַס און זיין געזיכט איז געוואָרען בלאַס.

— וואָס קוקסטו? ס׳איז נאָך פּריה! — שרייט צו איהם דער נר און וואַרפט אויף איהם מיט זאַמד.

פערשעהמט איז שמעון פון זיין אָרט אויפגעשטאַנען און האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט, מורמלענדיג:

די זון נעהמט שוין אונטער און מיר האָבען נאָך גאָר ניט גע־טהאָן.

— זהובה נעהמט! זהובה נעהמט! — האָט נחמן אָנגעהויבען טאַנצען און פּאַטשען מיט די הענד.

— וואו? וואו? — האָבען מיר זיך אַלע צו אונזערע טאַטש־קעס אַ וואָרף געטהאָן.

— וואָס דען האָט זיך שמעון געשטעלט אַרבייטען? — האָט ער ווייטער געשריען:

— שמעון, האָסט געבראַכט אַ טעפּיך? דיין בת־מלכה נעהמט, זי וועט ניט וועלען פאָהרען אויף אַזאַ טאַטשקע...

— נעה אין ערד און זאָל מען דיר געבען אַ נייע טאַטשקע... וואָס שטעהסטו ווי אַ גולם?... — האָבען מיר פון אַלע זייטען אונטערגעהאַלטען נחמנ׳ען.

שמעון האָט געשוויגען. אָבער ווי נאָר די געשרייען האָבען זיך פערשטאַרקט, איז ער אויף אַ ווײַלע שטעהן געבליבען, אין אַלע זייטען זיך אומגעקוקט, און מיט דעם פּיאַש אין האַנד, זיך אַ ציה געטהאָן מיט׳ן קערפּער צו נחמנ׳ען, נאָר גלייך זיך אָבגעהאַלטען, און האַסטיג, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט נקמה נעהמען פון דעם זאַמד, שטאַרקער געאַרבייט. זיינע אויגען האָבען געברענט און דער פּנים איז ווי שוואַרץ געוואָרען.

מיר האָבען אַלע מעהרער און מעהרער געשריען, געטאַנצט אַרום איהם און אפילו די טאַטשקע אַראָבגעשטופּט. ער האָט גאָר ניט געזאָגט, געלאָזען די אַרבייט און האָט זיך געזעצט אָן אַ זייט, אויף אַ בערגעל, און צופעליג אויף דעם אָרט וואו זהובה פלעגט זיצען.

— זעה, זעה! — האָבען אַלע מיט גרויס געלעכטער אויסגע־שריען, טייטענדיג אויף איהם מיט די פינגער.

— זהובה! — האָט נחמן אויסגעשריען, און מיר אַלע האָבען זיך פערשעהמטע גענומען צו דער אַרבייט. נאָר שמעון איז מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ געזעסען אויף זיין אָרט און מיט דער האַנד געגריבעלט אין זאַמד. שטיל, שווייגענדיג, האָבען מיר אַלע געאַרבייט, וואַרפענדיג זייטיגע בליקען אויף שמעונ׳ען. נחמן האָט זיין אַראַבישע ליעדעל געזונגען.

— שלום! — איז פרעהליך, מיט איהר קלינגענדער שטים, זהובה צוגעקומען.

— שלום, שלום! — האָבען מיר אַלע אין איין קול גע־ענטפערט.

— שלום, שמעון! — זעה, וואָס איז מיט איהם? — האָט זי זיך צו אונז געווענדעט, ניט האָבענדיג פון איהם קיין ענטפער.

— ער איז עפּעס היינט ניט געזונד, — האָבען מיר ווייטער אין איין קול מיט אַ געלעכטער אויסגעשאָסען.

— איהר זייט ניט געזונד? — איז זי צו איהם לייכט צו־געגאַנגען.

— לאָזט איהם צו־רוה, ער האָט זיך אָן זיין שװעסטער דער־מאָנט, — האָט איינער אויסגעשריען איראָניש.

— ניין, אָן זיין כלה, — האָט אַ צװייטער אונטערגעכאַפּט — אָן זיין געליעבטער... אָן זיין קוזינע... — האָבען נאָך איינינע מיט־געשריען. און דאָ האָט דער גר זינגען אָנגעהויבען:

— אדיר הוּא, אדיר הוּא, אדירים עמך ישראל...

נאָך נידעריגער האָט שמעון זיין קאָפּ אַראָבגעלאָזען, און ניט ריידענדיג קיין װאָרט, איז זהובה אַנטקעגען איהם געשטאַנען. עפּעס אַ קראַמפּהאַפטער שמייכעל האָט זיך אויף איהר פּנים גע־לעגט און די פרעהליכקייט איז פערשװאונדען. אויף אונז האָט זי אפילו ניט געקוקט.

— װאָס איז מיט אייך? איהר זייט ניט געזונד? — האָט זי איהם געפרעגט, מיט אַזאַ טאָן, אַז מיר האָבען די אַרבייט אװעקגעלעגט און אונזערע קעפּ צו זיי געקעהרט.

— זאָגט, װאָס איז מיט אייך? — האָט זי ניט אויפגעהערט צו בעטען. — איהר האָט אַ שלעכטען בריעף בעקומען?

— היינט איז קיין שיף ניטאָ, — האָט איינער פון אונז די שטילקייט צוריסען.

— ער בענקט... — האָט אַ צװייטער אונטערגעהאַלטען.

— ער װיל אייך אין זיין טאַטשקע פיהרען. איהר זייט שוין איינינע טעג ניט געפאָהרען, איז ער אומעטיג, — האָט נאָך איי־נער געזאָגט. נאָר זהובה האָט ניט אויפגעהערט בעטען שמעון'ען, ער זאָל איהר זאָגען װאָס איז מיט איהם.

— שעהמסט זיך גאָר ניט? אַ פריילין שטעהט נעבען איהם, און ער הויבט אפילו ניט אויף דעם קאָפּ! נו, נו! — האָט דער גר אויסגעשריען און האָט אָנגעהויבען זינגען זיין „אדיר הוּא!“.

װי פון אַ שמיץ, איז שמעון פון זיין אָרט אויפגעשפּרונגען. זהובה האָט אויף הינטען אַ פּאָר טריט געמאַכט. און ניט ריידענ־דיג קיין װאָרט, איז ער פאַרביי געגאַנגען זהובה'ן און האָט זיך געשטעלט אַרבייטען.

זהובה איז געשטאַנען, איהר גאָלדען קעפּעל האָט זי אויף

א זייט געהאלטען און אזוי קינדיש און מאכטלאז אויסגעזעהען, אז עס האט זיך געוואלט צוגעהן, אננעהמען פאר איהרע קליינע הענטלעך, גלעטען זי איבער׳ן קאפ און געבען איהר עפעס א זאך, אבי זי זאל נאר ניט וויינען.

און שמעון איז אהן אן אויפהער מיט זיין טאטשקע געלאפען. ער קוקט זיך אפילו ניט אום. אט דארף מען די ברעטער אויף א נייעם ארט איבערלעגען, צו א נייער גרוב. געשווינד כאפט ער איין קרש נאכ׳ן צווייטען און מיט דער הילף פון די איבעריגע, מאכט ער גיך דעם נייעם וועג און לויפט ווייטער מיט זיין טאטשקע, הויבט אן פערשיטען די גרוב, וועלכע איז טיעף א צוויי מיט מיט א האלבען מעטער. אלע שווייגען, מען לאכט שוין ניט.

זהובה האט זיך פון איהר ארט ניט געריהרט.

— קומט זעצט אייך אין מיין טאטשקע, איך וועל אייך פיהרען, מיינע איז די בעסטע, — האט נחמן שעלמיש אויסגעשריען.

ווי פון שלאף האט זיך זהובה פון דעם בערגעל, וואו זי איז געשטאנען, צו אונז אראבגעלאזען. נאר פארבייגעהענדיג שמעון׳ען איז זי שטעהן געבליבען.

— איהר וועט מיך פיהרען אביסעל? — האט זי איהם שטיל געפרעגט.

מיט דער אנגעשאטענער טאטשקע איז שמעון שטעהן געבליבען, אבער גלייך איז ער ווייטער געפאהרען. די טאטשקע האט זיך פון דעם קרש אראבגערוקט און האלב אויסגעשאטען.

— קומט, איך וועל אייך פיהרען... היינט קען ער ניט... ער איז ניט געזונד, — האט נחמן דער תימנ׳ער צו זהובה׳ן געשריען.

— ער וועט אייך נאך אויסקעהרען, איהר זעהט וואס פאר א טיעפער גרוב מען דארף פערשיטען... ער איז ברוגז... היינט וועט ער אייך ניט פיהרען... קומט זעצט זיך אין אונזערע טאטשקעס, מיר וועלען אייך פיהרען... — האבען מיר אלע געשריען און אויף שמעונ׳ען מיט די פינגער געטייט, וועלכער האט צוריק די טאטשקע אויפ׳ן קרש ארויפגעשטעלט, נאר גלייך ווייטער אראבגעווארפען.

— איהר זעהט?... ער איז ווייטער אראבגעפאלען... ער קען ניט פיהרען... — האט ניט אויפגעהערט נחמן שרייען, און מיר אלע נאך איהם.

— איהר זעהט!... הידד! ווייטער אראבגעפאלען... וואס איז מיט דיר שמען? דו וועסט דאך באלד זהובה'ן פיהרען און דו וועסט מיט איהר אויך אראבפאלען?... וואס וועט מען אויף אונז זאגען?... הא, הא, ווייטער אראבגעפאלען. הויבט אויף די טאטשקע פון גרוב! א מיאוס'ע זאך... — האבען מיר ניט אויפגעהערט שרייען און לאכען, צורייצטע פון דעם וואס זהובה האט זיך אפילו אין אונזער זייט ניט אומגעקוקט און מיט א רויטליכען געזיכט, האט זי נאכגעקוקט שמעון'ען, וועלכער איז צוריק מיט זיין טאטשקע געפאהרען.

— איהר וועט מיך פיהרען? — האט זי איהם ווידער גע־פרעגט, ווען ער האט זיך דערנעהנטערט.

שמעון האט זיך אויף אונז אומגעקוקט, דאן די טאטשקע ריין אויסגעטרייסעלט, און זי האט זיך געזעצט. אלץ האט ער געטהאן זעהר ערנסט און רוהיג.

מיר זיינען מיט די פיאשען אין האנד געשטאנען און געווארט ער זאל זי פיהרען.

— יאללא, וואס שטעהען מיר? שיט אן די טאטשקעס, מיר וועלען פיהרען, — האט מיט רציחה נחמן אויסגעשריען.

און שמעון האט שטיל, געלאסען, זעהר פארזיכטיג, זי זאל ניט אראבפאלען, געפיהרט זהובה'ן אין זיין טאטשקע.

— לינקס, לינקס! — האבען מיר געשריען, זעהענדיג ווי ביים איבערגאנג פון איין קרש אויפ'ן צווייטען, האט ער געחאל־טען ביים אראבפאלען.

— רעכטס, רעכטס! — האט אויך נחמן אנגעהויבען שרייען.

— לינקס, לינקס, — האבען מיר שוין גלאט אזוי געשריען.

— היט, היט, באלד פאלסט דו אראב... ביי דעם סוף פונ'ם קרש... הידד! — האבען מיר שוין אלע געשריען, ווען ער האט זיך מיט דער טאטשקע פונ'ם קרש אראבגערוקט.

— מוזיק, מוזיק! — האָט נחמן ווייטער געשריען צו אַלעמען און אָנגעהויבען קלאַפּען מיט אַ פּיאַש. און גלייך איז געוואָרען אַ קלאַפּעריי מיט די פּיאַשען אין די בלעכען און טאַטשקעס, אַ פּייפעריי און אַ זינגעריי: לינקס, רעכטס, לינקס, רעכטס...

אַ צוטומעלטע איז זהובה אין טאַטשקע געזעסען. און שמעון האָט זי געפיהרט מיט פעסט צונויפגעדריקטע צייהן און אַ געזיכט, אויף וועלכען עס האָבען זיך אַלערליי פאַרבען געביטען.

ער האָט זיך מיט איהר צו אונז אומגעקעהרט, אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט שאַרף־ברענענדיגע אויגען, און זי ווייטער געפיהרט אונטער אונזער געשריי, קלאַפּעריי, זינגעריי, פּייפעריי, און וואָס ווייטער אַלץ געשווינדער און געשווינדער. ער איז שוין געלאָפען מיט איהר, און...

— אַך!... — האָט זיך ביי אונז ארויסגעריסען אַ געשריי. מיר זיינען געבליבען שטעהן מיט אָפענע מיילער, ניט פערשטעהענדיג וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

שמעון איז אַרום זיין איבערגעקעהרטער טאַטשקע געשטאַנען און זהובה האָט זיך געקייקעלט איבער דעם באָרג אָנגעשאָטענעם זאַמד אין גרוב אריין..

אַ ווײַלע האָט שמעון איהר נאָכגעקוקט און דערנאָך האַסטיג אריינגעשליידערט די טאַטשקע אין גרוב, און דראָהענדיג מיט דער האַנד, איז ער געלאָפען פון אונז...

דעם טאָג האָבען מיר שוין מעהר ניט געאַרבייט.
שמעונ'ען האָבען מיר מעהר ניט געזעהן.